STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00262

DER GAYST FUN "FORVERTS"

Harry Rogoff

Permanent preservation of this book was made possible by
Joshua & Dorothy Dressler
in memory of
Belle Jaffe Dressler

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער גייסט
פון „פאָרווערטס"

הלל ראָגאָף

דער גייסט פון „פאָרווערטס"

(מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער אידישער פּרעסע אין אמעריקע)

אַרויסגעגעבן פון „פאָרווערטס"
ניו-יאָרק
1954

Copyright 1954
by H. Rogoff
New York

Made in U.S.A.

Printed by Futuro Press, Inc.
476 Broadway, New York 13, N. Y.

200

צו מיין פרוי אַ נ אַ

מיט ליבשאַפט

ה ל ל ר אָ ג אָ ף.



הלל ראָגאָף

פאָרערדע

דאָס בוך פרעטענדירט ניט צו זיין אַ געשיכטע פון דער „פאָר־ווערטס״־רעדאַקציע אָדער אַ באַשרייבונג פון איהרע מיטגלידער אין פאַרלויף פון די פאַרגאַנגענע פופציג, זעכציג יאָהר. מיין ציעל איז אַ פיעל מעהר באַשיידענער. איך וויל דאָ דערצעהלען איינינגע פון מיינע ערינערונגען פון די לאַנגע יאָהרען וואָס איך בין פאַרבונדען מיט דער „פאָרווערטס״ רעדאַקציע. יענע ערינערונגען וועלכע קענען, לויט מיין מיינונג, צונוצקומען דעם צוקונפטיגען היסטאָריקער ניט נאָר פון „פאָרווערטס״, נאָר פון דער אידישער פרעסע אין אַמעריקע אין אַלגעמיין.

כמעט אַלץ וואָס דאָס בוך ענטהאַלט איז פריהער געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס״. מיין אַבזיכט דאַמאָלס איז געווען צו באַקענען די לייענער פון דער צייטונג מיט די שרייבער וואָס בילדען די איצטיגע רעדאַקציע און אויך מיט איינינגע באַרימטע פערזענליכקייטען, וועל־כע האָבען פאַרנומען דעם אויבען־אָן אין דער רעדאַקציע אין דער פאַרגאַנגענהייט.

איך האָב געוואוסט, אַז דערצעהלען וועגען די אַלע הונדערטער זשורנאַליסטען, פובליציסטען, שריפטשטעלער וואָס האָבען זיך באַ־טייליגט אין „פאָרווערטס״ אין די לאַנגע יאָהרען פון זיין עקזיסטענץ וואָלט געווען פאַר מיר פשוט אוממעגליך און איך האָב אויך געצווייי־פעלט צי איך וואָלט מיט אַזאַ סעריע געקענט האַלטען דעם אינטערעס פונ׳ם לעזער צו לייענען. איך האָב דערפאַר באַשלאָסען אָפצושטעלען זיך אויף יענע שרייבער וואָס האָבען מיט זייער אַריינטריט אין „פאָר־ווערטס״ אָדער מיט זייער שפעטערדיגער מיטאַרבייטערשאַפט אָדער מיט זייער פערזענליכקייט עפּעס „מחדש״ געווען, אַריינגעטראָגען אַ נייעם טאָן, געגעבען אַ נייע ווענדונג, געבראַכט אַ נייעם כוח פאַר דער ענטוויקלונג פון דעם „פאָרווערטס״ און דער אידישער פרעסע אין אַלגעמיין.

נאָך אַ זאַך האָט באַווירקט מיין אויסוואַהל:

אין דער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע זיינען אין פאַרלויף פון די יאָהרען פאָרגעקומען סכסוכים און קאָנפליקטען צווישען איינצעלנע מיטאַרבייטער און דעם רעדאַקטאָר. מאַנכע פון די קאָנפליקטען האָבען אָנגענומען אַ זעהר ערנסטען כאַראַקטער. קאָנפליקטען זיינען אויך צייטענווייז פאָרגעקומען צווישען דער רעדאַקציע און דער „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאָן. אַמאָל האָט זיך עס געהאַנדעלט וועגען פּרינציפּען און אַמאָל וועגען פּערזענליכקייטען. אַזוינע זאַכען פּאַסירען אין אַלע צייטונגען, אין אַלע געזעלשאַפטען, וואָס פאַרנעהמען זיך מיט גייסטיגע שאַפונגען. דער „פאָרווערטס" האָט זיך אָבער געפונען אין אַזאַ לאַגע, אַז יעדער סכסוך אָדער קאָנפליקט פון דעם סאָרט איז אויפגעכאַפּט געוואָרען פון שונאים און קאָנקורענטען און אויסגענוצט געוואָרען צו פאַרשעמען און צו פאַרלוימדען אַמאָל דעם רעדאַקטאָר און אַמאָל די אַרויסגעבער פון דער צייטונג. בשעת די זאַכען האָבען פּאַסירט איז פאַר'ן „פאָרווערטס" שווער געווען אָדער אַמאָל אַפילו אוממעגליך געווען צו דערצעהלען די אמת'ע פאַקטען, ווייל עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען מענשען וועמען דער „פאָרווערטס" האָט ניט געוואָלט וועה־טאָן. אויסערדעם האָב אַב. קאַהאַן, דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" געהאַלטען פון דעם פּרינציפּ, אַז עס איז ניט פּאַסיג און ניט פּראַקטיש צו פיהרען פּאָלעמיק מיט שונאים אויף די שפּאַלטען פון די צייטונג.

איך האַלט, אַז עס איז ניט רעכט אַז די בלבולים און רכילות, וועלכע זיינען פאַרשריבען אין צייטשריפטען און ביכער פון אונזערע געגנער, זאָלען פאַרבלייבען אָהן אַן ענטפער. איך האָב זיי דערפאַר געשענקט ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט אויף איניגע פון די מעהר אָנגעוועהטאָגטע פאַלען פון דער קאַטעגאָריע, און דערצעהלט וואָס איך האָב אַליין געזעהן און געהערט וועגען זיי דאַמאָלסט בשעת זיי זיינען פאָרגעקומען.

ניט וועגען אַלע מיטאַרבייטער, געוועזענע און היינטיגע, וואָס זיינען געשטאַנען אויף מיין צעטעל האָב איך געשריבען. צוליב מיין געזונד־צושטאַנד בין איך געצוואונגען געווען איבערצורייסען די אַרבייט אין מיטען. עס ווילט זיך האָפען ,אַז מיר וועט געלינגען אָט־די אַרבייט צו פאַרענדיגען אין דער נאָהענטער צוקונפט.

הלל ראָגאָף.

קאַפּיטעל איינס

דער גייסט פון „פאָרווערטס"

ווען דאָס קליין הייפעלע אידישע אינטעליגענטען, צוזאַמען מיט עטליכע צענדליג פאָרטגעשריטענע אַרבייטער האָבען, אין 1897 געלייגט דעם פונדאַמענט פון דעם „פאָרווערטס", האָבען זיי זיך אין זייער ווייטסטער פאַנטאַזיע ניט געקאָנט פאָרשטעלען די ריזיגע ראָלע, וואָס דער שיקזאַל האָט אָנגעצייכענט פאַר דער צייטונג צו שפּילען אין דער מערקווירדיגער דראַמע פון דער אידישער אימיגראַציע אין אַמעריקע.

דער „פאָרווערטס" איז געבאָרען געוואָרען אין אַ קאַמף פאַר מעהר דעמאָקראַטיע, מעהר טאָלעראַנץ, מעהר ליבעראַליזם אין די רייהען פון דער דאַמאָלסטדיגער סאָציאַליסטישער פאַרטיי. און אינ'ם לויף פון דער צייט האָט ער דעם גרונד־פּרינציפּ זיינעם אָנגעווענדט אויף די פאַרשיידענע נייע פּראָבלעמען, וואָס דאָס לעבען פון די אידישע מאַסען האָט געשאַפען, פּראָבלעמען, וואָס האָבען געהאַט צו טאָן אַמאָל מיט דער גייסטיגער אַנטוויקלונג, אַמאָל מיט קולטורעלע אינסטיטוציעס און מאַנכעסמאָל מיט עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אָרגאַניזאַציעס.

די געשיכטע פון דעם „פאָרווערטס" איז אַ געשיכטע פון קאַמף. פונ'ם ערשטען טאָג אָן, וואָס ער איז געבאָרען געוואָרען, ביז דעם היינטיגען מאָמענט, האָט דער „פאָרווערטס" געמוזט שטעהן אויף דער וואַך געגען שונאים פון פאַרשיידענע זייטען, פון פאַרשיידענע ריכטונגען. (עס זיינען געווען צייטען, וואָס דער קאַמף פאַר'ן „פאָרווערטס" איז געפיהרט געוואָרען אין נאָמען פון רעכטען פאַנאַטיזם.) עס האָבען געגען „פאָרווערטס" געקעמפט גרופען,

וועלכע האָבן געזוכט צו האַלטען די אידישע מאַסען פאַרשקלאַפט עקאָנאָמיש און אומוויסענד פּאָליטיש; גרופּען וואָס האָבן גע־זוכט אויסצונעמען ביי די אידישע אַרבייטער־מאַסען פאַר כל׳ערליי אונמעגליכע באַוועגונגען; גרופּען וואָס האָבן געוואָלט אויסגראָבען אַן אָפּגרונד צווישען די אידישע אימיגראַנטען און דער אַמערי־קאַנער געזעלשאַפט, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט. אין די אַלע קאַמפּען, וואָס דער „פאָרווערטס״ האָט געפיהרט, איז ער אַרויס־געקומען דער זיגער; און מיט יעדען זיג, וואָס ער האָט פאַר־צייכענט, האָט זיך זיין איינפלוס און זיין פּרעסטיזש צווישען די אידישע מאַסען פאַרשטאַרקט. אין דער געשיכטע פון׳ם לעצטען האַלבען יאָהרהונדערט אידישע אימיגראַציע אין אַמעריקע, איז דער וויכטיגסטער איינצעל־פאַקטאָר געוועזען דער „פאָרווערטס״. און זיין ריזיגע וויכטיגקייט שטאַמט דערפון, וואָס ער האָט אויס־געאיבט אַזאַ גוואַלדיגען איינפלוס אויף דעם געזעלשאַפטליכען, גייסטיגען און קולטורעלען לעבען פון די גרויסע מאַסען; וואָס ער האָט געדינט אַלס זייער פאַרקעמפער און וועג־וויזער, אַלס זייער אויפקלערער און פיהרער אין זייערע וויכטיגסטע אונטערנעמונגען און אין זייערע שווערסטע קאַמפען און העכסטע שטרעבונגען.

עס איז ניט מעגליך אין איין קאַפּיטעל צו איבערדערצעהלען די געשיכטע פון דער גאַנצער און פיל־פאַכיגער הילף, וואָס דער „פאָרווערטס״ האָט געגעבען צו די אידישע מאַסען אין אַמעריקע אין משך פון די אַלע יאָהרען פון זיין עקזיסטענץ. פאַר דעם פאָדערען זיך גאַנצע ביכער. איך וויל בלויז אָנדייטען אַלגעמיינע פאַקטען, אָנצייכענען אַלגעמיינע שטריכען. פיל לעזער וועלען פון זייער אייגענעם זכרון אַליין אַרויסברייגגען איינצעלהייטען, וואָס וועלען פאַר זיי דאָס בילד אויספילען און אויסברייטערען.

אין די ערשטע יאָהרען פון זיין עקזיסטענץ זיינען די צוויי הויפּט־אויפגאַבען פון „פאָרווערטס״ געוועזען צו ראַטעווען די איסט סאַיד (די דאַמאַלסטיגע היים פון די אידישע אימיגראַנטען) פון דער פּעסט פון טעמעני האָל, און צו פאַרלייכטערען דעם שרעקליך שווערען לעבען פון די אידישע אַרבייטער אין שאַפּ. פאַר די לעזער, וואָס זיינען קיין אַמעריקע געקומען אין די שפּעטערע יאָהרען,

נאָכדעם ווי דער דאָפּעלטער קאַמף פון דעם „פאָרווערטס" איז טייל־ווייז דורכגעפירט געוואָרען, וועט זיין שווער זיך פאָרצושטעלען סאַי די וויכטיגקייט און סאַי די שווערינקייט פון דער אונטער־נעמונג. די שוואַרצע מאַכט פון די טעמעני־פּאָליטישענס אין דעם אידישען קוואַרטאַל איז געווען פּאַקטיש אומבאַגרעניצט. טעמעני האָט געוועלטיגט מיט דער קראַפט פון דער געזעצליכער רעגי־רונג, און מיט דער קראַפט פון דער פאַרברעכערישער אונטערוועלט. די ערשטע סאָציאַליסטען און „פאָרווערטסיסטען", וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען אין די גאַסען ריידען צום עולם, זיינען פּשוט באַוואָרפען געוואָרען מיט שטיינער. דער קאָרופּטער פּאָליטישען האָט דיקטירט דעם פּאָליסמאַן, דעם דזשאַדזש, דעם מעיאָר, דעם גאָווערנאָר. עס איז ניט מעגליך געווען אַפילו אויפצוהויבען אַ קול און פּראָטעסטירען.

און די געפאַר איז געווען שרעקליך גרויס. עס האָט זיך ניט געהאַנדעלט וועגען קריגען בעסערע געזעצען, וועגען קריגען מעהר יושר און גערעכטיגקייט. עס האָט זיך אַפילו ניט געהאַנדעלט וועגען קריגען שוץ געגען פאַרברעכער. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ פיל ערנסטערער זאַך, וועגען באַשיצען די היים, די פאַמיליע, וועגען פאַרהיטען די יונגע טאָכטער ניט אַריינצופאַלען אין די הענט פון ווייסע שקלאַפען־הענדלער, וועגען ניט דערלאָזען, אַז אונטערוועלט מענשען זאָלען אַריינדרינגען אין ערליכע היימען און דאָרטען מיט געוואַלד אַרויסרייסען אַ יונגע מיידעל אָדער אַ יונגען בחור און זיי צווינגען צו ווערען זייער ווערקצייג.

און מיט די אידישע אַרבייטער אין די שעפּער איז אויך געווען דאָס זעלבע. עס האָט זיך ניט געהאַנדעלט בלויז וועגען קריגען גרעסערע ווייִדזשעס אָדער אַ קורצערען אַרבייטס־טאָג. עס האָט זיך אויך ניט געהאַנדעלט וועגען עטאַבלירען מענשליכע באַציהונגען צווישען די אַרבייטער און באַלעבאַטים. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַרויסראַטעווען די אַרבייטער פון פאַרפּעסטעטע שעפּער, וואו אויף זיי האָבען געלויערט די שרעקליכסטע קראַנק־הייטען און אַפילו טויט־געפאַהרען. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען מעגליך מאַכען פאַר דעם אַרבייטער צו זעהן די זונענשיין,

צו באַקענען זיך מיט זיינע אייגענע קינדער, צו געניסען כאָטש עטוואָס פון דעם לעבען.

דער „פאָרווערטס" האָט דעם פּאָליטישער קאַמף געפיהרט אַלס אָרגאַן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי; און דעם עקאָנאָמישען קאַמף האָט ער געפיהרט אַלס דער אָרגאַן פון די יוניאָנס. אָבער דאָס איז בלויז פאָרמעל גערעדט אַזוי. אין דער אמת'ן איז דער „פאָרווערטס" דאַמאָלט געווען דער פונדאַמענט, דער קוואַל פון טעטיגקייט, פון ענערגיע פאַר ביידע, סאַי פאַר דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס האָט געקעמפט געגען די קאָרופּטע פּאָליטישענס, און סאַי פאַר די יוניאָנס, וואָס האָבען געקעמפט געגען די סוועט־שעפּער. אָהן דעם „פאָרווערטס" וואָלטען ניט די פּאַרטיי און ניט די יוניאָנס קיין איין טאָג אויף דער איסט סאַיד ניט געקענט עקזיסטירען.

דער דאָפּעלטער קאַמף האָט זיך געצויגען יאָרען לאַנג, אָבער ענדליך איז ער געקרוינט געוואָרען מיט ערפאָלג. די אידישע קוואַרטאַלען האָבען זיך אינגאַנצען באַפרייט פון די קאָרופּטע פּאָליטישענס, און געשיקט אַלס זייערע פאַרטרעטער אין וואַשינגטאָן, אין אָלבאַני, אין סיטי האָל פאָרשטעהער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכע האָבען געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון גאַנצען לאַנד מיט זייער אויפריכטיגקייט, אידעאַליזם און פעהיגקייטען. מאיר לאָנדאָן, דער סאָציאַליסטישער קאָנגרעסמאַן פון דער איסט סאַיד, איז געווען אַ שטאָלץ פאַר די אידען און איבערהויפּט פאַר די אידישע אַרבייטער־מאַסען און פאַר די אידישע אימיגראַנטען אין גאַנצען לאַנד.

און די אידישע יוניאָנס האָבען זיך אויסגעשפּרייט איבער צענדליגער פאַרשיידענע טרעידס און זיך פאַנאַנדערגעוואַקסען אין ריזיגע אָרגאַניזאַציעס. דער סוועט־שאַפּ איז אויסגעוואָרצעלט געוואָרען, און די באַדינגונגען פון די אידישע אַרבייטער אין די אידישע טרעידס האָבען זיך געקאָנט פאַרגלייכען מיט די באַדינגונגען אין די טרעידס פון די גרעסטע און שטאַרקסטע אַמעריקאַנער יוניאָנס. עס איז געקומען אַ מאָמענט, ווען די עכטע אַמעריקאַנער יוניאָנס האָבען גענומען קוקען מיט באַוואונדערונג אויף זייערע

אידישע קאָלעגען און געזוכט צו נעמען זייערע מעטאָדען און זייערע קאָנטראַקטען אַלס מוסטער פאַר זיך נאָכצופאָלגען.

* * *

מיט'ן וואוקס פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי און פון די אידישע יוניאָנס זיינען ענטשטאַנען גרופּען, טענדענצען, ריכטונגען, וואָס האָבען געפיהרט צו מחלוקות און רייסעריייען אין אונזערע אייגענע רייהען. מאַנכע פון די רייסערייען זיינע געווען זעהר ערנסטע, און עס זיינען געווען מאָמענטען, ווען די לאַגע איז אפילו געוואָרען געפעהרליך. אין די אַלע אינערליכע רייבונגען און רייסערייען האָט דער „פאָרווערטס“ געמוזט זאָגען זיין וואָרט, ווייל אַלע האָבען דאַרויף געוואַרט. זיין וואָרט איז געווען דאָס וואָגיגסטע און געהאַט די גרעסטע ווירקונג.

דאָס האָט די אויפגאַבע פון „פאָרווערטס“ געמאַכט נאָך שווערער און נאָך פאַראַנטוואָרטליכער. מיט ווייניג אויסנאַמעס זיינען די אַלע אינערליכע קאַמפען געווען פאַרבונדען מיט פראַגען פון פּרינציפּ, פון טיפע איבערצייגונגען, און דערפאַר איז אין די קאַמפען אַריינגעטראָגען געוואָרען אַ סך ביטערקייט, אָפטמאָל אַפילו אַ מין רעליגיעזע ליידענשאַפט.

די שווערסטע קאַמפען אויף דעם געביט האָט דער „פאָרווערטס“ געמוזט פיהרען מיט יענע גרופּען און ריכטונגען, וואָס האָבען געזוכט צו מאַכען אונזער באַוועגונג מעהר פאַנאַטיש־„רעוואָלוציאָנעריש“. איך האָב שוין פריהער אָנגעוויזען אויף דעם, אַז דער „פאָרווערטס“ איז „געבאָרען געוואָרען אין אַ קאַמף פאַר מעהר טאָלעראַנץ, מעהר דעמאָקראַטיע און מעהר ליבעראַליזם“. און אָט־דעם קאַמף האָט דער „פאָרווערטס“ געמוזט פאָרטזעצען און אָנהאַלטען אין משך פון די אַלע יאָהרען פון זיין עקזיסטענץ.

עס זיינען שטענדיג געווען היציגע און אומגעדולדיגע עלעמענטען אין דער באַוועגונג, וואָס האָבען געוואָלט „ברענגען די רעוואָלוציע“ וואָס שנעלער. אָט־די גרופּען זיינען דערמוטיגט געוואָרען אויף דער אידישער גאַס פון פרישע אימיגראַנטען, וועלכע זיינען אויף יענער זייט ים דערצויגען געוואָרען אין אונטער־

ערדישע באַוועגונגען, וואו מען האָט פון געזעצליכע קאַמפּס־פאָרמען ניט געוואוסט, און וואו רעוואָלוציאָנערע קאַמפּס־מיטלען זיינען געווען די איינציגע, וואָס האָבען אַפּעלירט צו די באַוועגונגס־מענשען. די גרופּען האָבען שטענדיג געבורעט אינווייניג אין דער פּאַרטיי, און ווען זיי האָבען נאָר געפונען די געלעגענהייט און מעגליכקייט, האָבען זיי דעם קאַמף אַרויסגעטראָגען אין דרויסען, און פּרובירט צו מאַכען שפּאַלטונגען און צו פּאַרלוימדען און פּאַר׳מיאוס׳ען זייערע אייגענע גענאָסען אין די אויגען פון דער וועלט.

דער „פאָרווערטס״ איז אָבער געבליבען געטריי די פּרינציפּען, וואָס האָבען איהם אַרויסגערופען צום לעבען. ער האָט ניט דערלאָזט, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און די אידישע יוניאָנס, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער זיין איינפלוס, זאָלען פאַרוואַנדעלט ווערען אין ווילדע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס. דער „פאָרווערטס״ האָט געגלויבט, אַז אין אַזאַ לאַנד, ווי אַמעריקע, אין אַ פריי, דעמאָקראַטיש לאַנד, קען דער איבערבוי פון דער געזעלשאַפט אויף סאָציאַליסטישע יסודות געמאַכט ווערען דורך געזעצליכע, פרידליכע מיטלען. דער „פאָרווערטס״ האָט אויך געגלויבט, אַז די ערשטע און וויכטיגסטע אויפגאַבע פון די יוניאָנס איז צו פאַרבעסערען די לאַגע פון די אַרבייטער שוין איצטער, אונטער דער עקזיסטירענדער אָרדנונג. און אויב מען וועט די יוניאָנס פאַרוואַנדלען אין „רעוואָלוציאָנערע״ אָרגאַניזאַציעס, וועלען זיי ניט קענען דורכפיהרען זייער הויפּט־אויפגאַבע און וועלען פאַרלירען דעם צוטרוי און די אָנהענגערשאַפט פון די גרויסע מאַסען אַרבייטער.

די צוויי גרעסטע „שלאַכטען״, וואָס דער „פאָרווערטס״ האָט געמוזט פיהרען פאַר אָט די פּרינציפּען, זיינען פאָרגעקומען: איינע געגען דער „אַי־דאַבעליו־דאַבעליו״, אין די ערשטע 15 יאָהר פון אונזער יאָהרהונדערט, און די צווייטע געגען די קאָמוניסטען פון די צוואַנציגער יאָהרען אָן. די צוויי באַוועגונגען האָבען זיך פאַרמאָסטען צו צושפּאַלטען די אידישע יוניאָנס און צו אָרגאַניזירען אַ באַוועגונג, וואָס זאָל פאַרבייטען זייער הויפּט־אויפגאַבע פון

פאַרבעסערען די איצטיגע לאַגע פון די אַרבייטער אויף מאַכען גלייך אַ רעוואָלוציע אין לאַנד. דיביידע שלאַכטען האָבען דעם „פאָרווערטס" זעהר פיל געקאָסט. אָבער ער האָט זיי ביידע דורכגעפיהרט צו אַן ערפאָלגרייכען סוף. איצטער ווערען ווייניג פאַרשער פון דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג לייקענען, אַז ווען די „אַי־דאָבעליו־דאָבעליו" אָדער די קאָמוניסטען וואָלטען „איינגענומען" די אידישע יוניאָנס און זיי פאַרוואַנדעלט אין רעוואָלוציאָנערע אינסטרומענטען, וואָלט פון אונזער גאַנצער יוניאָן באַוועגונג קיין זכר ניט געבליבען, און דערצו נאָך וואָלט די גאַנצע אידישע אַרבייטערשאַפט געבליבען דיסקרעדיטירט אין די אויגען פון דער אַמעריקאַנער אָרגאַניזירטער אַרבייטערשאַפט. און דער גאַנצער אידישער ישוב וואָלט דערפון געליטען.

דעם „פאָרווערטס" איז אין אַלע זיינע קאַמפען געלונגען צו געווינען די גרויסע מערהייט פון די אידישע אַרבייטער אויף זיין זייט צוליב עטליכע אורזאַכען. ערשטענס, האָט ער דורך טאָגטעגליכעביישפּילען אין פאַרלויף פון פילע יאָהרען איבערצייגט די מאַסען, אַז ער איז איבערגעבען צו זייערע אינטערעסען, אַז ער עקזיסטירט בלויז, כדי זייערע אינטערעסען צו דינען. צווייטענס, האָט ער זיי דורך ענליכע ביישפּילען איבערצייגט, אַז זיין שטעלונג צו וויכטיגע פּראָבלעמען האָט שטענדיג געבראַכט די בעסטע רעזולטאַטען.

אָבער עס איז דאָ נאָך אַן אורזאַך פאַרוואָס די מאַסען זיינען אין דער גרעסטער צאָל שטענדיג מיטגעגאַנגען מיט דעם „פאָרווערטס": דער „פאָרווערטס" האָט מיטגעלעבט מיט די מאַסען, מיטגעלעבט מיט זיי אין זייערע היימען, ביי זייערע פאַרוויילונגען, אין זייערע פאַמיליעס, מיט זייערע קולטורעלע אינטערעסען. דער „פאָרווערטס" האָט אין צעהנדליגער טויזענטער אידישע היימען אויסגעפילט דאָס אָרט פון דעם גייסטיגען פיהרער, פון דעם מאָראַלען וועגווייזער.

דער „פאָרווערטס" האָט געלערענט די צעהנדליגע טויזענטער אַרבייטער צו האָבען אַ געזונטע באַציהונג צו אַלגעמיינע אַמערי־

קאָנער פראַגען, צו האָבען אַ געזונטע באַציהונג צו די אינסטיטוציעס פון לאַנד, צו האָבען אַ גוטע באַציהונג צו פּאָליטיק און צו עקאָנאָמישע איינריכטונגען. עס איז דערפאַר ניט געווען אַזוי לייכט פאַר די, וואָס האָבען געזוכט די אַרבייטער צו פיהרען אויף נייע וועגען, אויף ווילדע וועגען, צו געווינען זייער נאָכפאָלגערשאַפט. דער „פאָרווערטס״ האָט דערצויגען די גרויסע מאַסען, אין זיי איינגעוואָרצעלט אַ געוויסען צוגאַנג צו פראַגען, אַ שטאַנדפונקט צו באַהאַנדלען פּראָבלעמען. מיט פאַלשע אַרגומענטען און פוסטע פראַזען איז שווער געווען די מענשען צו פאַרפיהרען.

איינע פון די וויכטיגסטע זאַכען, וואָס דער „פאָרווערטס״ האָט געטאָן אויף דעם געביט פון דערציאונג, איז צו מאַכען די אידישע אימיגראַנטען־מאַסען פאַר אַמעריקאַנער, זיי אויסצוגרינען, זיי צו אַמעריקאַניזירען. דער „פאָרווערטס״ האָט געלערנט זיינע לעזער צו פאַרשטעהן אַמעריקע, צו פאַרשטעהן די אַמעריקאַנער אינסטיטוציעס. פאַר דעם צוועק האָט דער „פאָרווערטס״ צענדליגער יאָהרען נאָכאַנאַנד ניט אויפגעהערט צו דרוקען אַרטיקלען, איינצעלנע און גאַנצע סעריעס, וועגען אַמעריקאַנער געשיכטע, אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע, אַמעריקאַנער גרויסע פערזענליכקייטען, וועגען אַמעריקאַנער געזעלשאַפטליכע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. די שרייבער פון די אַרטיקלען זיינען געווען עקספּערטען אין זייער פאַך. זיי האָבען די אַרטיקלען געשריבען ניט פאַר אַגיטאַציע, נאָר פאַר בילדונג, פאַר לערנען. זיי האָבען געזוכט דעם לעזער צו אינפאָרמירען און איהם אויפצוקלערען, ער זאָל וויסען און פאַרשטעהן דאָס לאַנד, אין וועלכען ער לעבט, דאָס לאַנד, אין וועלכען ער האָט אויף אימער זיין היים געמאַכט.

דער „פאָרווערטס״ האָט מיט די אַרטיקלען וועגען אַמעריקע געהאַט נאָך אַ זאַך אין זינען. ער האָט געזוכט דורך זיי נעהענטער צו ברענגען דעם אימיגראַנטען־פאָטער צו זיינע היגע געבאָרענע און דאָ ערצויגענע קינדער. און אויך דער ציל איז דערגרייכט געוואָרען. אַ דאַנק די דערמאָנטע אַרטיקלען, איז עס מעגליך געוואָרען פאַר דעם אימיגראַנט צו ריידען מיט זיינע האַי־סקול־ און קאָלעדזש־קינדער וועגען עפּיזאָדען אין דער אַמעריקאַנער

געשיכטע, וועגען באַרימטע אַמעריקאַנער פערזענליכקייטען, וועגען אַמעריקאַנער אינסטיטוציעס, וועגען אַמעריקאַנער רעגירונגס־פאָר־מען און וועגען אַמעריקאַנער פּראָבלעמען אין אַלגעמיין. דער טיפער אָפּגרונד צווישען די צוויי דורות איז דורך דער אַמערי־קאַניזאַציע־אַרבייט פון „פאָרווערטס״ ביז אַ גרויסען טייל פאַר־שאָטען געוואָרען.

יעדער אימיגראַנט ווערט ביסלאַכווייז אַליין אויסגעגרינט. וואָס לענגער ער איז אין לאַנד, אַלץ מעהר נעמט ער איבער אַמעריקאַ־נער פיהרונגען און מאַניערען און אַלץ מעהר ווערט ער אָנגע־שטעקט מיט אַמעריקאַנער געדאַנקען און מיט׳ן אַמעריקאַנער קוק אויפן לעבען. אָבער אין דעם „אייגענעם אויסגרינען זיך״ שטעקט אַ גרויסע געפאַהר. זעהר אָפט פּאַסירט עס, אַז דער גרינער נעמט איבער גראָד די שלעכטע זיטען, די ערגערע געדאַנקען, די נאַ־רישסטע מיינונגען פון די ערגסטע שיכטען אין דער געזעלשאַפט. דער סאָרט אַמעריקאַניזאַציע ברענגט מעהר שאָדען ווי גוטס. דער „פאָרווערטס״ האָט געגען דער גאַסען־אַמעריקאַניזאַציע שטענדיג געוואָרענט. ער האָט אָנגעוויזען אויף דעם אונטערשיד צווישען דעם גוטען אַמעריקאַניזם, דעם אַמעריקאַניזם פון דער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ, און דעם וואולגאַרען אַמעריקאַניזם פון דעם אַלראַיט־ניק אָדער פון דעם גאַסען־יונג.

* * *

דער „פאָרווערטס״ האָט פון אָנפאַנג אָן זיך אָפּגעזאָגט פון דעם געדאַנק, אַז די ליטעראַטור און די קונסט דאַרפען געשטעלט ווערען אין דינסט פון סאָציאַליזם אָדער פון אַרבייטער־קאַמף. ער האָט דעם געדאַנק צוריקגעוויזען נאָך אין די ערשטע יאָהרען פון זיין עקזיסטענץ, ווען אונזער באַוועגונג איז נאָך געווען שטאַרק אָנגעהויכט פון אַלע פאַנאַטישע אידעען וועגען דער „סאָציאַלער רעוואָלוציע״, אידעען וואָס האָבען באַהערשט די קאָמוניסטישע באַוועגונג אין די שפּעטערדיגע יאָהרען. דער „פאָרווערטס״ האָט געהאַלטען, אַז ליטעראַטור און קונסט מוזען זיין אַבסאָלוט פריי

און בלויז דאַן ווען דער קינסטלער און שריפטשטעלער זיינען ניט געבונדען פון קיין טעאָריעס און פּאַרטיי־אָרדערס, קענען זיי שאַפען טאַלאַנטפולע ווערק.

און אויפן גרונד פון אָט־דעם פּרינציפּ האָט דער „פאָר־ווערטס" איינגעלאַדען אַלס מיטאַרבייטער יעדען טאַלאַנטפולען שריפטשטעלער, וואָס זיינע פּאָליטישע אָדער עקאָנאָמישע אָנ־שויאונגען זאָלען ניט געווען זיין.

דער צוקונפטיגער היסטאָריקער פון דער אידישער ליטעראַטור וועט זיך אויף דעם פאַקט זיכער אָפּשטעלען. דערמיט וואָס דער „פאָרווערטס" האָט אַזוי פריה פאַרוואָרפען דעם פּרינציפּ פון „פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור", אָן וועלכען פאַנאַטישע סאָציאַליסטען האָבען זיך לאַנג געהאַלטען, האָט ער געגעבען גרויס דערמוטיגונג צו אמת'ע קינסטלער און האָט פיל בייגעשטייערט צו דער ענטוויק־לונג פון דער אידישער ליטעראַטור.

עס איז ניט סתם קיין צופאַל, וואָס די בעסטע אידישע שריפט־שטעלער האָבען געפונען זייער היים אין דעם „פאָרווערטס" און וואָס אַזאַ גרויסער פּראָצענט פון די מייסטערווערק, וואָס די ליטע־ראַטור האָט געשאַפען, איז צום ערשטען געדרוקט געוואָרען אין „פאָרווערטס". דאָס האָט זיך גענומען דערפון, וואָס דער „פאָר־ווערטס" האָט געוואוסט ווי אָפּצושאַצען דעם באַגאַבטען שריפט־שטעלער, ווי אַזוי איהם פאָרצושטעלען פאַר דעם לעזער, ווי אַזוי איהם צו מאַכען פּאָפּולער און באַליבט ביי די גרויסע מאַסען.

דער „פאָרווערטס" האָט געהאַלטען פאַר זיין אויפגאַבע צו ענטוויקלען ביי זיינע לעזער אַ געשמאַק פאַר גוטע ליטעראַטור. ער האָט די אויפגאַבע דערפיהלט מיט דער זעלבער איבערגעבענ־הייט און מיט דער זעלבער באַגייסטערונג, ווי זיינע אויפגאַבעס אויף דעם פּאָליטישען און עקאָנאָמישען געביט.

מאַנכע מענשען וואַרפען אויף דעם „פאָרווערטס", וואָס ער גיט זעלטען אָפּהאַנדלונגען וועגען אידישע ביכער. דער ענטפער איז, אַז אָנשטאָט צו געבען אַרטיקלען וועגען אידישע ליטעראַטור, דרוקט ער אידישע ליטעראַטור. די ליטעראַרישע ראָמאַנען, סקיצען

און דערצעהלונגען, וואָס ערשיינען אין פאַרלויף פון איין יאָהר אין „פאָרווערטס", קאָנען אָנפילען אַ גאַנצע פּאָליצע מיט ביכער.

* * *

די געשיכטע פון „פאָרווערטס" דאַרף איינגעטיילט ווערען אין צוויי באַזונדערע פּעריאָדען. אין די ערשטע צוואַנציג יאָהר איז דער וועג זיינען געווען אַ גראַדער, אַ פאָראויס־באַשטימטער. דאָס איז געווען די צייט, ווען קיינער האָט ניט געצווייפעלט אין די גרונד־פּרינציפּען פון דעמאָקראַטיע, פרייהייט, גערעכטיגקייט; ווען דער סאָציאַליזם האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די העכסטע, ריינסטע מאָראַל פון יושר און מענשליכקייט. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט דאַמאָלסט געטאָן איהר אַרבייט אין דער העלער ליכט פון דער ברייטסטער עפענטליכקייט. זי האָט פּראַקטיצירט דאָס, וואָס זי האָט געפּרעדיגט. און אויף דעם גרונד פון די מאָראַלע פּרינ־ציפּען האָט די באַוועגונג אויסגעאַרבייט די ליניעס פון איהר פּראַקטישער טעטיגקייט, איהר קאַמף־סטראַטעגיע, איהר טאַקטיק פון פּראָפּאגאנדע און פון דיסציפּלין אין די אייגענע רייהען. דער „פאָרווערטס", אַלס אָרגאַן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, איז געגאַנגען אויף דעם וועג פון דער אָנגענומענער סאָציאַליסטישער מאָראַל און האָט באַנוצט די אנערקענטע מעטאָדען פון סאָציאַ־ליסטישער טאַקטיק.

גאַנץ אַנדערש איז די לאַגע געוואָרען אין צווייטען פּעריאָד פון דער „פאָרווערטס"־געשיכטע. דאָס איז געווען אַ צייט, ווען דער מאָראַלער פונדאַמענט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז צוטרייסעלט געוואָרען און שיער ניט אינגאַנצען פאַרניכטעט געוואָרען. די קאָמוניסטען, וועלכע האָבען פאַרכאַפּט גרויסע טיילען פון אונזער באַוועגונג, האָבען צוטראָטען מיט די פיס אַלע מאָראַלע אידעען און פּרינציפּען, וואָס זיינען ביי סאָציאַליסטען שטענדיג געווען הייליג. זיי האָבען געלאַכט פון דעמאָקראַטיע, פרייהייט, יושר, מענשליכקייט, גערעכטיגקייט. זיי האָבען געפּרעדיגט די נייע תורה, אַז די אַלע מאָראַלע פּרינציפּען זיינען אויסגעטראַכט געוואָרען פון די קאַפּיטאַליסטען אַלס אַ וואפען געגען דער סאָ־

ציאַלער רעוואָלוציע, אַלס אַ מיטעל צו פאַרשפּאָרען דעם וועג צום סאָציאַליזם. די קאָמוניסטען האָבען פאַרביטען די אַלטע סאָציאַליסטישע טאַקטיק פון קאַמף אין נאָמען פון פרייהייט און גערעכטיגקייט, אויף געוואַלט אין נאָמען פון דיקטאַטור און טעראָר.

די מאָראַלישע צוטרייסלונג אין די אָרגאַניזירטע אַרבייטער־רייהען, וואָס דער קאָמוניזם האָט געבראַכט, האָט געפיהרט צו אַלערליי רייסערייען און אַנטוישונגען. אין אַנדערע לענדער האָט אָט־די צורודערונג געעפנט דעם וועג צו פאַשיזם און פאַרטריבן מיליאָנען מענשען פון אונזער לאַגער אין לאַגער פון שונא. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה פון צווייפלען, פון „איבערשאַצען אַלטע ווערטען", פון זוכען נייע וועגען, פון איבערטאַשען און איבערבויען.

אין אָט דער גרויסער ערדציטערניש, וואָס האָט אונזער באַוועגונג אַזוי צוטרייסעלט, האָט דער „פאָרווערטס" שנעל געפונען זיין גלייכגעוויכט. ער האָט דערקלערט, אַז ער האַלט טייער און הייליג די אַלטע פּרינציפּען, אויף וועלכע דער סאָציאַליזם איז אימער געשטאַנען, די פּרינציפּען פון דעמאָקראַטיע, פרייהייט און גערעכטיקייט; אַז ער האַלט טייער און הייליג די אַלטע אָנגענומענע מאָראַל פון יושר און גערעכטיגקייט און ער וועט אָט־די פּרינ־ציפּען אויף קיין אַנדערע נישט פאַרבייטען.

אין פאַרלויף פון די יאָהרען האָט זיך געשאַפען אַ לאַגע, אין וועלכער דער „פאָרווערטס" איז געוואָרען די איינציגע שטאַרקע פעסטונג געגען דער קאָמוניסטישער געפאַר. ספּעציעל איז דאָס געווען דער פאַל נאָכדעם ווי די גרויסע יוניאָנס זיינען דורך אינער־ליכע קאַמפען שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרען און זיי האָבען קיין כוחות ניט געהאַט אַפילו זיך אַליין צו באַשיצען. צוזאַמען מיט דעם „פאָרווערטס" איז געשטאַנען דער אַרבייטער רינג, אָבער אויך דער אַרבייטער רינג וואָלט ניט געקענט איינהאַלטען זיין פּאָזיציע געגען די אַטאַקעס פון דרויסען און אינעווייניג, ווען ניט די הילף, וואָס דער „פאָרווערטס" האָט איהם געגעבען.

עס איז נאָך צו פריה צו געבען אַ פולשטענדיגע אָפּשאַצונג פון דער גרויסער אַרבייט, וואָס דער „פאָרווערטס" האָט געטאָן אין

די יאָהרען פון קאַמף געגען דער קאָמוניסטישער תורה און געגען דער קאָמוניסטישער טאַקטיק אויף דער אידישער גאַס. אָבער כדי צו קריגען אַ שטיקעל באַגריף פון דער גרויסער אַרבייט, איז גענוג זיך פאָרצושטעלען וואָס עס וואָלט געווען, ווען דער „פאָרווערטס" וואָלט דעם קאַמף ניט געווען געפיהרט, אָדער ווען דער „פאָרווערטס" וואָלט דעם קאַמף געווען פאַרלוירען. אָט וואָס עס וואָלט דאַמאָלסט פּאַסירט:

אַלע אידישע יוניאָנס וואָלטען אַריבער צו די קאָמוניסטען און וואָלטען אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער „אַמעריקאַן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר". אין אַמעריקע וואָלט דאַן פאַרשפּרייט געוואָרען דער געדאַנק, אַז אַלע אידישע אַרבייטער זיינען קאָמוניסטען און אַז די אידישע אַרבייטער באַוועגונג גרייט צו אַן אונטערערדישע רעוואָלוציע געגען דער אַמעריקאַנער רעגירונג. דער אידישער טייל פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און פיליכט אויך דער אַרבייטער רינג וואָלטען צוגעשטאַנען צו די קאָמוניסטען. עס פאַרשטעהט זיך, אַז אין טרעידס, אין וועלכע עס געפינט זיך אַ גרויסער פּראָצענט ניט־אידישע אַרבייטער, וואָלטען די יוניאָנס ענטוועדער צופאַלען אָדער צושפּאַלטען געוואָרען; די אידען וואָלטען בלייבען ביי די קאָמוניסטען און די ניט־אידען וואָלטען אַוועק צו דער „אַמעריקאַן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר". די אידישע אַרבייטער־מאַסען וואָלטען געשטעמפּעלט געוואָרען אַלס „געפערליכע טעראָריסטען", אַלס שונאים פון דער אַמעריקאַנער פרייהייט און דעמאָקראַטיע, אַלס פאַררעטער צום לאַנד.

און עס וואָלט זעהר שווער געווען די באַשולדיגונג אָפּצולייקענען. עס וואָלט אויף דער אידישער אַרבייטער גאַס ניט געווען אַפילו ווער עס זאָל די אָפּלייקענונג מאַכען.

וויפיל קאַפּיטאַל וואָלטען דערפון געשלאָגען די אַנטיסעמיטען און די נאַציס!

די קאָמוניסטען עקזיסטירען אַלס באַוועגונג בלויז צו דינען די אינטערעסען פון סאָוועט־רוסלאַנד. קיין אַנדער אויפגאַבע האָבען זיי ניט.

און דאָ שלאָגען זיך די קאָמוניסטען ווידער אָן אָן דעם

„פּאָרווערטס". דער „פּאָרווערטס" ענטזאגט זיך צו אורטיילען סאָוועט־רוסלאַנד לויט אַנדערע פּרינציפּען און אַן אַנדער מאָראַל ווי אַנדערע טיילען פון דער מענשהייט. דער „פּאָרווערטס" גלויבט, אַז אויב אָהן פרייהייט און דעמאָקראַטיע איז ניט מעגליך קיין גליק פאַר די מאַסען אין אַמעריקע, דאַן איז עס ניט מעגליך פאַר זיי אין סאָוועט־רוסלאַנד. דער „פּאָרווערטס" גלויבט, אַז אויב יושר און גערעכטיגקייט זיינען נויטיג פאַר די מענשען אין אַמע־ריקע, זיינען זיי אויך נויטיג פאַר די מענשען אין סאָוועט־רוס־לאַנד.

און דער „פּאָרווערטס" גלויבט אויך, אַז עס איז זיין אויפגאַבע צו דערצעהלען דעם אמת וועגען דעם ווי עס לעבען די אַרבייטער אין סאָוועט־רוסלאַנד, פּונקט ווי צו דערצעהלען דעם אמת וועגען דעם לעבען פון די אַרבייטער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דער „פּאָרווערטס" גלויבט ניט, אַז גוטס קען אַרויסקומען פון פאַרדעקען און פאַרלייקענען דעם אמת. ער גלויבט, אַז די אמת'ע פריינד פון די רוסישע פאָלקס־מאַסען זיינען די, וואָס גיבען אַן אמת'ע בילד פון דעם, וואָס אין סאָוועט־רוסלאַנד קומט פאָר.

און עס וועט קומען די צייט, ווען אויך אָט־דער פּשוט'ער אויסגעפּרובירטער אמת וועט אַנערקענט ווערען פון אונזערע איצ־טיגע געגנער און באַקעמפּפער.

דער „פּאָרווערטס" איז געבאָרען געוואָרען אין קאַמף און אין קאַמף איז ער געוואָרען גרויס און מעכטיג. די קאַמפּפען, וואָס ער האָט געפירט אין משך פון זיין עקזיסטענץ, זיינען געווען אין די אינטערעסען פון די אַרבייטער מאַסען, וועלכע האָבען איהם געגרינדעט און פאַר דער פאַרטיידיגונג פון די הויכע מאָראַלע אידעען און פּרינציפּען, וועלכע האָבען באַגייסטערט די מענשען, וואָס האָבען איהם געשאַפען.

קאַפּיטעל צוויי

ווי אַזוי איך בין אַריין אין „פאָרווערטס"

מיינע צוויי „אונטערפירער" ביים אַנקומען אין „פאָרווערטס". אין זומער פון 1906, זיינען געווען אַדאָלף העלד, דער איצטיגער טשערמאַן פון דעם אידישען אַרבייטער קאָמיטעט, און הענרי גרינפילד, דער מענעדזשער פון „דאַבעליו־אי־ווי־די" ראַדיאָ סטעי־שאָן. איך האָב זיך מיט זיי ביידען באַקענט אין דער „סאָשעליסט ליטעראַרי סאָסייעטי" אויף איסט בראָדוועי, אין וועלכער איך בין אַריינגעטראָטען מיט איניגע מאָנאַטען פריהער. וועגען אַדאָלף העלד האָב איך אויך געהערט אין סיטי קאַלעדזש, וואו מיר זיינען ביידע געווען סטודענטען. מיר האָבען באַלאַנגט צום זעלבען קלאַס, אָבער צו פאַרשידענע קלאַס־גרופּירונגען. ער האָט זיך אָפּגעגעבען מעהר מיט ליטעראַטור און קונסט; איך — מער מיט מאַטעמאַטיק, סאָציאַלע און נאַטור־וויסענשאַפטען. געהערט וועגען איהם, וועגען העלד'ן, האָב איך דערפאַר, וואָס ער איז געווען טעטיג אין די סטודענטישע אָרגאַניזאַציעס און אונטערנעמונגען. ער איז געווען דער פאַרוואַלטער פון די ספּאָרט „טיעמס". דעם לעצטען יאָהר איז ער „געלאָפען" פאַר'ן העכסטען אַמט פון קלאַס — פאַר „קלאַס־פּרעזידענט", און ער איז דערוועהלט געוואָרען.

דעמאָלט, אין מיין לעצטען קאַלעדזש־יאָהר, פלעג איך דרוקען אַרטיקלען אין דער ענגלישער סאָציאַליסטישער פּרעסע — אין טעגליכען „קאָל" און אין וועכענטליכע אויסגאַבען. ווי ווייט איך קען זיך עראינערען, זיינען צווישען מיינע קאַלעדזש־קאָלעגען ניט געווען קיין סאָציאַליסטען. עס איז פאַר מיר געווען אַן איבער־ראַשונג, ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז דער איינציגער וואָס

איז יע אַ סאָציאַליסט איז גראַדע דער פּאָפּולערסטער סטודענט, דער פּרעזידענט פון קלאַס! איך געדענק אַ באַגעגעניש צווישען העלד'ן און מיר אין דער „לאָנטש"־שטונדע, אין דרויסען לעבען קאַלעדזש. אונזער געשפּרעך איז געווען וועגען „פאָרווערטס". איך האָב איהם געפרעגט וועגען דעם סטרייק פון „צייטונגס־קעריערס" אין פילאַדעלפיע, וואָס איז דאַמאָלסט אָנגעגאַנגען. העלד האָט מיר ערקלערט די שטעלונג פון „פאָרווערטס" און געוואָלט מיר איבער־צייגען אַז די שטעלונג איז אַ גערעכטע.

מיין באַקאַנטשאַפט מיט הענרי גרינפילד האָט זיך שנעל אַנט־וויקעלט אין אַן אינטימער, הייסער פריינדשאַפט. מיר פלעגען פאַר־ברענגען שטונדען צוזאַמען שפּאַצירענדיג איבער די גאַסען און זיצענדיג אין קאַפעס איבער אַ טעפעלע קאַפע און ריידען וועגען ביכער און שרייבער, וועגען ליטעראַטור און קונסט. מיר האָבען אויסדערצעהלט איינער דעם אַנדערען וועגען אונזערע פּריוואַטע לעבענס, וועגען אונזערע פּראָבלעמען, אונזערע חלומות און אַמ־ביציעס. די געשפּרעכען האָבען געווירקט אויפצואוועקען אין גרינפילד'ן ליטעראַרישע שטימונגען און געדאַנקען, וועלכע ער האָט אויסגעדריקט אין פּאָעמעס אויף אידיש און ענגליש. מיר פלעגען די פּאָעמעס לייענען צוזאַמען (מאַנכע פון די זאַכען זיינען שפּעטער דערשינען אין דער „צוקונפט"). ביי מיר איז ניטאָ קיין צווייפעל, אַז ווען דער „פּראַקטישער לעבען" וואָלט ניט געווען פאַרשלונגען גרינפילד'ס צייט און ענערגיע, וואָלט פון איהם אויסגעוואקסען אַ ליטעראַרישע קראַפט.

הענרי גרינפילד איז געווען דער עלטסטער פון דריי קינדער פון זעהר אָרימע עלטערען. ווען איך האָב זיך מיט אים באַ־קענט, האָט די פאַמיליע געוואוינט אין אַ „רום־בער־רום" — (אַ וואוינונג פון אַ קיך מיט אַ שלאָף־צימער) אויף טשערי סטריט. ער האָט זעהר יונג געמוזט געהן אַרבייטען און פאַרדינען. איך געדענק ניט וואָס פאַר אַ דזשאַב ער האָט געהאַט דעמאָלט. וואָס איך געדענק יע און וואָס איז פאַרבליבען איינגעקריצט ביי מיר אין האַרצען איז, אַז ער איז שטענדיג גרייט געווען טיילען זיין ביסען מיט פריינד אין נויט. איידער איך האָב אָנגעהויבען צו

פאַרדינען פלעגט ער אָפּשפּאָרען פון זיינע מאָגערע פאַרדינסטען מיר אַרויסצוהעלפען. ער האָט מיר דאָס געגעבען ניט אַלס אַ הלוואה. ער וואָלט זיך געפונען באַליידיגט, אויב איך וואָלט שפּע־טער אָנגעבאָטען צו באַצאָלען.

אָט די צוויי פריינד האָבען מיך אַריינגעפירט אין „פאָרווערטס״. ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען ווייס איך ניט גענוי. אַדאָלף העלד איז שוין דאַמאָלסט געוועזען אַ מיטגליד פון „פאָרווערטס״ אַסאָסיאיי־שאָן און אויסגעקאָכט אין דער אידישער סאָציאַליסטישער און אַרבייטער באַוועגונג. גרינפילד פלעגט זיך זעהן אָפט מיט העלד׳ן אין דער סאָשעליסט ליטעראַרי סאָסייעטי. איך שטעל זיך פאָר, אַז גרינפילד האָט דערצעהלט העלד׳ן וועגען מיר, וועגען מיין אידישער דערציהונג, מיינע שרייבערישע פאַרזוכען, מיינע סאָ־ציאַליסטישע ידיעות און מיין אַמעריקאַנישער בילדונג. העלד האָט וועגען דעם וואַרשיינליך גערעדט מיט אב. קאַהאַן, וועלכער האָט דאַמאָלסט געזוכט אַמעריקאַנער יונגעלייט וואָס קענען אידיש און וואָס האָבען אַ נייגונג צו זשורנאַליזם. און איינמאָל אין אַ הייסען דזשולאַי־טאָג האָט מיר גרינפילד געלאָזט וויסען, אַז אב. קאַהאַן וויל מיך זעהן.

פאַר מיין אָנקומען אין „פאָרווערטס״ האָב איך אויף אידיש קיינמאָל ניט געשריבען. איך האָב דאַן אויך ניט געטראַכט וועגען מאַכען שרייבעריי פאַר מיין פּראָפעסיע. איך פלעג אַריינשיקען אַרטיקלען אין די ענגלישע סאָציאַליסטישע צייטונגען און אויך אין אידיש־ענגלישע וואָכענשריפטען און זיי פלעגען זיך דרוקען. וועגען אַ פּראָפעסיע אָדער אַ קאַריערע האָב איך געהאַט פאַרשידענע אַנדערע פּלענער.

די איינלאַדונג צו ווערען אַ מיטגליד פון דער „פאָרווערטס״־רעדאַקציע האָט מיך אַביסעל צעטומעלט. איך האָב ניט געהאַט די מינדעסטע אַהנונג וועגען צייטונגס־אַרבייט. אב. קאַהאַן האָט געוואוסט ביידע זאַכען: אַז איך האָב ניט קיין ערפאַרונג אין שרייבען אידיש און קיין ערפאַרונג אין צייטונגס־אַרבייט. כאָטש ער האָט עס מיר ניט געזאָגט, בין איך איבערצייגט, אַז גראָדע דאָס איז איהם געפעלען געווען. ער האָט נאָר געוואָלט וויסען, צי איך קען

רעדען אַ פּשוט'ען אידיש, אָדער, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַ „אידישען אידיש". איך האָב אים דערקלערט, אַז ביי מיינע עלטערען אין הויז, וואו איך האָב זיך אויפגעהאָדעוועט, האָט מען קיין אַנדער שפּראַך ניט גערעדט, אַז אַפּילו מיין אינגערער ברודער, וואָס איז דאָ געבאָרען געוואָרען, רעדט דעם זעלבען אידיש ווי אין דעם שטעטעל בערעזין, מינסקער גובערניע, פון וואַנען אונזער פאַמיליע האָט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. אויסער דעם האָב איך ביז זעכצען יאָהר געלערענט אין היגע ישיבות, אין ישיבת עץ־חיים און אין ישיבת ר' יצחק אלחנן און דאָרטען האָט מען אַלץ געלערענט אויף דעם היימישען אידיש.

דאַן האָט מיר קאַהאַן געגעבען דעם ערשטען לעסאָן, ווי אַזוי צו שרייבען פאַר'ן „פאָרווערטס". ער האָט געזאָגט: „שרייבט אַזוי ווי איר רעדט". געמיינט האָט ער, איך זאָל אויסמיידען שווערע ווערטער, פאַרדרעהטע פראַזען, באַפּוצונגען, פליטערלאַך, כדי וואָס מער לעזער זאָלען קענען פאַרשטעהן און כדי דער לעזער זאָל זיך ניט דאַרפען אָנשטרענגען ביים לייענען. דעם כלל האָט אָב. קאַהאַן אָפּגעהיט אין זיין אייגענעם שרייבען און ער האָט געפאָדערט פון זיינע מיטאַרבייטער, זיי זאָלען טאָן דאָס זעלבע. ביי אַלטע שרייבער, וואָס זיינען געווען איינגעאיבט אין זייער סטיל און אין זייער מאַניער, האָט ער דאָס ניט אַלע מאָל געקענט אויס־פירען. איהם האָט זיך אַפּילו ניט אַלע מאָל איינגעגעבען זיי אָפּצוגעוואוינען פון „פּרעמדע" ווערטער, דייטשע, רוסישע, העברע־אישע, מיט וועלכע זיי האָבען ליב געהאַט צו באַפּוצען זייערע אַרטיקלען. מיך אָבער — אַ יונגען, נייעם שרייבער, האָט ער גע־האַפּט, וועט ער קענען פירען אויף זיין וועג.

די ערשטע צייט האָב איך געשריבען נייעס פון ענגלישע צייטונג־אויסשניטען. און וועגען דעם האָט מיר קאַהאַן געגעבען אַ צווייטען לעסאָן. ער האָט געזאָגט: „איהר טאָרט ניט מאַכען קיין איבערזעצונג פון דעם ענגלישען אויסשניט; איהר מוזט איבער־לייענען דעם אויסשניט און דערנאָך איבערדערצעהלען אויף אידיש דאָס, וואָס אין אויסשניט שטעהט. איהר דאַרפט עס איבערדער־צעהלען אויף אייער אייגענעם שטייגער, מיט אייערע אייגענע ווער־

טער און אייער אייגענעם סטיל פאַרגעסט די ווערטער און דעם סטיל פון דעם אָריגינאַל".

איך האָב געפאָלגט קאַהאַנ'ס בײדע לעסאָנס. דעם לעסאָן וועגען „שרייבען ווי מען רעדט" איז מיר ניט אָנגעקומען שווער צו פאָלגען. אַזוי ווי איך האָב פריער ניט געשריבען אויף אידיש. בין איך ניט געווען געבונדען פון אַ צוגעוואוינטען סטיל אָדער אַ צוגעוואוינטען וואָקאַבולאַר, ווערטער־אוצר. ניט אַזוי לייכט איז מיר אָבער אָנגעקומען אָפּצוהיטען דעם צווייטען לעסאָן וועגען „איבערדערצעהלען אָנשטאָט איבערזעצען". ווען אַן אָפּגעדרוקטע זאַך ליגט פאַר די אויגען און מען דאַרף דאָס איבערגעבען אויף אַן אַנדער שפּראַך און מ'מוז עס טאָן אין איילעניש, איז דער ערשטער אימפּולס צו איבערזעצען. דעם שרייבער דוכט זיך, אַז דאָס וועט זיין גרינגער און זיכערער. ערשט נאָכדעם ווי מען גע־וואוינט זיך צו צו באַנוצען די מעטאָדע פון „איבערדערצעהלען מיט אייגענע ווערטער", געפינט מען אויס, אַז גראַדע די מעטאָדע איז די גרינגערע און די בעסערע. עס האָט מיר גענומען אַ שטיקעל צייט ביז איך האָב זיך אין דעם איבערצייגט.

צרות האָב איך געהאַט פון מיין האַנטשריפט. קלאָר איז מיין האַנטשריפט קיינמאָל ניט געווען, ניט אויף אידיש און ניט אויף ענגליש. עס קען זיין, אַז דאָס האָט זיך גענומען דערפון וואָס איך בין אַ געלינקטער און מיין פאָטער האָט מיך געצוואונגען צו שריי־בען מיט דער רעכטער האַנט. מיין האַנטשריפט איז געווען גענוג שלעכט פון אָנהויב און וואָס ווייטער איז זי געוואָרען ערגער. כ'פלעג שרייבען זעהר שנעל. פאַר דער רעדאַקציע איז דאָס געווען אַ מעלה; איך פלעג „אַרויסוואַרפען" אַ סך קאָפּיע. אָבער פאַר די זעצער איז עס געווען אַן אומגליק. מיינע בוכשטאַבען זיינען געווען קליין און פאַרדרעהט. אויף איין בלעטעל האָב איך געקענט אָנשרייבען אַ גאַנצען קאָלום זאַץ. די מערסטע זעצער האָבען זיך ניט געקענט פאַנאַנדערקלייבען אין מיין קאָפּיע. דערפאַר אָבער זיינען געווען עטליכע, וואָס פלעגען בעטען, מען זאָל זיי געבען מיין קאָפּיע. זיי האָבען ערקלערט, אַז זיי איז לייכטער מיר צו זעצען, וויל מיין סטיל איז אַן איינפאַכער.

קאַהאַנ׳ס כלל, אַז מען דאַרף שרייבען פשוט, האָט מיר געבראַכט נוצען ניט נאָר ביי די לעזער, נאָר אויך ביי די זעצער. עס איז ניט אויסגעשלאָסען, אַז אויב מיין סטיל און מיין ווערטער־אויסוואהל וואָלטען געווען שווערער, וואָלט איך ניט געקענט פאַרבלייבען אין דער רעדאַקציע צוליב מיין האַנטשריפט. (אין אַ זשורנאַל וואָס די שריפטזעצער יוניאָן האָט אַרויסגעגעבען אין יענע יאָהרען, איז אָפּגעדרוקט געווען אַ פאָטאָסטאַטישע בילד פון אַ בלעטעל פון מיינעם אַ מאַנוסקריפּט אַלס אַ מוסטער פון די שווערע האַנטשריפטען וואָס פלאָגען דעם אָרימען זעצער. איך האָב דאַמאָלסט באַשלאָסען זיך אויסצולערנען שרייבען אויף אַ שרייב־מאַשין, און עס איז שוין עטליכע צענדליג יאָר ווי די זעצער האָבען מיינעם אַ מאַנוסקריפּט אין די אויגען ניט געזעהן).

קאַפּיטעל דריי

אב. קאַהאַן, רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״

„אב. קאַהאַן, דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״ — אַזוי איז ער געווען באַוואוסט אין דער גאַנצער וועלט. דער „פאָרווערטס״ און אב. קאַהאַן זיינען שטענדיג געווען צונויפגעפּאָרט. מען האָט ניט געקענט דענקען וועגען איינעם און ניט דערמאָנען גלייך דעם צווייטען. אב. קאַהאַן איז געווען דער „פאָרווערטס״. און דער „פאָרווערטס״ איז געווען אַב. קאַהאַן.

אין דער אַמעריקאַנער צייטונגס־וועלט זיינען געווען אַ סך אַזוינע פאַלען, ווען אַ באַרימטער רעדאַקטאָר און אַ באַרימטע צייטונג זיינען געוואָרען צונויפגעבונדען, צונויפגעוואָקסען אין דעם געדאַנק און אין דער שפּראַך פון ברייטען עולם: האָרעס גרילי, דער רעדאַקטאָר פון „טריביון״; דזשאָזעף פּוליצער, דער רעדאַקטאָר פון „דהי וואָירלד״; דעינאַ, דער רעדאַקטאָר פון „דהי סאַן״; וויליאַם עלען ווהאַיט, דער רעדאַקטאָר פון „עמפּאָריאַ גאַזעט״, און אַזוי ווייטער און ווייטער. עס איז אָבער דאָ אַ גרויסער אונטערשייד צווישען יענע אַמעריקאַנער רעדאַקטאָרען און זייערע צייטונגען און צווישען אב. קאַהאַן און זיין צייטונג. יענע זיינען געווען ניט בלויז די רעדאַקטאָרען, נאָר אויך די אייגענטימער פון די צייטונגען, וואָס זיי האָבען אַרויסגעגעבען און באַרימט געמאַכט. אב. קאַהאַן איז געווען בלויז דער רעדאַקטאָר. די צייטונג האָט באַלאַנגט צו דער „פאָרווערטס״־אַסאָסיאיישאַן, פון וועלכער ער איז געווען איינער צווישען אַן ערך 200 מיטגלידער און וואו ער האָט געהאָט ניט מעהר דעה ווי יעדער אַנדער מיטגליד. די אַסאָסיאיישאַן האָט איהם ערוועהלט פאַר רעדאַקטאָר אויף אַ טערמין פון בלויז

איין יאָר. יעדען יאָר ביים סוף פון טערמין האָט ער געמוזט ווידער נאָמינירט ווערען און ווידער ערוועהלט ווערען. און די ערוועהלונג איז פאָרגעקומען דורך אַ געהיימער אָפּשטימונג. עס זיינען געווען יאָהרען, ווען ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע, ווען די אָפּאָזיציע האָט אַרויסגעשטעלט אַ געגען־קאַנדידאַט. און אַפילו ווען קיין אָפּאָזיציע איז ניט געווען איז די געהיימע אָפּ־שטימונג דורכגעפירט געוואָרען און די מיטגלידער האָבען געשטימט „פאַר" און „געגען". יעדער מיטגליד האָט געהאַט אַ געלעגענהייט אויסצודריקען אין געהיים, צי ער וויל קאַהאַנ'ען פאַר רעדאַקטאָר, צי ניט.

אויב קאַהאַן איז דערוועהלט געוואָרען יאָהר־איין יאָהר־אויס אין פאַרלויף פון די קנאַפּע פופציג יאָהר, איז דאָס געווען נאָר דערפאַר וואָס די ריזיגע מאַיאָריטעט פון די מיטגלידער פון דער „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאָן, די אַרויסגעבער און באַלעבאַטים פון דער צייטונג, האָבען איהם געוואָלט האָבען פאַר זייער רעדאַקטאָר, ווייל זיי האָבען איהם באַטראַכט פאַר דעם בעסטען מענשען, פאַר דעם פּאַסיגסטען.

און עהנליכעס דאַרף געזאָגט ווערען וועגען די פּאַליסיס פון „פאָרווערטס", וועגען דער שטעלונג וואָס די צייטונג האָט גענומען צו טאָג־פראַגען, צו אידישע און וועלט־געשעהענישען, צו פּאַרטייען און באַוועגונגען. אב. קאַהאַן, אַלס רעדאַקטאָר, האָט, פאַרשטעהט זיך, די פּאַליסיס און די שטעלונגען פריהער איבערגעטראַכט, באַ־שטימט און באַשלאָסען. ער האָט זיי אָבער געמוזט פאָרלעגען פאַר דער „אַסאָסיאיישאָן" און קריגען איהר גוטהייסונג איידער ער האָט זיי געקענט פאָרלעגען אין דער צייטונג. דאָס לעצטע וואָרט האָט שטענדיג געהאַט די אַסאָסיאיישאָן.

און ניט שטענדיג איז איהם אָנגעקומען גרינג צו קריגען די גוטהייסונג פון דער „אַסאָסיאיישאָן". גאַנץ אָפט האָט דאָס געפּאָדערט לאַנגע, ביטערע קאַמפען מיט געגנער. וואָס וויכטיגער אַ פראַגע איז געווען, אַלץ שטאַרקער און שטורעמדיגער איז געווען דער קאַמף, אַלץ פאַרביסענער איז געווען די אָפּאָזיציע.

און דאָ קומען מיר צו אַ מאָמענט אין אַב קאַהאַנ'ס קאַריערע,

צו אַ שטריך פון זיין פּערזענליכקייט, מיט וועלכען דער ברייטער עולם איז ווייניג באַקאַנט. אב. קאַהאַן איז אין די אַלע קאַמפּען איבער פּאָליסיס, שטעלונגען, פּרינציפּען אַם ענדע אַרויסגעקומען דער זיגער. די מאַיאָריטעט פון די „אַסאָסיאיישאָן״־מיטגלידער האָט ביי דער ענדליכער אָפּשטימונג גוטגעהייסען זיין שטעלונג און אים געגעבען איהר שטיצע. ווי אַזוי איז עס געשעהן? מיט וועלכען כוח האָט ער געוואונען?

ער האָט עס ניט געוואונען מיט דעם כוח פון „אַ מאַשין״, פון פּערזענליכער פריינדשאַפט אין דער אָרגאַניזאַציע, ווי דאָס פּאַסירט זעהר אָפט אַפילו אין די שעהנסטע און ריינסטע אָרגאַני־זאַציעס און באַוועגונגען. אַ מענש, וואָס שטעהט אין דער שפּיץ פון אַן אָרגאַניזאַציע יאָהרען־לאַנג, קען לייכט זיך אַרומרינגלען מיט „פריינד״, פּאַטריאָטען, וועלכע זיינען גרייט אים צו פּאָלגען בלינ־דערהייט, צו שטיצען אַלץ וואָס ער וויל, צי ער איז גערעכט צי ניט. דאָס איז ניט געווען דער פּאַל מיט אב. קאַהאַן אין דער „פּאָר־ווערטס״־אַסאָסיאיישאָן. דאָס האָט ניט געקענט זיין, פּשוט דער־פּאַר ווייל קאַהאַן איז פון דער נאַטור געווען אומפעהיג צו שאַפען אַזאַ גרופּע אַרום זיך. ער איז געווען אַן איינזאַמער מענש, אַריינ־געטאָן אין זיין אַרבייט. ער האָט זיך זעלטען באַגעגענט מיט פריינד און באַקאַנטע אין פּריוואַטע היימען, אויסערהאַלב דער „פאָרווערטס״־געביידע אָדער אין אַנדערע עפענטליכע ערטער. עס פאַרשטעהט זיך, אַז אין דער „פאָרווערטס״־אַסאָסיאיישאָן האָט ער געהאַט אַ גרויסע צאָל הייסע חסידים, אָבער ער האָט די מערסטע פון זיי כמעט פּערזענליך ניט געקענט. צווישען די פּראָמינענטע מיטגלידער פון דער „אַסאָסיאיישאָן״, די טאָן־געבער, די איינ־פלוסרייכע, זיינען ניט געווען אַזוינע, וואָס זיינען גרייט געווען מיטצוגעהן מיט איהם אין אַלץ וואָס ער האָט געטאָן און געזאָגט, סיידען זיי זיינען געווען ביי זיך איבערצייגט, אַז ער איז גערעכט. אין יעדען גרויסען קאַמף, וואָס ער האָט געפירט אין דער „אַסאָ־כיאיישאָן״, האָט פּאַסירט, אַז מיטגלידער האָבען אַזוי צו זאָגען געביטען זייער „לאָיאַליטעט״; אַזוינע, וואָס זיינען געווען באַוואוסט פאַר „קאַהאַניסטען״, האָבען דאָס מאָל גראָד גענומען אַ שטעלונג

געגען איהם און אַזוינע, וואָס זיינען פריהער געווען געגנער, האָבען געשטימט פאַר איהם. אין קיין איין וויכטיגער פראַגע האָט ער ניט געוואונען, ניט געקענט און ניט געהאָפּט צו געווינען מיט דעם כח פון זיין פערזענליכען איינפלוס, פערזענליכער פריינדשאַפט, פערזענליכען דרוק.

געוואונען האָט ער בלויז מיט דעם כוח פון זיין איבערצייגונג, פון זיינע אַרגומענטען, מיט דעם, וואָס איהם איז געלונגען צו איבערצייגען די מאַיאָריטעט פון די „אַסאָסיאיישאַן"־מיטגלידער, אַז ער איז גערעכט, אַז זיין פּאָליסי, זיין שטעלונג, זיין האַנדלונג אָדער געדאַנקען־גאַנג זיינען ריכטיג און דאַרפען און מוזען אָנגענומען ווערען.

מען קען אָנשרייבען אַ גאַנצען בוך וועגען דער געשיכטע פון די קאַמפען, וואָס זיינען פאָרגעקומען ביי דער „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאַן איבער די ברענענדע פראַגען פון טאָג אין דעם האַלבען יאָרהונדערט פון דער צייטונג'ס עקזיסטענץ. אויפ'ן צעטעל פון די שטורמדיגסטע קאַמפען וואָלט דעם אויבנאַן פאַרנומען דער קאַמף איבער דער שפּאַלטונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אונטער נאָרמאַן טאָמאַס'עס פירערשאַפט; דער קאַמף איבער די קאָמוניסטישע מאַנעווערעס אין די אידישע יוניאָנס, דער קאַמף איבער פראַגען, וואָס האָבען געהאַט צו טאָן מיט דער שטעלונג צו ארץ ישראל און אַזוי ווייטער. די אַלע שטורעמדיגע קאַמפען זיינען אויסגעפאָכטען געוואָרען ביי מיטינגען פון „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאַן, און אין צענטער איז אימער געשטאַנען אב. קאַהאַן. די „אַסאָסיאיישאַן" האָט געדאַרפט באַשליסען, צי זיין שטעלונג, זיין פּאָליסי זאָל אָנגענומען ווערען, צי ניט.

אב. קאַהאַן האָט געהאַט אַ טיפען, כמעט אַ פאַנאַטישען גלויבען אין זיין ענדגילטיגען זיג. איידער ער איז געקומען צו דער „אַסאָסיאיישאַן" מיט אַ פאָרשלאַג וועגען אַ פּאָליסי אָדער אַ שטעלונג, האָט ער דורכגעטראַכט יעדען ווינקעל פון דעם פּראָבלעם, האָט דיסקוטירט זיינע מיינונגען מיט מענשען, וועלכע ער האָט געהאַלטען פאַר קאָמפּעטענט צו אורטיילען. און אָפט פלעגט ער אַפילו צוגרייטען אַ שריפטלעכע דערקלערונג, אַן אָפּהאַנדלונג פאַר־

אב. קאַהאַן

מ. באַראַנאָוו

א. ליעסין



ב. פייגענבוים

צולעזען פאַר דעם מיטינג. ער פלעגט קומען צום מיטינג ווי אַ לאָיער אין אַ געריכט אָדער ווי אַ מיניסטער אין פּאַרלאַמענט. ער איז געקומען מיט באַווייזען, מיט אַרגומענטען, מיט ענטפערס צו די געגנער.

אין „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאָן האָבען קיינמאָל ניט געפעלט קיין מיטגלידער מיט פעסטע איבערצייגונגען און מיט דער פעהיג־קייט זייערע איבערצייגונגען צו פאַרטיידיגען. און אָפט פלעגען אַזוינע מיטגלידער זיין אויפ'ן געגנערישען צד צו קאַהאַנ'ען. אָבער קיינער פון זיי האָט זיך ניט געקענט פאַרגלייכען מיט אים אין ענערגיע, אין אויסדויער ביים קעמפען פאַר אַ פּאָליסי אָדער אַ פּרינציפּ, אַפילו ווען ער איז שוין געווען אַן אַלטער מאַן אין די זיבעציגער יאָהרען, פלעגט ער קענען ריידען שטונדען נאָכאַנאַנד צו פאַרטיידיגען זיין שטאַנדפּונקט אָדער צו ענטפערען זיינע געגנער. און איהם האָט ניט געאַרט ווי שפּעט דער מיטינג פלעגט זיך פאַרציהען און ווי מיד די אָנוועזענדע זיינען געווען.

ער איז געווען ביי זיך אַבסאָלוט איבערצייגט, אַז ער איז גערעכט און אַז עס איז זיין פליכט צו איבערצייגען אַלע אַנדערע אין דער ריכטיגקייט פון זיין שטעלונג. דאָס איז געווען דער הויפּט־כוח, מיט וועלכען ער האָט זיינע גרויסע קאַמפען געוואונען. די מיטגלידער האָבען געוואוסט, אַז ביי איהם האַנדעלט זיך ניט וועגען אַ קאַפּריז, וועגען עקשנות, וועגען אַ פּאַראורטייל אָדער עפּעס אַ פּניה. זיי האָבען געזעהן, אַז ביי איהם געהט עס אין לעבען, אַז ער קעמפט פאַר אַ פּרינציפּ, פאַר אַ געדאַנק, פאַר אַ פּאָליסי, אין וועלכער ער איז טיף איבערצייגט און וועלכע ער האַלט פאַר זעהר וויכטיג. און ווען זיי האָבען ענדליך געשטימט מיט אים, איז דאָס געווען הויפּטזעכליך דערפאַר, וואָס איהם איז געלונגען זיי צו איבערצייגען, אַז ער איז גערעכט.

אין די לעצטע יאָהרען פון אב. קאַהאַנ'ס לעבען, ווען די מיט־גלידער פון דער „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאָן האָבען אַ קוק געטאָן אויף צוריק און געמאַכט אַ חשבון פון די אַלע ערפאַרונגען מיט איהם, האָבען זיי געמוזט קומען צום שלוס, אַז זיי האָבען גוט געטאָן וואָס זיי האָבען אין אַלע וויכטיגע מאָמענטען, אין אַלע

שווערע פראַגען געשטיצט זיינע פּאַליסיס און אָנגענומען זיין פירער־שאַפט. וואָרים די צייט האָט באַוויזען, אַז ער איז שטענדיג גערעכט געווען און אַז אין פילע פאַלען וואָלט געווען אַ קאַטאַסטראָפע ווען מען פאָלגט איהם ניט.

אב. קאַהאַן און דער „פאָרווערטס״ זיינען געווען איינס ניט דערפאַר, ווייל דער „פאָרווערטס״ איז געווען „זיינער״, ווייל ער איז געווען דער באַלעבאָס פון „פאָרווערטס״, נאָר ווייל ער האָט איבערצייגט די אמת׳ע באַלעבאַטים פון „פאָרווערסט״, די „פאָר־ווערטס״ אַסאָסיאיישאָן, אַז ער באַזיצט די אַלע אייגענשאַפטען וואָס זיי האָבען געפאָדערט פון זייער רעדאַקטאָר, אַז ער באַזיצט אי די גייסטיגע אי די מאָראַלישע קוואַליפיקאַציעס; אַז ער איז אַן אויפ־ריכטיגער סאָציאַל־דעמאָקראַט, אַ פּראַקטישער אידעאַליסט, אַז ער איז ערליך אין זיינע מיינונגען און האַנדלונגען, און אַז ער איז אַ פעהיגער פובליציסט און צייטונגס־מאַן. אב. קאַהאַן איז געווען זיין גאַנצען לעבען דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״ בלויז דער־פאַר, ווייל ער האָט געדינט געטריי די אידעאַלען און פּרינציפּען, פאַר וועלכע דער „פאָרווערטס״ איז געגרינדעט געוואָרען, ווייל ער האָט געמאַכט פון „פאָרווערטס״ דעם שטאַרקסטען כוח פאַר פּראָגרעס און קולטור אין דעם לעבען פון די אידישע מאַסען, וועמען ער האָט געדינט.

קאַפּיטעל פיר

מיינע ערשטע קאָלעגען אין דער „פאָרווערטס״ רעדאַקציע

וואָס עלטער אַ מענש ווערט, אַלץ מעהר שווימען אַרויס פון די טיפענישען פון זיין זכרון די איבערלעבונגען פון דער יוגענט. אַזאַ ערפאַרונג האָב איך געהאַט אין די טעג ביים דערגרייכען דעם עלטער פון זיבעציג יאָהר. און דערמאָנט האָב איך זיך אָן דער צייט פון עטליכע און פערציג יאָהר צוריק, ווען איך בין צוערשט אַריינגעטראָטען אין דער „פאָרווערטס״־רעדאַקציע אַלס מיטגליד פון דעם „נייעס־סטעף״. איך האָב זיך דערמאָנט וועגען מיינע דעמאָלסדיגע קאָלעגען, מיט וועמען איך בין געזעסען יעדען פריה־מאָרגען ביים נייעס־טיש אין דעם פראָנט־צימער אויפ׳ן ערשטען פלאָר פון דער אַלטער, נידעריגער געביידע, אויפ׳ן פּלאַץ, וואו עס שטעהט היינט די צען־שטאָקיגע „פאָרווערטס״־הויז. דאַכט מיר, אַז פון אַלע יענע קאָלעגען מיינע איז בלויז איינער היינט צווישען די לעבעדיגע, דער באַוואוסטער עסייאיסט און קריטיקער יואל ענטין. (ער איז אָנגעקומען אין דער רעדאַקציע אַ קורצע צייט נאָך מיר). די איבעריגע זיינען שוין לאַנג אויפ׳ן עולם האמת. קיינער פון זיי האָט ניט דערלעבט דעם עלטער פון זיבעציג יאָהר.

דער סיטי־עדיטאָר (נייעס־רעדאַקטאָר) איז דעמאָלט געווען ז. קאָרנבליט. אונטער איהם האָבען געאַרבייט: דר. עלזוויט, א. וואָלינער (לאַנדוי), הלל וויכניק, מאַקס פיין, יואל ענטין און מיין וויניגקייט. די צייטונג פלעגט אַרויסגעהן עלף אַזייגער אין דער פריה. די נייעס־שרייבער פלעגען זיך פאַרזאַמלען זיבען אַזייגער

און געווען באַשעפּטיגט ביי די נייעס ביז די צייטונג איז געווען גרייט צו געהן צום דרוק.

שרייבען נייעס איז געווען בלויז אַ טייל פון אונזער אַרבייט. נאָכמיטאָג פלעגען מיר צוריקקומען אין רעדאַקציע און שרייבען אַרטיקלען פאַר די אינוועניגסטע זייטען. איינער פלעגט שרייבען אַ פּאָליטישען אַרטיקעל, אַ צווייטער אַ פעליעטאָן, אַ דריטער פלעגט שרייבען פּאָפּולערע וויסענשאַפט, אַ פערטער אַ „היומען אינטערעסט סטאָרי״, און אַזוי ווייטער. מיר פלעגען זיך אויך פאַרנעמען מיט אַנדערע רעדאַקציאָנעלע אויפגאַבען. אין אַ רעדאַקציע איז פאַראַן גענוג אַרבייט. דער שווערסטער טאָג איז געווען פרייטאָג, ווען מען האָט געדאַרפט מאַכען צוויי נומערען, דעם פרייטאָגדיגען און דעם שבת׳דיגען. דער שבת׳דיגער „פאָרווערטס״ פלעגט זיך דרוקען פרייטאָג שפּעט ביינאַכט. פלעגען מיר פרייטאָג אַריינקומען ווי אימער זיבען אַזייגער אין דער פריה, פאַרענדיגען דעם ערשטען טייל אַרבייט אַזייגער עלף; געהן זיך אָפּרוהען אַ פּאָר שעה, צוריק־קומען און מאַכען דעם שבת׳דיגען נומער. מיר פלעגען פאַרטיג ווערען אַזייגער זעקס אין אָוונט און אַמאָל נאָך שפּעטער. שבת פלעגען מיר קומען נאָכמיטאָג מאַכען דעם זונטאָגדיגען נומער. אויך די אַרבייט פלעגט זיך פאַרציהען ביז שפּעט אין דער נאַכט. אין פאַל מען האָט ערוואַרט אַ וויכטיגע געשעהעניש פלעגט מען זיצען אין דער רעדאַקציע ביז צוועלף אָדער איינס אַזייגער.

זונטאָג איז געווען אונזער איינציגער רוה־טאָג. מיר האָבען געאַרבייט אַלע יום־טובים, אידישע און אַלגעמיינע.

אין פאַרגלייך מיט היינט זיינען יענע אַרבייטס־באַדינגונגען געווען ווי אויף קאַטאָרגע. היינט איז די אַרבייטס־וואָך פון אַ שריי־בער אין „פאָרווערטס״ פיר אָדער פינף טעג. בלויז געצעהלטע שרייבער פאַרברענגען אין דער רעדאַקציע דעם גאַנצען טאָג. די איבעריגע ווערען פאַרטיג מיט זייער „טאָג אַרבייט״ אין עטליכע שטונדען, ענטוועדער אין מיטען טאָג אָדער פאַרנאַכט. פאַר אַרביי־טען עקסטראַ טעג אָדער שטונדען קריגט מען באַצאָלט „אָווער־טאַים״. אין די יאָהרען פון וועלכע איך האָב פריהער גערעדט

האָבען שרייבער ניט געוואוסט פון אַזאַ „לוקסוס" ווי באַצאָלט פאַר „אָווערטאַים". מען האָט געאַרבייט וויפיל עס איז נויטיג געווען פאַר דער צייטונג.

איך האָב פריהער דערמאָנט דר. עלזוויט צווישען די מיטגלי־דער פון דעם נייעס־סטעף, ווען איך בין אָנגעקומען אין דער רעדאַקציע. י. עלזוויט האָט דעמאָלט שטודירט אויף דאָקטאָר־מעדיצין, אַרבייטענדיג אַלס שרייבער אין „פאָרווערטס". אין 1906 האָט ער שוין, דאַכט מיר, געהאַלטען ביים פאַרענדיגען זיין קורס און האָט שוין געמאַכט פלענער וועגען עפענען אַן אָפיס ערגעץ אין די בראָנקס. ער פלעגט זיין אַרבייט פאַר'ן „פאָרווערטס" אָפטאָן טיילווייז גאַנץ פריה, איידער דער קאַלענדרש האָט זיך געעפענט, און טיילווייז ביינאַכט אין דער היים. ווען מיר, די אַנדערע נייעס־שרייבער, פלעגען אַריינקומען זיבען אַזייגער, האָט ער שוין גע־האַט אָנגעשריבען אַ גאַנצען פּאַק בלעטלעך נייעס. זיין האַנט־שריפט איז געווען אַ געדרעהטע, די בוכשטאַבען זיינען געווען פאַרדרעהט איינע אין די אַנדערע. ער פלעגט שרייבען אָהן אַן אָפּשטעל, מיט אַ מערקווירדיגער שנעלקייט: די בלעטלעך פלע־גען פליהען פון אונטער זיינע הענט. ער איז געווען דער פּינקט־ליכסטער מענש, קיינמאָל ניט פאַרפעלט אַ טאָג, קיינמאָל ניט פאַרשפּעטיגט אויף אַ מינוט. די אַרטיקלען, וואָס ער פלעגט שריי־בען אין דער היים, פלעגען אָנקומען אימער אין צייט. באַקענען זיך מיט איהם איז פאַר מיר געווען כמעט אוממעגליך, ווייל, ווי געזאָגט, האָט ער פאַרבראַכט אין דער רעדאַקציע געצעהלטע שטונ־דען און ער האָט ניט געהאַט קיין פרייע מינוט אַרויסצורייִדען אַ וואָרט. ווי ער האָט נאָר פאַרענדיגט שרייבען זיין „קוואָטע", פלעגט ער אַנטלויפען, ענטוועדער אין אוניווערסיטעט אָדער אין שפּיטאָל.

דער „אינסאַיד־סטעף", דאָס הייסט, די מיטאַרבייטער, וועלכע האָבען געשריבען די אַרטיקלען פאַר די אינעווייניגסטע זייטען פון דער צייטונג, פלעגען אַריינקומען אין דער רעדאַקציע צווישען צען און עלף, אייניגע — שפּעטער. איידער זיי האָבען זיך גע־נומען צו דער אַרבייט, האָבען זיי זיך געדאַרפט דורכריידען מיט דעם רעדאַקטאָר, אַב. קאַהאַן, וועגען וואָס צו שרייבען. אַב. קאַהאַן

פלעגט זיצען אויף אַ שטול לעבען דעם דעסק פון זיין סעקרעטאַר, לעאָן גאָטליעב, און פלעגט שמועסען מיט דעם באַטרעפענדען מיט־אַרבייטער וועגען זיין טעמע. קאַהאַן פלעגט אָפט אויסלייגען פאַר'ן שרייבער דעם גאַנצען־פּלאַן פון דעם אַרטיקעל, אָנדייטען וועלכע פונקטען ער זאָל אַרויסברענגען, אויף וועלכע ער זאָל לייגען דעם הויפּט־געוויכט און ווי אַזוי ער זאָל דאָס טאָן. אויב די טעמע איז געווען אַ „דעליקאַטע", פלעגט אב. קאַהאַן אָנזאָגען דעם שרייבער, אַז ער זאָל איהם פאָרלעזען דעם אַרטיקעל איידער ער וועט איהם איבערגעבען צום זעצען.

צווישען די „אינעווייניגסטע שרייבער" איז דער פּראָדוקטיווסטער געווען ב. פייגענבוים. ער פלעגט שרייבען לייט־אַרטיקלען, פּאָליטישע, אַרבייטער און אידישע אַרטיקלען. ער פלעגט ענטפערען אויפן „בינטעל בריף" און טאָן אַנדערע רעדאַקציאָנעלע אַרבייטען. עס זיינען געווען טעג, ווען פייגענבוים פלעגט אָנשרייבען דריי אַרטיקלען: אַן עדיטאָריעל, אַן אַלגעמיינעם אַרטיקעל און אַן ענטפער אויף אַ וויכטיגען בריף פון „בינטעל בריף". אין יענע יאָהרען פלעגט פייגענבוים אויך אַכטונג געבען אויף דער רעדאַקציע אין קאַהאַנ'ס אַפּוועזענהייט.

זעהר שווער, פּינקטליך און איבערגעגעבען האָט געאַרבייט לעאָן גאָטליעב. ער איז, ווי געזאָגט, דעמאָלט געווען אב. קאַהאַנ'ס סעקרעטאַר, און אויך דער סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע. דורך זיינע הענט פלעגט דורכגעהן די גאַנצע פּאָסט פון דער רעדאַקציע: אַלע מאַנוסקריפּטען, אַלע בריף, סײַ פון מיטאַרבייטער און סײַ פון לעזער. ער האָט אויך אויפגעפּאַסט אויף דער געשעפטליכער זייט פון דער רעדאַקציע, געגעבען אָנווייזונגען צום קאַסירער וועגען אויסצאָלונגען צו זייטיגע שרייבער. ער פלעגט פאָרלייענען קאַהאַנ'ען די בריף אין דער רעדאַקציע און אויך מאַנוסקריפּטען און קאָרעספּאָנדענציעס. קאַהאַן פלעגט איהם דיקטירען ענטפערס אויף פּערזענליכע בריף און אויף רעדאַקציאָנעלער קאָרעספּאָנדענץ. אַ חוץ דעם פלעגט קאַהאַן איהם אָפט דיקטירען זיינע אייגענע אַרטיקלען. איידער אַ מאַנוסקריפּט איז אַרויפגעשיקט געוואָרען צו די זעצער פלעגט גאָטליעב איהם דורכקוקען (אַחוץ די מאַנו־

סקריפּטען פון אינעווועניגסטע שרייבער) און ער פלעגט דעם מאַ־נוסקריפּט קאָרעגירען. ער איז געווען אַ פּעדאַנט און אָפּגעהיט יעדען בוכשטאַב און די פּונקטואַציע. דעמאָלט זיינען נאָך קיין אידישע טאַיפּרייטערס ניט געווען, און אַלץ האָט געמוזט געשרי־בען ווערען מיט דער האַנט. גאָטליעב׳ס האַנטשריפט איז געווען אויסערגעוועהנליך ריין און קלאָר. יעדער בוכשטאַב איז ביי איהם אַרויסגעקומען גרויס און אָפּגעזונדערט. די עצם־אַרבייט פון שרייבען איז פאַר איהם דערפאַר געווען אַ גרויסע אָנשטרענ־גונג. ער פלעגט זיצען ביי זיין דעסק דעם גאַנצען טאָג, איבערגע־בויגען איבער מאַנוסקריפּטען. ער פלעגט אַריינקומען צווישען די ערשטע און פלעגט אַוועקגעהן, דאַכט מיר, דער לעצטער. אויסער דער שווערער אַרבייט איז אויף איהם געלעגען דער יאָך פון פאַראַנטוואָרטליכקייט. אב. קאַהאַן האָט איהם געהאַלטען פאַר־אַנטוואָרטליך פאַר יעדען טעות, וואָס פלעגט אַריינפאַלען אין די אַרטיקלען.

* * *

אין דער רעדאַקציע פלעגט מען אין יענע יאָהרען הערען אָפט די רוסישע שפּראַך. צווישען די אינעווועניגסטע מיטאַרבייטער זיינען געווען ווייניג וואָס פלעגען באַנוצען רוסיש אין זייערע געשפּרע־כען; די מערסטע פון זיי האָבען ענטוועדער ניט געקענט די שפּראַך אָדער זיינען געווען טעמפּיג אויף איר. ה. בורגין איז, דאַכט מיר, געווען דער איינציגער וואָס האָט געקענט גוט רוסיש און האָט גערעדט רוסיש ביי יעדער געלעגענהייט. אויך ענטין האָט געקענט גוט רוסיש. אָבער ער פלעגט ריידען גיכער אידיש. צווישען די דרויסענדיגע און צופעליגע מיטאַרבייטער זיינען געווען אַ סך שרייבער, וואָס פלעגען רעדען רוסיש. צו דעם צעטעל גע־הערען אַזוינע פּראָמינענטע מענשען, ווי: מ. באַראַנאָוו, דר. פעסקין, י. זאַמעטקין, דר. אב. קאַספּע, יצחק אייזיק הורוויטש און אַנדערע. אין דער צייט, פון וועלכער איך שרייב, זיינען ניט אַלע פון די אויסגערעכענטע געווען פאַרבונדען מיט דער רעדאַקציע, אָבער אַלע האָבען זיי אין פאַרשידענע צייטען געשריבען אין „פאָרווערטס“

און פלעגען קומען זעהן קאַהאַנ׳ען, אָדער פלעגען ריידען מיט איהם דורכ׳ן טעלעפאָן. זייער שפּראַך איז כמעט שטענדיג געווען רוסיש.

ביי פילע פון די חשוב׳סטע מיטאַרבייטער פון דעם „פאָרווערטס" האָט דעמאָלט רוסלאַנד פאַרנומען אַ גאָר גרויסען אָרט אין די געדאַנקען. דער „פאָרווערטס" האָט אָפּגעגעבען אַ סך פּלאַץ צו געשעהענישען אין רוסלאַנד, איבערהויפּט אַזעלכע געשעהעניש׳ען וואָס האָבען געהאַט אַ שייכות מיט דעם לעבען פון די דאָרטיגע אידען און מיט די דאָרטיגע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען. די צייטונג איז אויך געווען פול מיט אַרטיקלען וועגען רוסישער געשיכטע, ליטעראַטור און קונסט. אב. קאַהאַן פלעגט אָפט ריידען צו מיר וועגען די געגענשטאַנדען. ער האָט געקענט אָפּזיצען שטונדען־לאַנג און דערצעהלען די וואונדער פון די רוסישע פרייהייטס־קעמפער. ער האָט אויך ליב געהאַט צו מאַכען פאַרגלייכונגען צווישען דער אַמעריקאַנער און רוסישער ליטעראַטור. עס פאַרשטעהט זיך, אַז פון די פאַרגלייכונגען פלעגט די אַמעריקאַנער ליטעראַטור אַרויס אַ צעקאַליעטשעטע.

מיך האָט קאַהאַן צוגעצויגען צום „פאָרווערטס", כדי צו מאַכען די צייטונג מער אַמעריקאַניש. ער האָט געוואָלט, אַז די „פאָרווערטס"־לעזער זאָלען לערנען צו פאַרשטעהן אַמעריקאַנער פּאָליטיק, אַמעריקאַנער אינסטיטוציעס, אַמעריקאַנער געשיכטע און אַמעריקאַנער אָרט לעבען. דערפאַר האָט ער זיך געשטעלט אַלס אויפגאַבע אַריינצונעמען אין דער רעדאַקציע יונגע שרייבער, וואָס זיינען אויפגעוואַקסען אין אַמעריקע און וואָס זיינען ערצויגען געוואָרען אויף דער אַמעריקאַנער קולטור.

ער אַליין איז אָבער אין יענע יאָהרען געווען שטאַרק פאַרקאָכט אין רוסלאַנד, און ניט ווילענדיג האָט ער מיר פּראָפּאַגאַנדירט דעם „רוסיזם". ער האָט אָבער ווייט ניט געקענט געהן, ווייל איך האָב ניט געקענט די רוסישע שפּראַך. און ווייל די אַרבייט, וואָס איך האָב געטאָן פאַר׳ן „פאָרווערטס" האָט מיר איבערגעלאָזט וויינינג צייט צו לייענען די איבערזעצונגען פון רוסישע ווערק וועגען וועלכע קאַהאַן האָט גערעדט מיט אַזאַ באַגייסטערונג.

קאַפּיטעל פינף

מ. באַראַנאָוו

אין די אידישע צייטונגס־קרייזען פון אַמאָל איז געווען פּאָפּולער דאָס וואָרט „גדולים". מיט דעם וואָרט זיינען באַצייכענט געוואָרען די פּראָמינענטע שריפטשטעלער און מיטאַרבייטער פון דער אידישער פּרעסע. די „גדולים" האָבען ניט אַלע מאָל פאַרדינט מער געלט אָדער אַפילו אַזוי פיל געלט ווי די פשוט'ע שרייבער. עס האָט אָפט פּאַסירט, אַז אַ „גדול" איז אינגאַנצען געווען אָהן אַ שטעלע. די אַנערקענונג אָבער האָבען זיי געהאַט, און מיט דער אַנערקענונג איז געגאַנגען רעספּעקט און באַוואונדערונג סײַ אין די שרייבערישע קרייזען, סײַ ביים עולם, וואָס איז געשטאַנען נאָהענט צו דער שרייבערישער וועלט.

מיט דעם „פאָרווערטס" זיינען שטענדיג געווען פאַרבונדען אַ צאָל פון אָט די „גדולים". אייניגע פון זיי זיינען געווען דעמאָקראַטיש און עס איז געווען לייכט פאַר'ן פשוט'ען מיטאַרבייטער אין דער רעדאַקציע צוצוקומען צו זיי, ווערען באַקאַנט און באַפריינדעט מיט זיי. אין דעם צעטעל געהען אַריין אַזוינע באַרימטהייטען ווי א. ליעסין, ב. פייגענבוים און אויך אב. קאַהאַן. צו אַנדערע גדולים איז דער וועג געווען אַ שווערער; מאַנכעס מאָל איז דאָס געווען צוליב אומשטענדען און מאַנכעס מאָל צוליב דעם כאַראַקטער פון דעם מענשען.

איינער פון די גדולים צווישען די „פאָרווערטס"־מיטאַרבייטער, וועלכער איז אונז אַלעמען אין דער רעדאַקציע געבליבען כמעט פרעמד, איז געווען מ. באַראַנאָוו. אין זיין פאַל האָבען געווירקט

ביידע אורזאַכען: זיין פערזענליכקייט און די באַדינגונגען אין וועלכע ער האָט געלעבט און געאַרבייט.

באַראַנאָוו׳ס אָרט אין דער אידישער פּרעסע און אידישער פּובליציסטיק איז אַלעמען באַקאַנט. ער איז געוועזן איינער פון די טאַלאַנטפולסטע פעליעטאָניסטען וואָס מיר האָבען פאַרמאָגט. אין סאַטירע האָבען זיך וועניג שרייבער מיט איהם געקענט פאַר־גלייכען. אויסער טאַלאַנט האָט ער געהאַט אַ סך וויסען און קענטעניש. און ער איז אויך געוועזן אַ מענש מיט פעסטע פּרינ־ציפּען, איבערצייגונגען, וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט פאַרראַטען און וועלכע ער האָט שטענדיג פאַרטיידיגט מיט אַלע כוחות. נאָך אַ גרויסע מעלה האָט באַראַנאָוו געהאַט: ער האָט זיך אינטערע־סירט מיט דער אידישער פּרעסע, געלייענט אַלץ און געהאַט אַ באַציהונג צו יעדען שרייבער, איהם אָפּגעשאַצט, ענטוועדער צו גוטען אָדער צום שלעכטען. ער האָט קיינעם ניט מבטל געוועזן.

געלייענט באַראַנאָוו׳ן האָבען אַלע שרייבער און אַלע בעסערע לעזער. זיינע וועכענטליכע פעליעטאָנען אין „פאָרווערטס“, אונ־טער דעם קעפּעל „פאַרבייגייענדיג“ זיינען אָפּט געוועזן דער גע־שפּרעך אין די ליטעראַרישע קאַפעען און נאָך אָפטער צווישען דער סאָציאַליסטישער און טרעיד יוניאָניסטישער אינטעליגענץ. אַ סך פון זיינע טרעפליכע ווערטלעך און איינפאַלען פלעגען אי־בערדערצעהלט ווערען ביי צוזאַמענקונפטען, אין היימען און זיי פלעגען געהן פון מויל צו מויל.

* * *

אָט דער מ. באַראַנאָוו, וועמען אַזוי פיל טויזענטער האָבען געלייענט און באַוואונדערט, איז אין זיין פערזאָן געוועזן אומבאַ־קאַנט. ער איז געוועזן, קאָן מען זאָגען, אַ „נסתר“, אַ פאַרבאָרגענער מענש. מען דאַרף האָבען אין זינען, אַז איך רייד דאָ פון אַ צייט ווען אידישע שרייבער זיינען געשטאַנען פאַר דער עפענטליכקייט כמעט אַזוי ווי שוישפּילער. זיי פלעגען זיצען טעג און אָווענטען אין געוויסע רעסטאָראַנען און קאַפּיען, וואו דער עולם פלעגט קומען זיי אָנקוקען. אַ סך פון זיי זיינען אויפגעטראָטען אויף דער

פלאַטפאָרמע אַלס לעקטשורערס, אַלס רעדנער ביי אַלערליי פאַר־זאַמלונגען, פּאָליטישע, טרעיד־יוניאָניסטישע, ציוניסטישע. באַזונדערס איז דאָס געווען דער פאַל מיט די מיטגלידער פון דער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע. זיי זיינען איינגעלאַדען געוואָרען צו אַלערליי מאַסען־דעמאָנסטראַציעס, באַראַטונגען, מיטינגען — אַלס רעדנער, פאָרלעזער, ראַטגעבער און אַזוי ווייטער.

מ. באַראַנאָוו איז געווען איינער פון די געצעהלטע אויסנאַמען. אים האָט מען אין דער עפענטליכקייט קיינמאָל ניט געזען; געהערט — אַוודאי און אוודאי ניט. ער איז קיינמאָל ניט געקומען אין דער רעדאַקציע. מען פלעגט אים באַגעגענען בלויז ביי „פאָרווערטס"־שמחות און ביי לוויות. איך האָב איהם צום ערשטען מאָל געזעהן ביי דעם 50־יאָריגען יובילעאום פון אב. קאַהאַן, וועלכער איז געפייערט געוואָרען אין יאָר 1910. דעם לעצטען מאָל האָב איך איהם געזעהן ביי אַ לוויה פון אַ „פאָרווערטס"־מיטאַרבייטער (וועלכען? — געדענק איך ניט). איך עראינער זיך בלויז, אַז מיר ביידע, באַראַנאָוו און איך, זיינען געפאָרען אין איין אָטאָמאָביל מיט מר. און מרס. אב. קאַהאַן.

* * *

מ. באַראַנאָוו איז געווען אַ דענטיסט מיט אַ גאַנץ פיינער פראַקטיק. זיין פרוי האָט געהאַט אַ שטעלע אין מאָרגאַנ׳ס באַנק אויף וואָל סטריט. זי האָט דאָרט איבערזעצט ביזנעס־קעיבעלס, וואָס די באַנק האָט ערהאַלטען פון פאַרשידענע לענדער אין אייראָפּע (זי האָט געקענט עטליכע שפּראַכען). קיין קינדער האָבען זיי ניט געהאַט. מר. און מרס. באַראַנאָוו האָבען ביידע געהערט צו דער דאַמאָלסדיגער אידיש־רוסישער אינטעליגענץ און ביי זיי אין הויז האָט מען גערעדט הויפּטזעכליך רוסיש. ווי מ׳האָט דאַמאָלסט דערצעהלט, פלעגט ביי באַראַנאָוו׳ן פאָרקומען אַ מין „סאַלאָן" יעדען פרייטאָג אָווענט (דענטיסטען פלעגען פרייטאָג האַלטען זייערע אָפיסעס געשלאָסען). צו די אָווענטען פלעגט קומען די סמעטענע פון דער אידיש־רוסישער אינטעליגענץ.

אָפטע געסט ביי באַראַנאָוו׳ס אָווענטען זיינען געווען די קאַהאַנס.

ווי ווייט איך קען זיך עראינערען, איז באַראַנאָוו׳ס הויז געווען די איינציגע וואָס קאַהאַן פלעגט באַזוכען (איך מיין די איינציגע פון זיינע מיטאַרבייטער אין דער רעדאַקציע).

אב. קאַהאַן האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו באַראַנאָוו׳ן. ער האָט פון איהם זעהר שטאַרק געהאַלטען און איהם געגעבען ספּעציעלע פּריווילעגיעס. איך האָב אויבען באַמערקט, אַז באַראַנאָוו איז געווען אומקאָמפּראָמיסליך אין זיינע איבערצייגונגען. דאָס איז נאָך ניט אַלץ. ניט נאָר האָט ער קיינמאָל ניט געשריבען אַנדערש ווי ער האָט געגלויבט; ער פלעגט באַשטעהן אויף דעם, אַז מען זאָל איהם ערלויבען אויסדריקען זיינע מיינונגען ווען אַפילו זיי זיינען געווען געגען דער שטעלונג פון דער רעדאַקציע. פאַר אַן אַנדער שרייבער וואָלט געווען זעהר שווער צו קריגען אַזאַ ערלויבניש, זיכער ניט צו־אָפּט. באַראַנאָוו האָט אָבער די פּריווילעגיע געהאַט. עס פאַרשטעהט זיך, אַז אינגאַנצען גלאַט איז דאָס איהם ניט אָפּגעלאָפּען. אַב. קאַהאַן פלעגט איהם גלייך אויפ׳ן אָרט ענטפערען מיט אַ רעדאַקציאָנעלער באַמערקונג אונטער דעם אַרטיקעל. די ענטפערס זיינען באַרימט געוואָרען אין די שרייבערישע קרייזען אַלס „די פּאָדקאָוועס״.

דער שלאָגענדסטער ביישפּיל פון אָט די „פּריווילעגיעס״ און „פּאָדקאָוועס״ האָט פּאַסירט אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער „פאָרווערטס״ איז ביז אַמעריקע׳ס אַריינטריט אין דעם קריג געשטאַנען אויף דער זייט פון דייטשלאַנד און עסטרייך (דער הויפּט מאָטיוו פון דער שטעלונג איז געווען די שנאה צו דער צאַרישער רוסלאַנד). באַראַנאָוו האָט אָבער געהאַלטען מיט די עלאַיס און האָט פאַרטיידיגט זיין שטעלונג אין זיינע אַרטיקלען. צו יעדען אַרטיקעל אַזאַ פלעגט קאַהאַן צושטעלען אַ „פּאָדקאָווע״ אַלס ענטפער פון דער רעדאַקציע.

* * *

אין זכרון זיינען ביי מיר פאַרבליבען צוויי פּערזענליכע ער־פאַרונגען מיט מ. באַראַנאָוו,ביידע דורך בריף. פּאַסירט האָט עס אין 1908 ווען איך האָב אַ קורצע צייט רעדאַקטירט די „אידישע

אַרבייטער וועלט" פון שיקאַגאָ, וואָס די דאָרטיגע אידישע סאָציאַ־ליסטען האָבען אַרויסגעגעבען. איידער איך בין אָפּגעפאָרען פון ניו יאָרק איבערצונעמען די שטעלע, האָב איך באַשטעלט ביי עטליכע פראָמינענטע „פאָרווערטס"־שרייבער אַרטיקלען אויף דער טעמע „ווי אַזוי איך בין געוואָרען אַ סאָציאַליסט". באַראַנאָוו איז געווען איינער פון זיי.

האָט געדאַרפט געשעהן, אַז באַראַנאָוו'ס אַרטיקעל איז אין דער צייטונג אַרויסגעקומען אַ צעקאַליעטשעטער, פול מיט דרוק־פע־לערען און צעמישטע שורות. עס מוז דערביי באַמערקט ווערען, אַז באַראַנאָוו'ס האַנדשריפט איז געווען עהנליך צו זיין פערזענ־ליכקייט. זי איז געווען ריין און ציכטיג. אָבער צוקומען צו די ווערטער איז געווען כמעט אוממעגליך. בלויז ערפאַרענע זעצער האָבען זיך געקענט פאַנאַנדערקלייבען אין דעם כתב. דאָס איז געווען טיילווייז פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם חורבן וואָס „גרינע" זעצער פון שיקאַגאָ האָבען אָנגעמאַכט אין דעם אַרטיקעל.

האָב איך געקראָגען אַ בריף פון באַראַנאָוו'ן, אין וועלכען ער האָט אויסגעדריקט זיין גערעכטען צאָרן. פון דעם בריף האָט זיך ביי מיר אין זכרון אָפּגעשטעלט איין פראַזע, ווייל זי איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש געווען פאַר באַראַנאָוו'ן. ער האָט געשריבען: „איר פאַרדינט מען זאָל אייך שמייסען פון איסט בראָדוועי ביז שיקאַגאָ".

פון דער קאָרעספּאָנדענץ וואָס כ'האָב מיט איהם דאַמאָלסט געפירט איז נאָך עפּעס פאַרבליבען אין מיין זכרון. אין איינעם פון מיינע בריף האָב איך אים, ווייזט אויס, אַדרעסירט אַלס „קאָלעגע באַראַנאָוו" אָדער „פריינד באַראַנאָוו". האָט ער אין זיין ענטפער מיר „אויסגעשייגעצט" פאַרוואָס איך אַדרעסיר איהם ניט אַלס „גענאָסע באַראַנאָוו": „וואָס איז, אייך שטעהט ניט אָן מיך צו רופען גענאָסע?" אַפּנים, אַז די טענה איז פאַר מיר געווען אַזאַ איבערראַשונג, אַז זי האָט זיך איינגעקריצט טיף אין מיין מאַרך און איך געדענק זי נאָך איצט, נאָענט צו פופציג יאָהר שפּעטער.

איך האָב פריער דערצעהלט, אַז מיין ערשטע באַגעגעניש מיט

באַראַנאָוו׳ן איז פאָרגעקומען ביים באַנקעט צו אב. קאַהאַנ׳ס פופציג־יאָריגען יובילעי אין 1910. פון יענער באַגעגעניש איז מיר אויך פאַרבליבען אין קאָפּ אַ טשיקאַווער מאָמענט. גראדע בין איך געזעסען ביים זעלבען טיש מיט באַראַנאָוו׳ן, טאַקע נעקסט צו איהם. ווען די רעדעס האָבען זיך געענדיגט, האָט זיך באַראַנאָוו איינגע־בויגען צו מיר און געזאָגט אומגעפּער אָט וואָס: „עס ווערט באַגאַנ־גען אַן עוולה געגען מרס. קאַהאַן. די רעדנער האָבען קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגען איהר, כאָטש זי האָט אַ סך בייגעשטייערט צו קאַהאַנ׳ס קאַריערע״.

געשטאָרבען איז באַראַנאָוו אין הערבסט 1924 פון אַ שווערער האַרץ־קראַנקהייט. ער האָט זיך געמוטשעט וואָכען־לאַנג. איך געדענק, אַז אב. קאַהאַן און לעאָן גאָטליעב פלעגען איהם געהן מבקר חולה זיין און יעדעס מאָל ווען זיי זיינען צוריקגעקומען פלע־גען זיי דערצעהלען, אַז זיינע שמערצען זיינען אַזוי שרעקליך, אַז ער בעט אויף זיך דעם טויט.

אין בוך־פאָרם איז פון באַראַנאָוו׳ן גאָרניט פאַרבליבען. די ערשטע צייט נאָך זיין טויט האָט מען גערעדט וועגען אַרויסגעבען אַ זאַמלונג פון זיינע בעסטע פעליעטאָנען און אַנדערע אַר־טיקלען. ליידער, איז דאָס ניט צושטאַנד געקומען.

קאַפּיטעל זעקס

דער לאַנגער ברוגז צווישען אב. קאַהאַן און א. ליעסין

אין קיין אַנדער קרייז פון פּראָפעסיאָנאַלען קומען ניט פאָר אַזוי פיל קריגערייען און צאַנקערייען ווי צווישען אַרטיסטען און שרייבער. אין דער לעבענס־געשיכטע פון יעדען באַרימטען מענשען אין די געביטען פון ליטעראַטור, טעאַטער און קונסט, פאַרנעמט דאָס קאַפּיטעל פון פערזענליכע מחלוקות אַ פּראָמינענטען פּלאַץ; אין מאַנכע פון די ביאָגראַפיעס איז אַט־דער טייל דער סאַמע אינטערעסאַנטסטער. די טעמע פון די קריגערייען צווישען באַרימטע אַקטיאָרען און שריפטשטעלער איז אַפילו באַנוצט געוואָרען פון זייערע שפּעטערדיגע קאָלעגען אין ראָמאַנען און דראַמעס.

די אידישע ליטעראַטור, טעאַטער און פּרעסע איז ניט געווען קיין אויסנאַם. איבערהויפּט איז דאָס געווען דער פאַל אין די יונגע יאָהרען פון די פּראָפעסיעס, ווען די ליידענשאַפטען זיינען נאָך געווען הייס און די קאָנקורענץ איז געווען שאַרף. אין יענער צייט האָבען אויך געהערשט אויף דער אידישער גאַס ברענענדיגע פּאַרטיי־קאַמפען, אין וועלכע די פאַרשיידענע צייטונגען האָבען זיך באַטייליגט, און דאָס האָט צוגעגעבען פייער צו די פערזענליכע קאָנפליקטען צווישען די מיטגלידער פון די פאַרשידענע רעדאַקציעס.

דער „פאָרווערטס" איז געבאָרען געוואָרען דורך אַן אינערליכען קאַמף אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג; און גלייך ביים אָנהויב איז די רעדאַקציע געקומען אין צוזאַמענשטויס מיט דער רעדאַקציע פון „אַבענד־בלאַט", פון וועלכען זי האָט זיך אָפּגעטיילט.

יענע מחלוקה איז געווען אַ אידעאישע, אַ פּאַרטייאישע, אָבער, ווי שטענדיג אין אַזוינע פאַלען, איז אין איהר אויך אַריינגעצויגען געוואָרען דער פּערזענליכער עלעמענט. די שרייבער פון די צוויי צייטונגען האָבען אַנגעוויזען איינער דעם אַנדערען שוואַכקייטען און פעהלערען, אויסגעלאַכט און אָפּגעשפּאָט איינע פון די אַנדערע. צייטענווייז האָבען די אַטאַקעס אַנגענומען אַ ניט־שעהנעם כאַראַקטער.

די קריגערייען צווישען די צייטונגען און שרייבער אויף דער אידישער גאַס האָבען זיך אין גאַנצען ניט אָפּגעשטעלט אַפילו ביז היינט. דעם „פאָרווערטס" איז אויסגעקומען צו שלאָגען זיך פוןביידע זייטען, פון רעכטס און לינקס: מיט עקסטרעם־רעכטע, פון איין זייט, און עקסטרעם־לינקע פון דער צווייטער זייט. אַזוי ווי אַב. קאַהאַן איז געווען דער ערפאָלגרייכסטער און פּאָפּולערסטער רעדאַקטאָר אין דער גאַנצער אידישער פּרעסע, זיינען די מערסטע פּיילען פון געגנער פון „פאָרווערטס" און פון די באַוועגונגען וואָס דער „פאָרווערטס" האָט געשטיצט, געצילט געוואָרען אין איהם. עס זיינען געווען יאָהרען, לאַנגע, לאַנגע יאָהרען, ווען אב. קאַהאַן איז געווען דער מערסט אַטאַקירטער מיטגליד פון דער אידישער שרייבער־פּראָפעסיע.

אויך אין דער רעדאַקציע גופא האָט אַב. קאַהאַן ניט געהאַט קיין רוהיג לעבען. אין דעם פּרט איז זיין גורל ניט געווען אַנדערש פון דעם גורל פון אַלע רעדאַקטאָרען. יעדער, וואָס איז אַביסל באַקאַנט מיט דעם צייטונגס־וועזען, ווייסט, אַז פולשטענדיגע האַרמאָניע און פרידען אין אַ רעדאַקציע איז אַ זעלטענע דערשיינונג. ווייניג שרייבער זיינען צופרידען מיט דעם אָרט וואָס עס ווערט זיי צוגעטיילט אין דער רעדאַקציע. די מעהרסטע פון זיי טראָגען אַ פּאַראיבעל, ווייל זיי גלויבען, אַז זיי ווערען ניט גענוג אָפּגעשאַצט, אַז זיי קריגען ניט די פּאַרדינטע אַנערקענונג, אָדער אַז מען גיט זיי ניט די געלעגענהייטען צו וועלכע זיי זיינען באַרעכטיגט. אייניגע זאָגען עס אַרויס אָפען, אַנדערע האַלטען עס פאַרבאָרגען אין האַרצען. אָבער אפילו ביי די לעצטע רייסט זיך עס אַרויס צייטענווייז ניט־ווילענדיג. דער דערפאַרענער רעדאַקטאָר

ווייסט וועגען דעם און דאָס פאַרשאַפט איהם ניט וועניג האַרצ־וועהטאָג.

אין די לאַנגע יאָהרען, וואָס אב. קאַהאַן איז געווען רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", האָט ער געהאַט אַ סך איבערלעבונגען פון דעם סאָרט. די שווערסטע ערפאַרונגען האָט ער געהאַט מיט די גרויסע, באַרימטע שרייבער. און יעדעס מאָל וואָס ער איז געקומען אין צוזאַמענשטויס מיט אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע איז עס אויפ־געכאַפּט געוואָרען פון זיינע געגנער אין דער פּראָפּעסיע און אין די אַנדערע צייטונגען, און די געשיכטע איז צעפּויקט געוואָרען און באַפאַרבט געוואָרען, אַזוי אַז ער, קאַהאַן, איז אַרויסגעקומען דער אומגערעכטער צד. ענטפערען אויף די אומפּריינדליכע און אומגערעכטע קלאַנגען האָט קאַהאַן ניט געקענט, ווייל דאָס וואָלט געמיינט צו „וואַשען שמוציגע וועש אין דרויסען". אין פילע פון די מחלוקת'ן צווישען אַב. קאַהאַן און זיינע שרייבער, איז קאַהאַנ'ס צד פאַרגעשטעלט געוואָרען פאַר דער עפענטליכקייט ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין.

איינע פון די אומגליקליכסטע מחלוקת'ן, וועלכע האָט זיך געצויגען אַ סך יאָהרען, איז פאָרגעקומען צווישען אב. קאַהאַן און דעם באַרימטען דיכטער און פּובליציסט א. ליעסין. די מחלוקה האָט זיך אָנגעהויבען נאָך איידער איך בין אַריינגעטראָטען אין דער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע (אין 1906). נאָכדעם ווי ליעסין האָט פאַרלאָזען די „פאָרווערטס"־רעדאַקציע און איז געוואָרען דער רעדאַקטאָר פון דער „צוקונפט" (אין 1913) האָט די אָפענע קריי־געריי אויפגעהערט. אָבער דער ברוגז האָט אָנגעהאַלטען ביז ליעסינ'ס טויט מיט 25 יאָהר שפּעטער.

איצטער, אַז מען קוקט אויף צוריק, איז שווער צו באַגרייפען פאַרוואָס די צוויי גרויסע מענשען האָבען ניט געקענט לעבען גוט צווישען זיך. ביי זיי האָט זיך קיינמאָל ניט געהאַנדעלט וועגען מיינונגס־פאַרשידענהייטען, וועגען קאָנפליקטען איבער פּרינציפּען אָדער אָנשויאונגען, וואָס איז אין יענע יאָהרען געווען אַן אָפּטע ערשיינונג אין דער אַרבייטער באַוועגונג אויף דער אידישער גאַס.

פּאַרקערט, אין אַלע פּאַרטיי־ און באַוועגונגס־אָנגעלעגנהייטען זיי־נען קאַהאַן און ליעסין אימער געווען אייניג. אין די שפּאַלטונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, איז ליעסין אימער געשטאַנען אויף דער זעלבער זייט ווי אב. קאַהאַן. און זעהר אָפט האָט איהם קאַהאַן אָנפּאַרטרויט צו שרייבען אַר־טיקלען צו פּאַרטיידיגען זייער געמיינשאַפטליכע שטעלונג. אין די אַלע יאָהרען, וואָס ליעסין איז געווען רעדאַקטאָר פון „צוקונפט” האָט, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט פּאַסירט אַז דער זשורנאַל האָט אין פּאַרטיי־ אָדער אַרבייטער־פראַגען אויסגעדריקט אַן אַנדער שטאַנד־פּונקט ווי דער „פאָרווערטס”.

ליעסין איז געווען מעהר אידיש־נאַציאָנאַליסטיש ווי קאַהאַן. ער איז געווען סימפּאַטיש צום ציוניזם אין די יאָהרען ווען קאַהאַן איז געווען גלייכגילטיג צו אָט־דער באַוועגונג. ליעסין האָט אויך ניט פּאַרטראָגען די אַפּיקורסישע אַרטיקלען וואָס ב. פייגענבוים פלעגט דרוקען, און פון צייט צו צייט פלעגט ער געבען פּלאַץ אין דער „צוקונפט” אָפּצושלאָגען פייגענבוים׳ס גרינגשעצענדע מיי־נונגען וועגען דער תורה און דעם תלמוד. דער ענין האָט אָבער קאַהאַנ׳ען ווייניג אינטערעסירט. טיף אין האַרצען האָט קאַהאַן ליב געהאַט אַלץ וואָס איז אידיש, און אין די שפּעטערדיגע יאָהרען האָט ער צוגעצויגען צום „פאָרווערטס” דר. א. גינזבורג, וועלכער איז אימער געווען איינער פון די שטאַרקסטע קעמפער געגען פייגענבוימ׳ס אויפפאַסונג פון רעליגיעזער אידישקייט. קאַהאַן האָט אויך קיינמאָל ניט באַקעמפט דעם ציוניזם, אפילו ניט אין יענע יאָהרען ווען די גרויסע מערהייט פון אידישע סאָציאַליסטען האָבען באַטראַכט דעם ציוניזם פאַר אַ באַוועגונג פון דער בורזשואַזיע.

איך זאָג דאָס כדי צו באַווייזען, אַז אַפילו אויף דעם געביט פון אידישען נאַציאָנאַליזם, וואו ליעסין און אב. קאַהאַן זיינען ניט געווען איינפאַרשטאַנען, זיינען קיין קאָנפליקטען צווישען זיי ניט פאָרגעקומען. ליעסינ׳ס בעסטע נאַציאָנאַלע לידער און פּאָעמען, זיינע בעסטע אָפּהאַנדלונגען וועגען אידישע יום־טובים, אידישע היסטאָרישע פּערזענליכקייטען און מאַרטירער, און אַ סך פון זיינע בעסטע עסייען וועגען אידישקייט זיינען געדרוקט געווען אין

„פאָרווערטס“ אונטער קאַהאַנ׳ס רעדאַקציע און זיי זיינען „געפּי־טשורט“ געוואָרען מיט דער געהעריגער פּראָמינענץ.

ווי הויך קאַהאַן האָט געשעצט ליעסינ׳ען, קען מען זעהן פון דער פאָלגענדער פּאַסירונג: געשעהן איז עס, דאַכט מיר, אָנהויב דרייסיגער יאָהרען אָדער עטוואָס פריער. די „פאָרווערטס“ אַסאָ־סיאיישאָן האָט דאַמאָלסט אָפּגעהאַלטען אַ ספּעציעלען מיטינג וועגען אַ דרינגענדער פּאָליסי־פראַגע. די דיסקוסיע איז געווען זעהר אַ הייסע; און איינער פון די מיטגלידער האָט אין זיין רעדע אָנגעוויזען אויף דעם, אַז קאַהאַן איז שוין זיבעציג יאָהר אַלט און מען דאַרף טראַכטען וואָס וועט זיין אויב ער וועט באַשליסען צו „רעטאַירען“; ווער וועט קענען איבערנעמען די רעדאַקציע?

ווען קאַהאַן האָט גענומען דאָס וואָרט, האָט ער אויף דער פראַגע געענטפערט. ער האָט געזאָגט אומגעפער אַזוי: אויב איך וועל אַוועקגעהן, וועט די רעדאַקציע קענען אָנגעהן ווייטער מיט דעם איצטיגען סטעף. עס וועט בלויז פעהלען איינער וואָס זאָל אויפּפּאַסען אויף דער פּאָליסי און וועמען מען זאָל קענען אָנ־פאַרטרויען מיט שרייבען די וויכטיגע לייט־אַרטיקלען. דאָס וועט קענען טאָן א. ליעסין. איר וועט איהם דאַרפען אַריינגעמען אינע־ווייניג אין דער רעדאַקציע און איהם אָנפאַרטרויען מיט דער אויפגאַבע.

כאָטש צווישען קאַהאַנ׳ען און ליעסינ׳ען האָט דעמאָלט גע־הערשט זייער אַלטער ברוגז, האָבען קאַהאַנ׳ס ווערטער קיינעם ניט איבערראַשט. אַלע האָבען געוואוסט, אַז קאַהאַן האָט די העכסטע מיינונג וועגען ליעסינ׳ס טאַלאַנט אַלס שריפטשטעלער און פּובלי־ציסט און אַז ער האָט צו איהם דעם העכסטען צוטרוי אַלס סאָ־ציאַליסטישער דענקער און לערער.

* * *

קומען מיר צוריק צו דער פריערדיגער פראַגע: פאַרוואָס האָבען די צוויי מענשען ניט געקענט לעבען בשלום? פון וואַנען האָט זיך גענומען דער ברוגז, וואָס האָט אָנגעהאַלטען אַלע זייערע יאָהרען?

שולדיג אין דעם זיינען געווען זייערע כאַראַקטערען. ליעסין איז געווען זעהר, כמעט קרענקליך־סענסיטיוו, עמפּינדליך; און קאַהאַן האָט ניט געהאַט קיין געדולד צו אַזוינע מענשען, באַזונ־דערס ביי דער אַרבייט אין דער רעדאַקציע. ליעסין איז אויך געווען אַ זעהר לאַנגזאַמער שרייבער. עס האָט געדויערט לאַנג ביז דער פּלאַן און די געדאַנקען פון דעם אַרטיקעל פלעגען רייף ווערען ביי אים אין קאָפּ איידער ער פלעגט זיך קענען אַוועקזעצען שריי־בען. ער פלעגט אָפּלעגען די אַרבייט ביז דער לעצטער מינוט. אַב. קאַהאַן האָט עס ניט געקענט דולדען. ער האָט געשטרעבט צו רעדאַקטירען דעם „פאָרווערטס" לויט די מעטאָדען פון די אַמעריקאַנער צייטונגען, מיט דער זעלבער „עפישענסי". — אַלץ זאָל זיין אין צייט; די צייטונג זאָל זיך אָפּרופען אויף געשעהע־נישען אַזוי שנעל ווי מעגליך. און ווען ער האָט די פאָדערונג געשטעלט צו ליעסינ׳ען, האָט ליעסין דאָס אָנגענומען פאַר אַ פּער־זענליכער באַליידיגונג.

* * *

אַ שרייבער, וועלכער נעמט זיך אַריין אין קאָפּ, אַז דער רע־דאַקטאָר איז פיינדליך צו איהם, וועט לייכט קענען געפינען „באַ־וויזען" אויף דעם אויף שריט און טריט: היינט האָט דער רע־דאַקטאָר אַוועקגעשטעלט זיין אַרטיקעל אויף אַ ווייטער פּעידזש; מאָרגען האָט דער רעדאַקטאָר באַהאַלטען דעם אַרטיקעל אונטער אַ קליינעם קאָפּ; איבערמאָרגען האָט דער רעדאַקטאָר באַשטעלט ביי אַן אַנדער שרייבער אַן אַרטיקעל אויף אַ טעמע וואָס געהערט צו איהם, און אַזוי ווייטער און ווייטער. ליעסין, זייענדיג איבער־צייגט ביי זיך, אַז קאַהאַן איז אומפריינדליך צו איהם, האָט דערפאַר געקענט געפינען גענוג באַווייזען אויף דעם, כאָטש קאַהאַן איז געווען אַבסאָלוט אומשולדיג.

* * *

מיר אַלע אין דער רעדאַקציע האָבען געהאַט גוואַלדיגען רעספּעקט פאַר ליעסינ׳ען פאַר זיין הויכער מאָראַלער פּערזענליכ־

קייט און פאַר זיין ריזיגען טאַלאַנט, פיל פון אונז האָבען געטאָן אַלעס מעגליכעס אָפּצושאַפען די שלעכטע שטימונג צווישען איהם און קאַהאַנ׳ען. אַ סך יאָהרען איז מיר אויסגעקומען צו שטעהן צווישען זייביידען און איך האָב בייגעשטייערט מיין חלק אין דער שלום־באַמיהונג, אָבער אָהן ערפאָלג.

אַלס ביישפּיל פון דעם ווי אַזוי מיר האָבען געציטערט ניט פּוגע צו זיין כבוד צו זיין ליעסינ׳ען, קען דינען די פאָלגענדע פּאַסירונג:

אב. קאַהאַן איז דאַמאָלסט געווען אין אייראָפּע און איך האָב פאַרנומען זיין פּלאַץ אין דער רעדאַקציע. פּאַסירט, אַז ז. שניאור קומט אויף אַ באַזוך פון פּאַריז אין ניו יאָרק (דאָס איז געווען נאָך איידער שניאור איז געוואָרען אַ מיטאַרבייטער אין „פאָרווערטס“). איך האָב איהם פערזענליך ניט געקענט. האָט איהם וולאַדעק אַרויפגעפירט אין דער רעדאַקציע און נאָך אַ קורצען געשפּרעך האָט שניאור מיר איבערגעגעבען אַ פּאָעמע פאַר דער צייטונג.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז די פּאָעמע איז געווען זעהר אַ גוטע און איך האָב זי מיט פאַרגעניגען אָנגענומען. אָבער איידער איך האָב פּאָספּייעט איהר צו דרוקען האָט מיר וולאַדעק געלאָזט וויסען דעם פּרייז וואָס שניאור פאַרלאַנגט. דער ערשטער געדאַנק וואָס מיר איז אַרויף אויפ׳ן זינען ווען איך האָב געהערט די סומע, איז געווען אַז דאָס איז מעהר ווי ליעסין קריגט פאַר זיינער אַ פּאָעמע אין „פאָרווערטס“. מיין ענטפער צו וולאַדעק׳ן איז געווען, אַז אויב ליעסין וועט זיך דערוויסען, אַז אַן אַנדער דיכטער קריגט אַ העכערען פּרייז ווי ער, וועט דאָס איהם שרעקליך וועה טאָן. ביי איהם וועט עס ניט געהן אין די געלט (ליעסין האָט וועגען געלט קיינמאָל ניט געטראַכט). ביי איהם וועט געהן אין כבוד. איך האָב אָנגעבאָטען צו צאָלען שניאור׳ן דעם זעלבען פּרייז וואָס ליעסין באַקומט. שניאור האָט מיין אָנבאָט צוריקגעוויזען, און איך האָב איהם געמוזט צוריקשיקען דעם מאַנוסקריפּט.

קאַפּיטעל זיבען

ב. פּייגענבוים

צווישען רעליגיע און אפּיקורסות, גלויביגע און „פריייע“, געהט־אָן אַ שטענדיגע מלחמה, און ווי אין אַלע לאַנג־פאַרצויגענע מלחמות פּאַסירט אויך דאָ, אַז די פּאָזיציעס פון די צוויי צדדים ענדערען זיך פון צייט־צו־צייט. היינט איז איין צד דער אָנגרייפער און מאָרגען איז דאָס דער צווייטער; היינט ווערט איין צד אָפּהענטיג און פּאַסיוו און מאָרגען ווערט עס דער צווייטער צד.

ביים סוף פון נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט און אין אָנהויב פון דעם צוואַנציגסטען איז די אַגרעסיע, דער אָנגריף, געפירט געוואָרען פון די אפּיקורסים, די „פריייע“. רעליגיע איז דעמאָלסט געווען פעסט אין אירע פּאָזיציעס, אַזוי צום וועניגסטענס האָבען איהרע פאָרשטייער געמיינט. די „פריייע“ האָבען געפירט די אַטאַקעס. זיי האָבען עס געטאָן אויף די פּלאַטפאָרמעס, אין דער ליטעראַטור, אין דער פּרעסע. היינט איז פאַרקערט. היינט זיינען די רעליגיעזע, די גלויביגע און די אָרגאַניזירטע קלעריקאַלען די אַגרעסאָרס, די אָנגרייפער. די „פריייע“ זיינען פּאַסיוו. כמעט גלייכגילטיג; מסתמא אויך דערפאַר, ווייל זיי דענקען, אַז זייערע פעסטונגען זיינען שטאַרק גענוג בײַצושטעהן אַלע אַטאַקעס פון שונאים.

אַזוי איז געווען די לאַגע אַמאָל און אַזוי איז די לאַגע היינט אין דער גוי׳אישער וועלט און אויך אויף דער אידישער גאַס פון אַמעריקע. אין די לעצטע פאַר צענדליג יאָהר האָבען די פרומע געמאַכט געוואַלדיגען פאָרשריט אין דער אידישער געזעל־שאַפט. זיי האָבען אויפגעבויט ישיבות איבעראַל, וואו עס איז פאַראַן אַ באַדייטענדער אידישער ישוב; זיי האָבען אַריינגעצויגען אין

זייערע רייען טויזענטער אידישע קינדער, וועלכע האָבען אַריינ־געטראָגען אַלטמאָדישע פרומקייט אין היימען, וואו די עלטערען זיינען פריהער געווען פרייע. אין זייער אַגרעסיווער טעטיגקייט באַגעגענען די רעליגיעזע אידען כמעט ניט קיין שום ווידער־שטאַנד.

מיט אַ האַלבען יאָהרהונדערט צוריק איז די לאַגע געווען פאַרקערט: דאַמאָלסט האָבען די אַפּיקורסים, די „פרייע" געקערט וועלטען אין דער אידישער אַמעריקע, ספּעציעל צווישען דער נייער אימיגראַציע, וועלכע האָט אַריינגעשטראָמט פון רוסלאַנד, פּוילען, גאַליציע, רומעניע און אַנדערע מזרח־אייראָפּעאישע לענ־דער, וואו רעליגיע האָט געהאַט אַ פעסטען אָנהאַלט אין דער אידי־שער געזעלשאַפט. די אינגערע אימיגראַנטען און די קינדער פון די עלטערע זיינען אַריינגעצויגען געוואָרען אין די ראַדיקאַלע באַוועגונגען. אין די באַוועגונגען איז רעליגיע באַטראַכט געוואָרען ווי אַ רעאַקציאָנערער כוח, ווי אַ כוח וואָס שטיצט יענע קלאַסען און יענע געדאַנקען וואָס דערלאָזען ניט צום פאָרשריט פון דער געזעל־שאַפט און וואָס האַלטען די מאַיאָריטעט פון דער מענשהייט אין עקאָנאָמישער שקלאַפעריי און גייסטיגער פינסטערניש.

אין די היימען, אין די שעפער און אויף דער גאַס איז דער קאַמף געגען רעליגיע געפירט געוואָרען מיט די „וואָפען פון אומ־שטענדען" מיט דעם וואָס מען רופט „סטיכישע קרעפטען". דער דראַנג פון לעבען, די פאָדערונגען פון אַרבייט און ביזנעס האָבען געמאַכט זעהר שווער, כמעט אונמעגליך פאַר אינגערע אידען אָנ־צוהאַלטען אידישקייט, ניט צו אַרבייטען שבת, צו היטען כשרות, צו דאַווענען אין צייט און אַזוי ווייטער. זעהר ווייניג פרומע עלטערען האָבען ביי זיך געקענט פועל'ן צו שיקען זייערע קינדער אין אַ ישיבה אָדער תלמוד־תורה אָנשטאָט זיי צו שיקען אין אַ פּאָבליק־סקול. אין די דאַמאָלסטיגע ישיבות און תלמוד־תורה'ס האָט מען געלערענט זעהר ווייניג וועלטליכע געגענשטאַנען ווי דאָס ווערט געטאָן איצטער. וואָס ווייטער איז אויך געוואָרען שווערער און שווערער צו קריגען אַ דזשאָב, וואו מען האָט ניט געמוזט אַרבייטען שבת; און אַ ביזנעס, וואָס איז געווען געשלאָסען שבת,

איז געווען זעהר שווער צו אויסהאַלטען די קאָנקורענץ פון די געשעפטען, וואָס האָבען זייערע טירען געהאַלטען אָפען.

אויף דער גאַס, אַלזאָ, האָבען די „פרייע" געקראָגען די אויבער־האַנט פון זיך אַליין, דורך אומשטענדען, וואָס האָבען זיך ניט געלאָזט קאָנטראָלירען. אויפ'ן גייסטיגען געביט איז אָבער ניט געווען אַזוי. דאָרט האָט זיך געפאָדערט אַגיטאַציע, פראָפּאַגאַנדע און אָט־די אויפגאַבע האָט אויף זיך גענומען די ראַדיקאַלע פרעסע, וועלכע איז דאַמאָלסט געווען טיילווייז סאָציאַליסטיש און טיילווייז אַנאַרכיסטיש. די ראַדיקאַלע צייטונגען האָבען געדרוקט אָפטע אַרטיקלען געגען די גרונד־געדאַנקען פון רעליגיע און געגען רע־ליגיעזע דינים, מנהגים, טראַדיציעס. צום באַדויערען, זיינען געווען זעהר ווייניג צווישען די שרייבער, וועלכע זיינען געווען גענוג קאָמפעטענט זיך צו פאַרנעמען מיט דער אויפגאַבע. זעהר ווייניג פון זיי זיינען געווען באַקאַנט מיט אידישע לימודים און מיט דער פילאָזאָפישער באַגרינדונג, אַלטער און נייער, פון דער אידישער רעליגיע. דערפאַר האָט פאַסירט, אַז דאָס מעהרסטע וואָס איז דאַן געשריבען געוואָרען אין געגנערשאַפט צו פרומער אידישקייט איז געווען ענטוועדער אויבערפלעכליך אָדער האָט געטראָגען דעם כאַראַקטער פון חוזק, אַ ליצנות, געצילט צו געפעלען ווערען דער „גאַליאָרקע".

עס זיינען, פאַרשטעהט זיך, געווען אויסנאַמען, און איינער פון די אויסנאַמען, וואַרשיינליך דער סאַמע וויכטיגסטער, איז געווען ב. פייגענבוים. זיינע אַפּיקורסישע אַרטיקלען אין „פאָרווערטס" און אין אַנדערע ראַדיקאַלע צייטונגען און זשורנאַלען זיינען געווען געווענדט צו אידען מיט אַ ידיעה אין די „הייליגע ספרים", אידען וואָס האָבען אַמאָל „געשוואומען אין דעם ים התלמוד".

* * *

ב. פייגענבוים האָט אין זיין יוגענד געלערענט אין ישיבות; אויב איך האָב קיין טעות ניט, האָט ער געהאַט סמיכה אויף רבנות. און כאָטש ער איז שפּעטער אַוועק אויף אַ גאַנץ אַנדער וועג און געלערנט אַנדערע „תורות", איז די ישיבה פאַרבליבען אין זיין

זכרון, אָדער בעסער געזאָגט, אין זיין בלוט. ער האָט ליב געהאַט וועגען דעם צו שרייבען.

עס דאַרף אָבער געזאָגט ווערען, אַז ביי פייגענבוים׳ען איז די אפיקורסות געווען אַ טייל פון זיין אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג. ער האָט געהערט צו יענער שולע, צו יענעם טייל פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס האָט געגלויבט אין פולשטענדיגען אינטערנאַציאָנאַליזם, אין דעם אידעאַל פון אָפּשאַפען אַלע גרעניצען צווישען פעלקער און ראַסען, פון מיט־ברענגען די פאַרשמעלצונג פון אַלע נאַציאָנען אויף אַזוי ווייט ווי דאָס איז נאָר מעגליך. ער האָט געהאַלטען, אַז רעליגיע איז אַ שטערונג צו דער דערגרייכונג פון דעם אידעאַל שוין דערפאַר אַליין, וואָס עס עקזיסטירען אַזוי פיל פאַרשיידענע רעליגיעס און וואָס די קירכע פון יעדער רעליגיע איז צעשפּאַלטען אין פאַר־שידענע פראַקציעס, וועלכע קעמפען פאַרביטערט איינע געגען דער אַנדערער.

ב. פייגענבוים האָט געשטאַמט פון אַ חסידישער פאַמיליע, און אין זיין קאַריערע אַלס סאָציאַליסטישער שרייבער, רעדנער און פיהרער איז ער פאַרבליבען דער „פייערדיגער חסיד". ער האָט אַלץ געטאָן מיט התלהבות, מיט ברען, מיט פייערדיגער ליידענ־שאַפט. דער סאָציאַליזם איז געווען זיין רעליגיע; ער האָט גע־גלויבט מיט׳ן גאַנצען האַרצען, אַז דער סאָציאַליזם, און נאָר דער סאָציאַליזם, וועט ברענגען די דערלייזונג פון דער מענטשהייט. אין זיינע אינגערע יאָהרען, ווען ער איז געווען ביי זיינע בעסטע גייסטיגע כוחות, האָט ער זיך קאָנצענטרירט אינגאַנצען אויף אַגי־טירען די סאָציאַליסטישע אידעען. מיט זיין גוטען קאָפּ פלעגט ער קענען אַרויסדרינגען אַ סאָציאַליסטישען מוסר־השכל פון יעדער פּאַסירונג, פון יעדער געשעהעניש אין דער פּאָליטיק, אין דער אַרבייטער־וועלט און אפילו אין געזעלשאַפטליכען לעבען. וועגען זיינע לייט־אַרטיקלען אין „פאָרווערטס" פלעגט זיך אין יענע יאָהרען אַרומטראָגען אַ וויץ, אַז זיי אַלע ענדיגען זיך מיט אַ סאָציאַליסטישען „ובא לציון גואל".

ביי איהם האָט זיך דערפאַר געשאַפען אַ מין פּאַראַדאָקס, אַ

ווידערשפּרוך. אין זיין פּריוואַטען און פאַמיליען־לעבען איז ניט געוועזן קיין סימן פון אידישקייט, אָבער זיין גייסטיגער וועזען איז געוועזן דורכגעוויקט מיט אידישקייט. זיין קאָפּ, זיינע געדאַנקען זיינען געוועזן אָנגעזאַפּט מיט די אידישע ספרים, וואָס ער האָט געלערנט אין זיין יוגענט און וועגען וועלכע ער האָט ניט אויפגעהערט צו טראַכטען און צו שרייבען זיין גאַנצען לעבען.

* * *

מיט׳ן לויף פון דער צייט האָט די באַציהונג פון דער ראַדיקאַלער אידישער וועלט צו אידישקייט, צום אידישען נאַציאָנאַליזם און אפילו צו דער אידישער רעליגיע זיך גענומען בייטען. אין רוסלאַנד און אין פּוילען איז אַנטשטאַנען דער „בונד", וועלכער האָט אָנגענומען אַ פּראָגראַם פון „נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע". עס זיינען אויך אויפגעקומען די באַוועגונגען פון די פּועלי־ציון און פון אַנדערע גרופּען, וואָס האָבען געזוכט אַ „סינטעז", אַ פאַרבינדונג צווישען אידישען נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם. עס איז אויך אויפגעקומען דער געדאַנק, אַז „רעליגיע איז אַ פּריוואַט־זאַך", און אַז מען קען זיין אַ פרומער איד און אין דער זעלבער צייט אויך זיין אַ גוטער סאָציאַליסט. איך דערמאָן דאָס דאָ בלויז כדי אָנצודייטען פאַרוואָס פייגענבוים׳ס געדאַנקענגאַנג, זיין פּאָזיציע אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע איז אין די שפּעטערדיגע יאָהרען פון זיין לעבען פאַרטונקעלט געוואָרען.

אב. קאַהאַן האָט שטאַרק געהאַלטען פון פייגענבוים׳ס פעהיגקייטען און פון זיין גרויסען וויסען סאַי אין די אַלטע אידישע ספרים, סאַי אין דער וויסענשאַפט פון סאָציאַליזם. ער האָט אָבער ניט שטענדיג איינגעשטימט מיט זיין עקסטרעמער באַציהונג צו רעליגיע און צו נאַציאָנאַליזם. קאַהאַן האָט אויף דיביידע זאַכען געקוקט ניט אַזוי פון דעם שטאַנדפּונקט פון אַ געלערנטען, ווי פון דעם ריין־פּראַקטישען שטאַנדפּונקט, און אַמאָל אויך פון אַ סענטימענטאַלען שטאַנדפּונקט. ער האָט פאַרטיידיגט אידישע מנהגים, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט רעליגיע, בלויז דערפאַר וואָס אידען האָבען זיך ביי די מנהגים געהאַלטען און זיי ליב געהאַט.

זיין שטעלונג צו געשעהענישען וואָס האָבען רעפלעקטירט אויף אידען, איז אָפט באַשטימט געוואָרען לויט די אידישע אינטערעסען, ניט לויט די אַבסטראַקטע ראַדיקאַלע אָדער סאָציאַליסטישע טעאָריעס.

לאָמיר דאָ דערצעהלען אַן עפּיזאָד אין דער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע, וואָס וועט אַמבעסטען אילוסטרירען דעם אונטערשיד צווישען אב. קאַהאַן און ב. פייגענבוים אין דער הינזיכט.

פּאַסירט האָט עס אין 1911 אָדער 1912. די הוירסט־צייטונגען פון ניו יאָרק זיינען אַרויסגעקומען מיט אַ סענסאַציע, אַז אַ קריסטליכער אַנגעשטעלט אין מאָרטימער שיפ׳ס פּאַלאַץ, אויף פיפטע עוועניו, איז „פּאַרפּאַקט" געוואָרען אין פּריזאָן אויף אַ זעהר לאַנגען טערמין (דוכט מיר, 20 יאָהר) פאַר אַ מילדער קלאַגע, און אַז געטאָן האָט עס דער אידישער ריכטער ראָזאַלסקי. די אָנצוהערעניש איז געווען, אַז עס איז געמאַכט געוואָרען אַ „דזשאַב" אויף אַ גוי׳אישען באַדינער אין אַ אידישער מיליאָנערסקער הויז, און אַז דעם „דזשאַב" האָט געמאַכט אַ צווייטער איד, אַ אידישער ריכטער. די צייטונגען האָבען געפאָדערט, אַז די קעיס זאָל רעווידירט ווערען, אַז עס זאָל געמאַכט ווערען אַן אונטערזוכונג וועגען דער גאַנצער געשיכטע. (געענדיגט האָט זיך דערמיט, וואָס דער פאַרשיקטער איז באַפרייט געוואָרען און האָט פאַרלאָזען דאָס לאַנד).

די סענסאַציע האָט אויפגערודערט די אידישע וועלט פון נ"ז יאָרק. עס האָט זיך מיט איהר גערודערט וואָכען לאַנג. מאָרטימער שיף איז געווען דער איינציגער זוהן פון דזשעיקאָב שיף און דזשעיקאָב שיף איז דאַמאָלסט געווען דער פּראָמינענטסטער און אָנגעזעהענסטער איד אין לאַנד. אויך די פאָרם, ווי אַזוי די אַרטיקלען אין די הוירסט־צייטונגען זיינען געשריבען געוואָרען, האָט אַרויסגערופען אַ פאַרדאַכט, אַז הינטער זיי ליגט אַן אַנטיסעמיטישער מאָטיוו.

דער „פאָרווערטס" האָט, נאַטירליך, געדאַרפט זאָגען זיין וואָרט אין דער אנגעלעגענהייט און פייגענבוים האָט אָנגעשריבען דעם לייט־אַרטיקעל. איך געדענק, אַז דאָס איז געווען אַ פרייטאָג. אב. קאַהאַן איז צוריקגעקומען פון לאָנטש און האָט געבעטען זעהן

דעם לייט־אַרטיקעל, איידער ער ווערט אויפגעזעצט. ווען ער האָט איהם דורכגעלייענט, האָט ער געלאָזט וויסען פייגענבוים׳ען, אַז ער קען ניט געדרוקט ווערען, אַז די שטעלונג פון „פאָרווערטס״ מוז זיין פונקט דאָס פאַרקערטע ווי די וואָס פייגענבוים האָט אויס־געדריקט.

פייגענבוים האָט אין דער פאַסירונג פון דעם פאַרשיקטען אָנגעשטעלטען געזעהן בלויז איין זאַך: אַ צוזאַמענשטויס צווישען אַ מיליאָנערסקען בעל־הבית און אַ פשוט׳ען אַרבייטער. און ער האָט זיך אין זיין לייט־אַרטיקעל געשטעלט אויף דער זייט פון דעם אַרבייטער. אב. קאַהאַן האָט אין דער פאַסירונג געזעהן אַ העצע געגען אַ פראָמינענטען אידישען פאָרשטעהער, געגען אַ פראָמינענ־טען אידישען ריכטער און אויך אַ באַליידיגונג אויף אידען אין אַלגעמיין. פייגענבוים האָט אויסגעטייטשט די געשעהעניש לויט די געזעצען פון אַבסטראַקטער סאָציאַליסטישער טעאָריע. אב. קאַהאַן האָט זי אויסגעטייטשט לויט די פראַקטישע אידישע אינ־טערעסען.

קאַפּיטעל אַכט

בעלעטריסטן, מיטגלידער פון דער רעדאַקציע

קאַברין, ליבין און מאָריס ראָזענפעלד

די אידישע טעגליכע פּרעסע, באַזונדערס דער „פאָרווערטס", האָט אימער געהאַט בעלעטריסטען אין רעדאַקציע־סטעף. איך רעד ניט וועגען צופעליגע מיטאַרבייטער, וואָס פאַרקויפען פון צייט־צו־צייט דערצעהלונגען, ראָמאַנען, לידער און פּאָעמען און קריגען באַצאָלט פון „שטיק", אַזוי צו זאָגען. איך האָב אין זינען רעגולערע מיטגלידער פון דער רעדאַקציע מיט אַ פעסטען וועכענטליכען געהאַלט און מיט די אַלע אַנדערע פּריווילעגיעס וואָס רעדאַקציע־אָנגעשטעלטע האָבען. אין דער אַמעריקאַנער טעגליכער פּרעסע געפינט מען דאָס ניט. דאָרטען איז דער רעגולערער רעדאַקציע־סטעף צונויפגעשטעלט פון זשורנאַליסטען, וועמענס אויפגאַבע עס איז צו באַריכטען נייעס, געשעהענישען, אויפקלערען זייער באַדייטונג און פאַרטייטשען זיי פאַר דעם קלאַס לייענער פון דער באַטרעפנדער צייטונג. דאָס ווייסטע וואָס מאַנכע טעגליכע ענגלישע צייטונגען געהען אין דעם ענין פון בעלעטריסטיק איז צו באַשעפטיגען אין דער רעדאַקציע אַ רעצענזענט, אַ ליטעראַטור־קריטיקער. די אויפגאַבע פון דעם צייטונגס־רעצענזענט איז אָבער אין גרונט אַ זשורנאַליסטישע. ער איז אַ ליטעראַטור־רעפּאָרטער. ער מעלדעט וועגען נייע ביכער וואָס קומען ערשט אַרויס פון דרוק און גיט אַן אָפּשאַצונג וועגען זיי, כדי די לייענער מיט אַן אינטערעס פאַר ליטעראַטור זאָלען האָבען די אינפאָרמאַציע, אין וועלכער זיי נויטיגען זיך. סטעף־מיטגלידער וואָס גיבען זיך

אויסשליסלעך אָפּ מיט שאַפֿען ליטעראַטור, איז אין דער אַמעריקאַנער טעגליכער פּרעסע ניטאָ. אין דער אידישער טעגליכער פּרעסע איז עס אַ געוועהנליכע דערשיינונג.

און ווי געזאָגט, האָט זיך אין דעם פּרט אימער אויסגעצייכענט אונזער „פאָרווערטס”. ווען איך בין אָנגעקומען אין דער רעדאַקציע אין יאָהר 1906, האָט לעאָן קאָברין באַקומען אַ וועכענטליכען געהאַלט פאַר שרייבען אַ ראָמאַן. די אַנדערע מיטגלידער פון דער רעדאַקציע האָבען איהם באַטראַכט פאַר אַ רעגולערען מיטאַרבייטער, גלייך מיט זיי. צי דאָס איז טאַקע געווען דער פאַל, ווייס איך ניט. אין יענע יאָהרען איז אייגענטליך געווען אַ קליינער אונטערשיד צווישען אַ רעגולערען אָדער צופעליגען מיטאַרבייטער. קיינער האָט ניט געהאַט קיין שום „דזשאָב־פּראָטעקציע”, דאָס וואָס ווערט באַצייכענט אויף ענגליש מיט׳ן וואָרט „טעניור”. דער רעדאַקטאָר האָט געקענט אָפּזאָגען יעדען מיטאַרבייטער ביים ענדע פון וואָך. אַלס שטענדיגער מיטאַרבייטער איז פאַררעכענט געוואָרען יעדער וואָס האָט באַקומען אַ וועכענטליכען געהאַלט, צי ער איז געווען אָנגעשטעלט פּערמאַנענט צי ניט, און אַזאַ וועכענטליכען געהאַלט האָט באַקומען לעאָן קאָברין.

שפּעטער אַביסעל זיינען אָנגעקומען נאָך צוויי בעלעטריסטען:
ז. ליבין און מאָריס ראָזענפעלד. ליבין האָט נאָך פון פריער געהאַט אַן אַראַנדזשמענט, אָדער בעסער געזאָגט, אַ שטילע פאַרשטענדיגונג מיט אב. קאַהאַן. זיינע סקיצען און דערצעהלונגען פלעגען געדרוקט ווערען ווען ער האָט זיי אַריינגעשיקט. ער פלעגט אָבער פון צייט־צו־צייט ווערען „ביזי” מיט שרייבען אַ פּיעסע. און אַזוי לאַנג ווי ער איז געווען באַשעפטיגט מיט דער טעאַטער־אַרבייט, פלעגט ער כמעט קיין סקיצען ניט שרייבען. עס פאַרשטעהט זיך, אַז דאַמאָלסט פלעגט זיין „עקאָנאָמישע” פאַרבינדונג מיט דער רעדאַקציע איבערגעריסען ווערען. אַזוי שנעל ווי אין טעאַטער איז געוואָרען „סלעק”, פלעגט ליבין צוריקקומען אין דער רעדאַקציע. מיט דעם לויף פון דער צייט איז ליבין געוואָרען מעהר און מעהר צייטונגס־שרייבער און ווייניגער טעאַטער־שרייבער. אין די לעצטע עטליכע צענדליג יאָהר פאַר זיין „ריטאַירמענט” איז ער געווען אַ רעגולערער

מיטגליד פון סטעף, מיט אַ פעסטען געהאַלט און מיט אַלע רעכט און פּריווילעגיעס וואָס רעגולערע סטעף־מיטגלידער געניסען. גע־שריבען פאַר דער צייטונג האָט ער בלויז בעלעטריסטיק — סקיצען און דערצעהלונגען.

מאָריס ראָזענפעלד איז אָנגעשטעלט געוואָרען אויף אַ פעסטען געהאַלט נאָך פריהער: ער פלעגט שרייבען לידער, פאָעמען און פעליעטאָנען. פון צייט צו צייט פלעגט מען איהם באַשטימען צו מאַכען אַ „ספּעציעלען רעפּאָרטאַזש" וואָס האָט געטראָגען דעם כאַראַקטער מעהר פון בעלעטריסטיק ווי זשורנאַליזם. איך ערא׳נער זיך איינמאָל אַזאַ פאַל. דאָס איז געווען אַן ערשטער מאַי יום־טוב. די אידישע אַרבייטער באַוועגונג, די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי־ברענ־טשעס און יוניאָן לאָקאַלען פלעגען דאַמאָלסט דורכפירען גרויסע ערשטע מאַי דעמאָנסטראַציעס אויף דער איסט סאַיד. אָנהויבען פלעגען זיך די פּאַראַדען אויף ראָטגערס סקווער, אין פראָנט פון „פאָרווערטס"־בילדינג. דאָס איז טיילווייז געווען אויס באַקוועמ־ליכקייט, ווייל דער סקווער האָט געהאַט פּלאַץ אויסצושטעלען די „רעגימענטען", טיילווייז איז דאָס אויך געווען אַלס אנערקענונג צום „פאָרווערטס" — די צייטונג פון דער באַוועגונג און די צייטונג וועלכע האָט געגעבען די נויטיגע „פּובליסיטי" און מעגליך געמאַכט אַז אַזוינע דעמאָנסטראַציעס זאָלען אַראַנזשירט ווערען.

דער ערשטער מאַי פּאַראַד וועגען וועלכען איך רייד דאָ, איז געווען איינער פון די גרעסטע און אימפּאָזאַנטסטע. ער האָט גע־דאַרפט זיך אָנהויבען מיטאָג־צייט און דעם גאַנצען פרימאָרגען האָט אַפּן סקווער זיך געראַשט מיט יום־טוב׳דיגע גרופּען און איינצעלנע וואָס האָבען געשטראָמט פון אַלע אידישע גאַסען אויף דער איסט סאַיד און אויך פון ווייטערע אידישע קוואַרטאַלען. אַזייגער צעהן איז מאָריס ראָזענפעלד אַריינגעקומען אין דער רעדאַקציע. ער האָט אַ קוק געטאָן דורכ׳ן פענסטער און זיך אַוועקגעזעצט שרייבען. מיך האָט עס אַביסעל פאַרוואונדערט (איך בין נאָך געווען גרין אין צייטונג־ביזנעס). איך האָב געפרעגט ביי די עלטערע שריי־בער, ווי אַזוי ראָזענפעלד קען מאַכען אַ רעפּאָרט נאָך איידער דער פּאַראַד האָט זיך אָנגעהויבען. זייער ענטפער איז געווען:

„איהר וועט זעהן ווי אַזוי, ווען איהר וועט לייענען דעם רעפּאָרט אין מאָרגענדיגען „פאָרווערטס”. און דער רעפּאָרט איז ווירקליך געווען אַ מייסטערווערק: דער לעזער האָט פאַר זיך געזעהן אַ רעאַליסטיש בילד פון דעם פּאַראַד און האָט אויך דורכגעלעבט די געהויבענע שטימונג וואָס האָט באַהערשט די מאַסען, וועלכע האָבען זיך אין דעם פּאַראַד באַטייליגט און יענע, וואָס זיינען איהם געקומען אָנקוקען.

מיט דעם אויפבלי פון דער אידישער ליטעראַטור האָט די רעדאַקציע פון „פאָרווערטס” אַריינגענומען מעהר און מעהר פון די גרויסע ליטעראַרישע טאַלאַנטען און זיי אָנגעשטעלט אַלס מיט־אַרבייטער מיט אַ פעסטען וועכענטליכען געהאַלט און מיט אַלע רעכט און פּריווילעגיעס פון רעגולערע סטעף־מיטגלידער. אַ סך יאָהרען זיינען אויף דעם צעטעל געשטאַנען די נעמען פון מעהר ווי אַ האַלבען צענדליג פון די ליטעראַרישע שטערען: שלום אַש, אברהם רייזען, ז. שניאור, יונה ראָזענפעלד, י. י. זינגער, ז. ליבין. צוזאַמען האָבען זיי געבילדעט אַ באַדייטענדען שיכט פון דער גאַנצער רעדאַקציע.

* * *

די בעלעטריסטען זיינען אין יענע יאָהרען געווען דאָס „שיינ־דעל” פון דער צייטונג. אב. קאַהאַן, דער רעדאַקטאָר, איז אַליין געווען אַ בעלעטריסט און אויך אַ ליטעראַטור־קריטיקער און ער האָט די בעלעטריסטען געשענקט ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט. מיט די דערמאָנטע „אויסשליסליכע” בעלעטריסטען האָט זיך קאַהאַן ניט באַנוגענט. ער האָט אַריינגענומען אין דער רעדאַקציע אַ צאָל מיטאַרבייטער וועלכע האָבען געקענט טאָן ביידע זאַכען, אי זשורנאַליסטישע אַרבייט, אי ליטעראַרישע. אינטערעסאַנט דערביי איז דער פאַקט אַז מאַנכע פון די מיטאַרבייטער האָבען געמאַכט זייער „דעביו” אין „פאָרווערטס” מיט בעלעטריסטיק. איך האָב אין זינען מ. אָשעראָוויטש און ב. באָטוויניק. נאָכדעם ווי זיי זיינען אָנגעשטעלט געוואָרען אַלס פערמאַנענטע סטעף־מיטגלידער

האָבען זיי פאָרגעזעצט זייער בעלעטריסטישע אַרבייט, כאָטש דער גרעסטער טייל פון זייער צייט און מיה איז געווען געווידמעט צו זשורנאַליזם. אב. קאַהאַן האָט זיי דערמוטיגט ווייטער צו שריי־בען בעלעטריסטיק און זיי האָבען אויף דעם געביט געמאַכט גרויס פאָרטשריט; באָטוויניק אַלס שרייבער פון סקיצען און דערצעה־לונגען און מ. אָשעראָוויטש אַלס שעפער פון היסטאָרישע ראָמאַנען און בילדער פון היסטאָרישע פערזענליכקייטען.

ביי מאַנכע פון זשורנאַליסטישען צוויג פון דער רעדאַקציע האָט קאַהאַנ'ס באַציהונג צו די בעלעטריסטען אַרויסגערופען אַביסעל „אייפערזוכט". קאַהאַן פלעגט וועגען די בעלעטריסטען שרייבען אָפטע אַרטיקלען. ער פלעגט יעדע פון זייערע נייע ווערק שטאַרק אַדווערטאַיזען דורך רעדאַקציאָנעלע נאָטיצען, דורך אַנאָנסען, און דורך איבערדרוקען דעם אינהאַלט פון די אָפגעדרוקטע קאַפּיטלעך כדי צו שאַפען פאַר דעם ווערק נייע לייענער. לויט דער מאָס אַרבייט האָבען די בעלעטריסטען אויך באַקומען אַ סך בעסער באַצאָלט ווי די זשורנאַליסטען. שלום אַש, צוםביישפּיל, פלעגט זיך דרוקען איין מאָל אַ וואָך, אַרום פיר קאָלומס יעדען שבת. צווישען איין ראָמאַן און אַ צווייטען, פלעגען פאַרבייגעהן מאָנאַטען ווען ער האָט גאָרניט געדרוקט און באַצאָלט האָט ער באַקומען אין פול פאַר דער גאַנצער צייט; זיינע ווערדזשעס זיינען געווען צווישען די גאָר הויכע. אין די לעצטע יאָהרען, איידער ער האָט זיך געשיידעט מיט'ן „פאָרווערטס", איז ער געווען אַ גאָר זעלטענער גאַסט אויף די שפּאַלטען פון דער צייטונג. דאָס איז געווען די צייט ווען ער איז געווען באַשעפטיגט אין צוגרייטען זיין ערשטען יעזוס־ראָמאַן (דער מאַן פון נצרת), וועלכען אב. קאַהאַן האָט שפּעַ־טער זיך ענטזאגט צו דרוקען און דורך וועלכען עס איז אַרויס־געקומען דער ריס צווישען איהם און דער צייטונג.

אין פאַרלויף פון יענער „אומרוהיגער צייט" איז אַש'ס ביי־שטייערונג צו דער צייטונג באַשטאַנען פון עטליכע „פילאָזאָפישע" אָפּהאַנדלונגען וועגען רעליגיע. אין די אָפּהאַנדלונגען זיינען שוין געווען אָנדייטונגען אויף דעם „נייעם וועג" אין דער ריכטונג פון

קריסטענטום, אויף וועלכען אַש האָט זיך אָנגעהויבען צו פאַר־נעמען.

פאַרבייגייענדיג וויל איך באַמערקען, אַז די „פילאָזאָפישע״ אַרטיקלען זיינען אַריינגעשטעלט געוואָרען אין דער צייטונג אָהן קאַהאַנ׳ס וויסען: איינציגע פון זיי, ווען קאַהאַן איז ניט געווען אין רעדאַקציע און די אַנדערע, ווען ער האָט איבערגעלאָזען די „אַש אָנגעלעגענהייט״ צייטווייליג אין מיינע הענט. איך האָב געוואוסט, אַז די „פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונגען״ זיינען ניט צוגעפּאַסט צו אַ טעגליכער צייטונג און אַז דאָס איז ניט דער סאָרט שטאָף וואָס אַש׳ס לעזער דערוואַרטען פון איהם. איך האָב אויך געהערט אומגינסטיגע מיינונגען וועגען די אַרטיקלען פון אנערקענטע גע־לערנטע אויף דעם געביט, וועלכע זיינען געווען פריינד און פאַר־עהרער פון שלום אַש און וועלכע זיינען אויך געווען פאַרבונדען מיט דער „פאָרווערטס״־רעדאַקציע. טראָץ דעם אַלעם האָב איך די „פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונגען״ געדרוקט. מיין כוונה איז געווען אָנצוהאַלטען די פאַרבינדונגען צווישען אַש׳ן און דעם „פאָר־ווערטס״ אויף אַזוי ווייט ווי מעגליך, מיט דער האָפנונג אַז עס וועט געפונען ווערען אַן אויסגלייך אין דעם סכסוך. פון אַ זייטיגען קוואַל האָב איך זיך שפּעטער דערוואוסט אַז אב. קאַהאַן האָט אויס־געדריקט אומצופרידענהייט מיט דעם וואָס די אַרטיקלען זיינען ערשינען. צו מיר האָט ער וועגען דעם ניט גערעדט.

אב. קאַהאַן האָט די בעלעטריסטען געבאַלעוועט, געצערטעלט, זיי געמאַכט פיהלען אַז זיי זיינען אין דער רעדאַקציע די אויבערשטע פון שטייסעל. געטאָן האָט ער עס ניט צוליב עפּעס אַן אויסרעכענונג נאָר אויס אינסטינקט. ווי געזאָגט, איז ער אַליין געווען אַ בעלע־טריסט און ער האָט אינסטינקטיוו געפיהלט אַ ספּעציעלען אינטערעס און באַוואונדערונג פאַר יעדען וואָס האָט אַרויסגעוויזען ליטע־ראַרישען טאַלאַנט. די „שוואַכקייט״ זיינע צו בעלעטריסטען האָט איהם, ליידער, טייער געקאָסט. אין די מערסטע פאַלען האָט זיך די „ליבע״ צווישען קאַהאַן און זיין „ליטעראַרישען סטאַר״ מיט דער צייט אויסגעוועפּט און עס איז געקומען צו זעהר אומאַנגענעמע

קאָנפליקטען און אַמאָל זאָגאַר צו סקאַנדאַלען, וועלכע האָבען פאַר־שאַפט קאָהאַנ׳ען ביטערע טעג און האַרץ־וועהטאָג. די סאָרט ערפאַה־רונגען האָבען זיך אָנגעהויבען פאַר קאַהאַנ׳ען גאַנץ פרי; דער ערשטער פאַל איז פאָרגעקומען אין 1913 אָדער 1914, מיט מאָריס ראָזענפעלד. אב. קאַהאַן, וועלכער איז געווען אין אַ סך זאַכען זעהר אויסגערעכענט און פאָרזיכטיג און אָפּגעהיט, האָט אין דעם פאַל מיט די בעלעטריסטען גאָרניט געוואָלט לערנען פון ערפאַה־רונג. ער האָט פאָרטגעזעצט זיין פאַליסי ביז׳ן סאַמע סוף און אין יעדען פאַל באַצאָלט דעם פרייז, ווי טייער ער איז ניט געווען.

קאַפּיטעל ניין

קאָנפליקטען מיט בעלעטריסטען

אַלע שרייבער שרייבען זיך אויס. עס קומט אַ טאָג אין זייער קאַריערע, ווען זיי הויבען אָן צו געהן באַרג־אַראָפּ; מאַנכע ברעכען צוזאַמען מיט אַמאָל, פּלוצלונג. אַזוינע מערקווירדיגע זשעניען ווי לעוו טאָלסטאָי, אָדער ווי ד'ער ענגלישער טאָמאַס האַרדי, וועלכע האָבען געשריבען מייסטערווערק אין טיפען עלטער, ווען זיי זיינען געשטאַנען פּאַקטיש אויפען שוועל פון טויט, זיינען זעלטענע אויס־נאַמען. די גרויסע מאַיאָריטעט דערגרייכט דעם הויך־פּונקט פון זייער טאַלאַנט אין די מיטעלע יאָהרען און דערנאָך הויבען זיי אָן צו פאַלען. אַלס רירענדע ביישפּילען פון אַזוינע ליטעראַרישע אונטערגאַנגען קענען דינען טעאָדאָר דרייזער און סינקלעיר לואיס, די צוויי באַרימטע אַמעריקאַנער שריפטשטעלער נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. זייערע שטערען האָבען אָנגעהויבען זיך אויסצו־לעשען, ווען זיי זיינען נאָך געווען אין די מיטעלע יאָהרען. אַלץ וואָס זיי האָבען געשאַפען נאָכדעם איז געווען מיטעלמעסיג און די ווערק וואָס זיינען פאַרבליבען אין מאַנוסקריפּט און זיינען אָפּגע־דרוקט געוואָרען נאָך זייער טויט, זיינען געווען צווישען די שוואַכ־סטע וואָס זיי האָבען געשאַפען.

דער זשורנאַליסט איז אין דער הינזיכט מזל'דיגער ווי דער בעלעטריסט. זיין אַרבייט פאָדערט ניט די שעפערישקייט, דעם טאַלאַנט פון דעם בעלעטריסט. דער שטאָף וואָס ער באַנוצט אויפ־צובויען זיינע ווערק ווערט פאַר איהם צוגעגרייט דורך די פּאַ־סירונגען פון טאָג; אַ טייל פון דעם געפינט ער אין ביכער וואָס ער לייענט. דער בעלעטריסט מוז זיין שאַפונגס־מאַטעריאַל אַרויס־

גראָבען פון דער טיפעניש פון זיין מאַרך און האַרץ מיט דעם כוח פון זיין פאַרשטעלונגס־קראַפט און פון זיין „אינטואיציע". און ווען דער מאַטעריאַל ווערט אויסגעשעפּט און דער כוח ווערט אויסגענוצט, קען ער ווייטער ניט געהן.

איך מיין ניט צו זאָגען, אַז דער זשורנאַליסט ווערט קיינמאָל ניט קאַליע, אַז די צייט לאָזט ניט איבער איר „פאַרניכטענדען" עפעקט אויף זיין אַרבייט. עס איז אָבער אמת, אַז מיט אים פּאַסירט עס ניט אַזוי אָפט און ניט אַזוי פרי ווי מיט דעם בעלעטריסט, מיט דעם שעפער פון שעהנער ליטעראַטור.

די פאַקטען מוז מען האָבען אין זינען, ווען מען טרעט־צו צו דעם קאַפּיטעל פון קאָנפליקטען צווישען דעם רעדאַקטאָר און די בעלעטריסטען אין דער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע, אויף וועלכע איך האָב אָנגעדייטעט אין אַ פריערדיגען קאַפּיטעל. דער „פאָרווערטס" האָט געהאַט מעהר קאָפּ־דרייעניש פון דעם סאָרט ווי אַנדערע אידישע צייטונגען צוליב דעם, וואָס דער „פאָרווערטס" האָט שטענדיג געהאַט מעהר בעלעטריסטען אויף זיין סטעף ווי אַנדערע צייטונגען, און אויך דערפאַר וואָס די „פאָרווערטס"־בעלעטריסטען זיינען געווען מעהר פּאָפּולער און מעהר באַרימט ווי די וואָס האָבען געאַרבייט אין די אַנדערע צייטונגען און דער ברייטער עולם האָט זיך מיט זיי מעהר אינטערעסירט. אויסער דעם זיינען אויפ'ן „פאָרווערטס" שטענדיג געווען אָנגעשטעלט אַלע אויגען פון דער אידישער עפענטליכקייט, סאַי די פריינדליכע און סאַי די פיינדליכע אויגען. און יעדע געשעהעניש אין דער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע איז אויפגעכאַפּט און צעפּויקט געוואָרען צום גוטען און צום בייזען אין דער אידישער וועלט.

ניט אַלע מאָל האָט דאָס קאַליע ווערען פון אַ בעלעטריסט געפירט צו אַ קאָנפליקט אָדער צו אַן איבעררייס צווישען איהם און דער רעדאַקציע. מיר האָבען געהאַט דעם פאַל פון דעם „טונקעלען", וואָס האָט זיך געענדיגט גאַנץ אַנדערש. דער „טונקעלער" איז געווען איינער פון די טאַלאַנטפולסטע הומאָריסטען אין דער אידישער פּרעסע און ליטעראַטור. פאַר דעם היטלער־אומגליק האָט ער געוואוינט אין וואַרשע און האָט דאָרט געהאַט אַ זעהר גוטען

פּאָסטען אין איינער פון די גרויסע וואַרשעווער אידישע צייטונגען. דאַמאָלסט פלעגט ער פון צייט־צו־צייט שיקען הומאָרעסקעס אין „פאָרווערטס" און פלעגט קריגען באַצאָלט פאַר די וואָס מ'האָט געדרוקט. קיין שטענדיגער מיטאַרבייטער פון דער צייטונג איז ער ניט געווען.

ווען די מלחמה האָט פאַרטריבען דעם „טונקעלען" קיין אַמע־ריקע, איז ער געקומען אין „פאָרווערטס". און קורץ נאָכדעם האָט די רעדאַקציע איהם אָנגעהויבען צו צאָלען אַ וועכענטליכען געהאַלט. זיינע ביישטייערונגען צו דער צייטונג האָבען שוין דאַן ניט געהאַט דעם גלאַנץ פון פריער. וואָס ווייטער זיינען זיי געוואָרען שוואַכער און שוואַכער. דער „טונקעלער" האָט אַפּנים אַליין אָפּגעשאַצט דעם געמינערטען ווערט פון זיינע שאַפונגען און האָט קיין פּאַראיבעל ניט געהאַט ווען אַ מאַנוסקריפּט פלעגט אויסגעבראַקירט ווערען. זיין וועכענטליכען געהאַלט פלעגט ער באַקומען רעגעלמעסיג, ביז'ן סוף פון זיין לעבען, כאָטש אין די לעצטע יאָהרען האָט ער פאַר דער צייטונג כמעט גאָרניט געשריבען. די דרויסענדיגע וועלט האָט וועגען דעם ניט געוואוסט.

* * *

דער ערשטער סכסוך מיט אַ בעלעטריסט אין דער „פאָר־ווערטס"־רעדאַקציע, וואָס מיר איז אויסגעקומען ביייצוואוינען, איז פאָרגעקומען אין 1913 אָדער 1914. מיט דער געשיכטע האָט דאַ־מאָלט געקאָכט אין דער שרייבערישער וועלט; און די שונאים פון אב. קאַהאַן האָבען פון דעם ווידער געשלאָגען קאַפּיטאַל.

דער „העלד" פון דער דראַמע איז געווען מאָריס ראָזענפעלד, וועלכער איז דאַמאָלסט געווען, אויב ניט דער באַרימטסטער, איז זיכער דער פּאָפּולערסטער אידישער דיכטער. מאָריס ראָזענפעלד איז עטליכע יאָהר געווען דער „סטאַר" אין דער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע. ער האָט אין דער צייטונג געדרוקט זיינע בעסטע לידער, און אין דער צייטונג איז אויך צום ערשטען מאָל אַנטפּלעקט געוואָרען זיין גרויסער טאַלאַנט אַלס פעליעטאָניסט. אב. קאַהאַן

האָט שטאָלצירט מיט מאָריס ראָזענפעלד'ס מיטאַרבייטערשאַפט און האָט איהם ביי יעדער געלעגענהייט אַדווערטאַיזט און גערימט צו די לייענער.

און דאַן האָט מיט ראָזענפעלד'ען פּאַסירט דאָס, וואָס עס פּאַסירט מיט די מערסטע טאַלאַנטען. ער האָט זיך אויסגעשריבען און זיין טאַלאַנט האָט זיך גענומען גליטשען באַרג־אַראָפּ. די רעדאַקציע פלעגט באַקומען בריף פון לעזער, וואָס האָבען אויפמערקזאַם געמאַכט אויף ראָזענפעלד'ס אַן אומגעלונגענעם פּעליעטאָן, אָדער אַ שוואַכע ליד. אַ שטיק צייט האָט קאַהאַן זיך געמאַכט ניט־וויסענדיג וועגען דעם. עס איז אָבער געוואָרען ערגער און ערגער. איך ווייס ניט צי קאַהאַן האָט גערעדט מיט ראָזענפעלד'ן וועגען דעם, צי ער האָט געהאַט דעם מוט דאָס צו טאָן. מאָריס ראָזענפעלד האָט ניט געקענט דולדען די מינדעסטע קריטיק. און ווען ער פלעגט אַריין אין כעס, האָט ער געקענט אַרויספלאַצען מיט שרעקליכע זידעל־ווערטער. איך געדענק נאָר, אַז וואָכען און מאָנאַטען לאַנג האָט זיך אין דער רעדאַקציע גערודערט וועגען ראָזענפעלד'ען. איך בין זיך איצט משער, אַז קאַהאַן האָט איהם צוריקגעשיקט אַ צאָל אַרטיקלען, אָדער אַז ער האָט איהם געלאָזט וויסען דורך אַ דריטער פּערזאָן, פאַרוואָס ער קען איהם ווייטער ניט דרוקען. געענדיגט האָט זיך די געשיכטע מיט אַ סצענע אין עלעוועיטאָר פון „פאָרווערטס", וואו אב. קאַהאַן און מאָריס ראָזענפעלד האָבען זיך באַגעגענט צופעליג. מעהר האָב איך ראָזענפעלד'ען אין דער רעדאַקציע ניט געזעהן.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז די קאָנקורענטען פון „פאָרווערטס" האָבען געפּרובירט אויסנוצען די ראָזענפעלד־געשיכטע. „דאָס אידישע טאַגעבלאַט" האָט איינגעלאַדען ראָזענפעלד'ען צו ווערען איהרער אַ מיטאַרבייטער אַלס אַ דעמאָנסטראַציע געגען „פאָרווערטס". זי האָט איהם אָבער שפּעטער אָפּגעזאָגט אויף אַ ברוטאַלען אופן. דאַן האָט דער „מאָרגען זשורנאַל" געפּרובירט דרוקען זיינע זאַכען פון צייט־צו־צייט, אָבער אויך דאָרט האָט ער זיך לאַנג ניט געהאַלטען. דער סטאַנדאַרד פון בעלעטריסטיק אין „טאַגעבלאַט" און „מאָרגען זשורנאַל" איז געווען אַ סך נידעריגער ווי אין „פאָרווערטס". מאָריס

ראָזענפעלד האָט שוין דאַמאָלסט אַפילו דעם נידעריגען סטאַנדאַרד ניט געקענט נאָכקומען.

* * *

דער קאָנפליקט מיט יונה ראָזענפעלד, וועלכער איז פאָרגעקומען מיט צוואַנציג יאָהר שפּעטער, איז אויך מיטגעבראַכט געוואָרען דורכדעם וואָס עס איז געוואָרען אוממעגליך ווייטער צו דרוקען זיינע ווערק אין דער צייטונג. אין דעם פאַל האָט זיך אָבער ניט געהאַנדעלט אין דעם צי ראָזענפעלד האָט זיך אויסגעשריבען, צי זיין טאַלאַנט האָט זיך גענומען אויסוועפּען. וועגען דעם זיינען די מיינונגען געווען צעטיילט. עס האָט אָבער ניט געקענט זיין קיין צוויי מיינונגען וועגען דעם, אַז פאַר אַ טעגליכער צייטונג זיינען יונה ראָזענפעלד'ס דערציילונגען, ווי ער האָט זיי געשריבען אין די לעצטע דרייסיגער יאָהרען, געווען אוממעגליך צו דרוקען.

יונה ראָזענפעלד האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיינע שילדערונגען פון אויסטערלישע טיפּען, פון מענשען וואָס זיינען ניט אינגאַנצען נאָרמאַל גייסטיג, פון פאַרשיידענע סאָרטען פּסיכאָפּאַטען. ראָזענפעלד האָט געקענט אַריינדרינגען אין די הערצער און מוחות פון אַזעלכע מענשען: זיך דערגרונטעווען צו זייערע נשמות און זיי שילדערען מיט לעבעדיגע פאַרבען און שטריכען. אב. קאַהאַן האָט זעהר פריה דערקענט דעם טאַלאַנט פון יונה ראָזענפעלד און האָט געדרוקט זיינע ווערק נאָך דעמאָלט, ווען יונה ראָזענפעלד איז געווען אין רוסלאַנד. ווען יונה ראָזענפעלד איז געקומען קיין אַמעריקע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט איהם קאַהאַן אַריינגענומען אין דער רעדאַקציע. געשריבען האָט יונה ראָזענפעלד בלויז דערצעהלונגען און זיינע דערצעהלונגען זיינען אַלעמאָל געווען פון דעם סאָרט וואָס איך האָב אויבען אָנגעדייט.

ווען יונה ראָזענפעלד וואָלט פאָרטגעזעצט צו שרייבען אויף דעמזעלבען שטייגער, וואָלט ער העכסט וואַרשיינליך אויסגעלעבט זיינע יאָהרען אין „פאָרווערטס" בשלום. ער האָט אָבער געזוכט זיך צו פאַרטיפען אַלץ מעהר און מעהר אין דער פּסיכאָלאָגיע פון זיינע טיפּען; זיך גריבלען מעהר אין זייערע פאַרנעפּעלטע

נשמות, אין די פינסטערע ווינקלען פון זייערע הערצער, ביז ער אַליין איז געוואָרען פאַרפלאָנטערט און מטושטש אין זיין שרייבען. עס איז געוואָרען שווער פאַר דעם לעזער איהם נאָכצופאָלגען, צו פאַרשטעהן וואָס ער וויל. זיין סטיל איז געוואָרען פאַרדרעהט; זיינע זאַצען — לאַנג און פאַרפלאָנטערט. אפילו זיינע פאַרעהרער האָבען צוגעגעבען, אַז מ'דאַרף זיך אָנטאָן אַ כח איהם צו לייענען. אַב. קאַהאַן, וועלכער האָט געהאַלטען, אַז די וויכטיגסטע אייגענשאַפ־טען פון אַ שרייבער זיינען קלאָרקייט און פשטות, און וועלכער האָט עס געפאָדערט פון זיין יעדען מיטאַרבייטער, האָט ניט געקענט ערלויבען, אַז אַזאַ שטאָף ווי יונה ראָזענפעלד האָט איצט געשאַפען זאָל אַריינגעהן אין דער צייטונג.

דער סכסוך מיט יונה ראָזענפעלד'ן האָט אָנגעהאַלטען עטליכע יאָהר. זיין געהאַלט האָט ראָזענפעלד באַקומען. ער האָט זיך אָבער געפיהלט אומגליקליך וואָס זיינע שאַפונגען ווערען ניט געדרוקט. עס זיינען געמאַכט געוואָרען פּרואוון אויסצובעסערען זיינע מאַ־נוסקריפּטען, מאַכען דעם סטיל איינפאַכער. אויב איך מאַך ניט קיין טעות, האָט י. י. זינגער, וועלכער איז געווען ראָזענפעלד'ס אַ הייסער פריינד און גרויסער פאַרעהרער, מיטגעהאָלפען אין דעם און אייניגע זאַכען ראָזענפעלד'ס זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרען. אין פאַרלויף פון די „שטרייט־יאָהרען" זיינען אויך אַרויסגעגעבען געוואָרען אין בוך־פאָרם ראָזענפעלד'ס ניט־געדרוקטע זאַכען און איך האָב וועגען זיי געשריבען אין „פאָרווערטס" וואַרימע רעצענ־זיעס. דאָס האָט אָבער ניט געהאָלפען צו לינדערען די לאַגע. ס'איז פשוט ניט מעגליך געווען צו געפינען אַן אויסוועג צו דער „דילעמע".

* * *

דער קאָנפליקט מיט שלום אַש'ן איז אַרויסגעוואַקסען פון דעם וואָס ער האָט זיך פאַרקירעוועט אויף אַ נייעם וועג אין זיין שאַפען — אַ וועג, אויף וועלכען לעזער פון אַ אידישער צייטונג האָבען מיט איהם ניט געקענט מיטגעהן.

דער ריס האָט זיך אָנגעהויבען ווען קאַהאַן האָט זיך ענטזאָגט

צו דרוקען אין „פאָרווערטס" שלום אַש'ס ראָמאַן „דער מאַן פון נצרת", אין וועלכען יעזוס ווערט פאָרגעשטעלט אַלס גאָט'ס זוהן, און אין וועלכען שלום אַש שטעלט זיך אינגאַנצען אויף דער זייט פון די קריסטען אין דעם צוויי טויזנט יאָהריגען קאַמף צווישען קריסטענטום און אידענטום.

נאָכדעם ווי קאַהאַן האָט צוריקגעוויזען דעם „מאַן פון נצרת" איז אַש נאָך פאַרבליבען אַ לאַנגע צייט אַ מיטגליד פון דער רע־דאַקציע. אַש איז, פאַרשטעהט זיך, געוואָרען ברוגז אויף קאַהאַנ'ען, אָבער ער פלעגט פון צייט צו צייט אַריינשיקען אַ מאַנוסקריפּט, וועלכען איך פלעג אַריינשטעלען אין דער צייטונג. מען האָט גע־האָפט, אַז מיט דער צייט וועט דער קאָנפליקט איבער דעם „מאַן פון נצרת" פאַרגעסען ווערען און אַש וועט פאָרטזעצען שרייבען „כשר'ע" זאַכען פאַר'ן „פאָרווערטס".

די האָפענונג איז צעשמעטערט געוואָרען, ווען דער „מאַן פון נצרת" איז אַרויסגעקומען אין אַן ענגלישער איבערזעצונג אַלס „דהי נאַזאַרין". די גאַנצע אידישע וועלט האָט זיך דערוואוסט דאָס וואָס איז ביז דאַן געווען אַ סוד פון דער „פאָרווערטס"־רע־דאַקציע, אַז אַש האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו טאָן מיסיאָנערסקע אַרבייט פאַר'ן קריסטענטום. אַב. קאַהאַן האָט דאַן דערקלערט, אַז ער וועט ניט דערלויבען אַז אַש זאָל ווייטער שרייבען אין „פאָרווערטס", ווייל אַש'ס נאָמען אין דער צייטונג וועט אַרויסרופען עקעל און צאָרען ביי אַ גרויסען פּראָצענט פון די לעזער.

אָבער אַפילו נאָכדעם ווי דאָס איז געשעהן האָט אַש אַ צייט לאַנג באַקומען ווערידזשעס אין „פאָרווערטס". די „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאָן האָט געוואָלט אויסמיידען אַ פּראָוואָקאַציע אין דער קריסטלעכער וועלט. די געלעגענהייט איבערצורייסען אינגאַנצען מיט אַש'ן איז געקומען ווען ער האָט זיך צוגעשאַרט צו די קאָמו־ניסטען. זיך פאַרבונדען מיט זייערער אַ פראָנט־אָרגאַניזאַציע. שפּע־טער איז אַש אַריין אין דער קאָמוניסטישער „פרייהייט" און דאָרט געדרוקט זיין „מאַן פון נצרת".

אב. קאַהאַן האָט ניט געהאַט צופיל עגמת־נפש פון דעם וואָס אַש איז אַרויס פון „פאָרווערטס". דער אמת איז, אַז קאַהאַן איז נאָך מיט יאָהרען פריהער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַש געהט באַרג־אַראָפּ, אַז זיין טאַלאַנט ווערפּט זיך אויס. ער פלעגט זאָגען, אַז די ירידה פון אַש'ס טאַלאַנט האָט זיך אָנגעהויבען נאָך „מאָטקע גנב" און אַז זינט „מאָטקע גנב" האָט אַש אָנגעשריבען בלויז צוויי ליטעראַרישע ווערק: „דער תהילים־איד" און „דער געזאַנג פון טאָל" — אַלע איבעריגע ווערק אַש'ס האָט קאַהאַן באַצייכענט אַלס האַלב־שונד.

אַב. קאַהאַן האָט זיין מיינונג וועגען אַש'ס „אויסגעשעפּטען" טאַ־לאַנט ניט באַהאַלטען, אַפילו ניט פון אַש'ן. קאַהאַן האָט זעלטען רע־צענזירט אַש'ס אַ בוך און איך האָב געוואוסט די אורזאַך: ער האָט ניט געוואָלט זאָגען אָפען זיין אמת'ע מיינונג. און פאַרלייקענען זיין מיינונג האָט ער ניט געקענט. פלעגט ער די אויפגאַבע פון שריי־בען די רעצענזיע איבערגעבען צו אַנדערע. מייסטענס איז דער גורל געפאַלען אויף מיר. ווען שלום אַש איז געווען אין ניו יאָרק, אין 1935 (ער איז דאַן געקומען אויף אַ באַזוך פון זיין ווילאַ אין פראַנקרייך) האָט קאַהאַן מיט איהם געהאַט אַ געשפּרעך וועגען זיינע לעצטע ווערק און האָט איהם אָפען געזאָגט וואָס ער טראַכט וועגען זיי. איך געדענק, אַז אַש איז נאָך דעם געשפּרעך געווען אויפגערעגט. ער האָט אונז געזאָגט, אַז ער מוז וואָס שנעלער צו־ריקפאָרען, ווייל אין אַמעריקע וועט איהם ניט מעגליך זיין ווייטער צו שרייבען. „דאָ פעהלט די אַטמאָספערע וואָס אַ קינסטלער מוז האָבען", האָט ער ערקלערט. מיר האָבען געוואוסט פאַרוואָס די היגע אַטמאָספערע איז איהם פלוצלינג פאַרדאָרבען געוואָרען.

ס'איז כדאי אָנצואווייזען, אַז „דהי נאַזאַרין" איז געווען אַש'ס ערשטע ווערק וואָס די אַמעריקאַנער קריטיקער האָבען אויפגענומען מיט באַגייסטערונג. אַפילו זיין „טהרי סיטיס" („נאָכ'ן מבול"), וועלכער האָט זיך נישקשה'דיג פאַרקויפט, האָט ניט באַקומען קיין גוואַלדיגע אויפנאַמע. אַלע איבעריגע אַש'עס ווערק וואָס זיינען איבערזעצט געוואָרען אויף ענגליש זיינען דורכגעפאַלען מיט אַ קנאַק סאַי ביי דער קריטיק און סאַי ביי די לייענער.

קאַפּיטעל צעהן

דער סטאַנדאַרט פון מאָראַל אין „פאָרווערטס"

פון דעם ערשטען טאָג וואָס דער „פאָרווערטס" איז געגרינדעט געוואָרען איז זיין מאָראַלער סטאַנדאַרט, זיין „קאָוד אָוו עטיקס", געשטאַנען העכער ווי דער סטאַנדאַרט פון אַנדערע אידישע (און אויך ניט־אידישע) צייטונגען. גענומען האָט זיך דאָס דערפון וואָס דער „פאָרווערטס" איז אַ סאָציאַליסטישע צייטונג און איז געבונדען פון דער סאָציאַליסטישער מאָראַל, בנוגע דער צייטונגס־פּראָפעסיע און צייטונג־ביזנעס.

ווען דער „פאָרווערטס" האָט אָנגעהויבען צו ערשיינען אין 1897 איז „דאָס טאַגעבלאַט" געווען די גרעסטע און שטאַרקסטע צייטונג אויף דער אידישער גאַס. „דאָס טאַגעבלאַט" איז געווען אַן אָרטאָדאָקסישע צייטונג; איהרע אַרויסגעבער זיינען געווען פרומע אידען און זי האָט געפּרעדיגט די אידישקייט פון דער אָרטאָ־דאָקסיע. אָבער איהר רעדאַקטאָר און אַ היפּשע צאָל פון איהרע וויכטיגסטע מיטאַרבייטער זיינען אַליין געווען פריידענקער, סאַי אין זייערע איבערצייגונגען און סאַי אין זייערע פיהרונגען. און דער פאַקט איז געווען גוט באַקאַנט אין דער אידישער וועלט. וועגען דעם רעדאַקטאָר יאָהאַן פּאַלעי זיינען אַפילו געווען קלאַנגען, אַז ער האָט זיך אַמאָל אַביסל אונטערגעשמד'ט. עס איז אויך געווען באַוואוסט אין גאַס, אַז כאָטש „דאָס טאַגעבלאַט" ערשיינט ניט שבת, ווערט אינעווייניג, אין דער רעדאַקציע און אין דער דרוק־קעריי, געאַרבייט אום שבת. די זונטאָגדיגע אויסגאַבע פלעגט דער־שיינען שבת ביינאַכט, גלייך נאָך זונען־אונטערגאַנג, און אין די זומער־וואָכען נאָך פריהער. דאָס וואָלט ניט מעגליך געווען ווען די שרייבער און די זעצער וואָלטען ניט אָפּגעטאָן זייער אַרבייט שבת בייטאָג. מען דאַרף דערביי וויסען, אַז אין יענער צייט האָבען

כמעט אַלע אידען געוואוינט אויף דער איסט סאַיד, און איסט בראָדוועי, וואו „דאָס טאָגעבלאַט" איז אַרויסגעגעבען געוואָרען, איז געווען די הויפּט שפּאַציר־גאַס. הונדערטער טויזענטער אידען פלעגען שבת פאַרבייגעהן די געביידע פון „טאָגעבלאַט" און זעהן וואָס דאָרט קומט פאָר.

אַזאַ פרעכע, עפענטליך־היפּאָקריטישע האַנדלונג וואָלט ניט מעגליך געווען אין אַ סאָציאַליסטישער צייטונג. אין „פאָרווערטס" האָבען דער רעדאַקטאָר און די וויכטיגע מיטאַרבייטער, וועלכע האָבען באַשטימט די פּאָליסי און פאַרטיידיגט די פּרינציפּען פון דער צייטונג, געמוזט זיין איבערצייגטע סאָציאַליסטען און לאָיאַל צו זייערע איבערצייגונגען. אויסנאַמען זיינען געמאַכט געוואָרען מיט שרייבער וועלכע האָבען געטאָן אַנדערע אַרבייטען — די וואָס האָבען געשריבען „היומען אינטערעסט" פּיטשורס אָדער די בעלעטריסטען. זייערע פּאָליטישע און סאָציאַלע אנשויאונגען זיינען געווען זייער פּריוואַט־זאַך און האָבען זיך ניט אָפּגעשפּיגעלט אין דער צייטונג. דאָך, אויב איינער פון זיי האָט עפענטליך באַקעמפט די פּאָליסי פון „פאָרווערטס", איז פאַר איהם ניט מעגליך געווען לאַנג צו פאַרבלייבען אין דער רעדאַקציע.

דאָס מיינט ניט צו זאָגען, אַז די שרייבער פון פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און אַנדערע „ערנסטע" אַרטיקלען זיינען אימער געווען איינינ אין זייערע אנשויאונגען און אין זייערע אויסטייטשונגען פון געשעהענישען פון טאָג. אין די קנאַפּע פופציג יאָהר וואָס איך בין פאַרבונדען מיט'ן „פאָרווערטס" געדענק איך ניט אַ צייט ווען אַזאַ „האַרמאָניע" האָט עקזיסטירט. עס זיינען אימער געווען מעסיגע און עקסטרעמיסטען. און פון צייט צו צייט פלעגען פאָרקומען ערענסטע צוזאַמענשטויסען צווישען די צוויי גרופּעס. די מיינונגס־פאַרשיידענהייטען האָבען זיך אָבער געהאַלטען אין די ראַמען פון געוויסע גרעניצען. עס איז שטענדיג געווען אַ פּונקט אויף רעכטס, וואו דער מעסיגער האָט זיך געמוזט אָפּשטעלען, און אַ פּונקט אויף לינקס, וואו דער עקסטרעמיסט האָט ווייטער ניט געקענט געהן. די אויפגאַבע פון דעם רעדאַקטאָר איז געווען צו באַוואַכען די גרעניצען, אַז זיי זאָלען ניט איבערגעטראָטען ווערען.

דער עיקר וואָס איך וויל דאָ אַרויסברענגען איז, אַז אין „פאָר־ווערטס״ זיינען געווען די שרייבער איינס מיט דער צייטונג. זיי האָבען געגלויבט אין די אידעען און די פּרינציפּען וואָס די צייטונג האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט, פאַר וועלכע די צייטונג האָט געקעמפט. דאָס איז, ליידער, ניט געווען דער פאַל מיט די אַנדערע אידישע צייטונגען, און באַזונדערס איז דאָס ניט געווען דער פאַל מיט די צייטונגען וואָס האָבען געדאַרפט דינען דעם פרומען, אָרטאָדאָקסישען אידענטום. איך האָב פריהער דערמאָנט דאָס אַמאָליגע „טאַגעבלאַט״. דאָס וואָס איך האָב געזאָגט וועגען אָט־דער צייטונג, קאָן אויך געזאָגט ווערען וועגען די אַנדערע אָרטאָדאָקסישע צייטונגען וואָס האָבען פאַרנומען איהר פּלאַץ. עס קען זיין, אַז ווען די אָרטאָדאָקסישע צייטונגען וואָלטען געווען מעהר אָפּגעהיט מיט זייער עטיק, מעהר אויפריכטיג, מעהר פּרינציפּען־טריי, וואָלטען זיי ניט געהאַט אַזאַ טרויעריגען סוף. דער „מאָרגען זשורנאַל״ האָט אין די לעצטע פאַר יאָהר געמאַכט אַן ערענסטען פאַרזוך צו „פאַר־ריכטען זיין וועג״; אַפּנים, אָבער, אַז עס איז שוין געווען צו־שפּעט.

* * *

די סאָציאַליסטישע מאָראַל האָט דעם „פאָרווערטס״ געשטעלט נאָך אַ פאָדערונג, וואָס האָט געווירקט אויפצוהויבען די עטיק פון דער צייטונג איבער אַלע איבעריגע צייטונגען אויף דער אידישער און אויך ניט־אידישער גאַס. אין דער אַמעריקאַנער צייטונגס־וועלט איז אָנגענומען, אַז די אַדווערטאַיזינג אָפּטיילונג דאַרף זיך ניט רעכענען מיט דער רעדאַקציאָנעלער אָפּטיילונג, אַז צווישען די צוויי אָפּטיילונגען ליגט אַ טיפער „מאָראַלישער אָפּגרונט״, אַז דאָס וואָס איז פאַרבאָטען דער רעדאַקציע איז ערלויבט דעם אַדווערטאַיזינג דעפּאַרטמענט. די סאָציאַליסטישע מאָראַל האַלט אַנדערש. זי האַלט, אַז די צוויי אָפּטיילונגען פון דער צייטונג מוזען געהן האַנט אין האַנט, האַנדלען אין איינקלאַנג איינע מיט דער אַנדערער אויף ווי ווייט דאָס איז נאָר מעגליך; איבערהויפּט מוזען זיי האַנדלען

האַרמאָניש ווען עס האַנדעלט זיך וועגען באַשיצען די גרונט־אי־דעען און גרונט־צילען פאַר וועלכע די צייטונג שטעהט.

דער „פאָרווערטס" האָט די סאָציאַליסטישע עטיק שטענדיג אָפּגעהיט, דאָס האָט זיך אָם שאַרפסטען אויסגעדריקט אין צוויי פּאָליסיס: איינע בנוגע פּאָליטישע קאָמפּעינס און די צווייטע בנוגע יוניאָנס.

וואָס אָנגעהערט פּאָליטישע קאָמפּעינס, האָט דער „פאָרווערטס" זיך שטענדיג אָפּגעזאָגט צו נעמען אַנאָנסען פון פּאַרטייען און פּאָלי־טישע קאַנדידאַטען וועלכע ער האָט באַקעמפט אין זיין עדיטאָריעלער אָפּטיילונג. און וואָס אָנגעהערט טרעיד־יוניאָנס, האָט דער „פאָר־ווערטס" זיך אויסגעהיט פון דרוקען אַדווערטאַיזמענטס וואָס האָ־בען געקענט שעדיגען אַ יוניאָן אין צייט פון אַ סטרייק אָדער גע־קענט אונטערגראָבען איהר מאָראַל אָדער איהר איינפלוס אין פרידליכע צייטען.

איך ווייס ניט פון נאָך אַן אַנדער צייטונג (ניט־סאָציאַליסטי־שע) וואָס האָט אַזוי געהאַנדעלט, אַריינגערעכענט פּראָגרעסיווע, לי־בעראַלע און ראַדיקאַלע. ווי געזאָגט, עס ווערט דאָרט אָנגענומען אַלס פּרינציפּ, אַז די צוויי אָפּטיילונגען פון דער צייטונג זיינען ניט פאַרפּליכטעט איינע צו דער אַנדערער, אַז יעדע האָט איהר אייגענע עטיק און מעג געהן איהר אייגענעם וועג. עס פאַרשטעהט זיך, אַז הינטער דעם „אָנגענומענעם פּרינציפּ" שטעהען מאַטעריעלע אינטערעסען. פּאָליטישע אַנאָנסען זיינען אַ קוואַל פון גרויסען איינקונפט. אויך „אינדוסטריעלע" אַנאָנסען אין צייט פון סטרייקס ברייננען אַריין אַ סך געלט. אָפּזאָגען זיך פון דעם צוליב אידעאַל איז אַ גרויסער נסיון. בלויז אַזאַ צייטונג ווי דער „פאָרווערטס" וואָס איז געגרינדעט געוואָרען פון אַ באַוועגונג, צוליב אַן אידעאַל, האָט זיך געקענט פאַרגינען דאָס צו טאָן, האָט געקענט ביישטעהן דעם נסיון.

אָבער זאָל זיך ניט דוכטען, אַז דער „פאָרווערטס" האָט ניט באַצאָלט קיין הויכען פּרייז פאַר דעם. עס זיינען געווען יאָהרען ווען די צייטונג האָט זיך שטאַרק גענויטיגט אין דעם געלט וואָס אַזוינע אַדווערטאַיזמענטס וואָלטען איהר אַריינגעבראַכט. אויסער

דעם האָט זי דורך צוריקווייזען די פּאָליטישע און אינדוסטריעלע אַדווערטאַיזמענטס ריזיקירט צו פאַרלירען אַנדערע „ביזנעס”. די אַגענטורען, וועלכע קאָנטראָלירען די פאַרטיילונג פון אַנאָנסען, האָבען אָפּט אויסגעדריקט אַנטריסונג געגען דעם וואָס דער „פאָרווערטס” בראַקירט־אויס געוויסע אַנאָנסען אין וועלכע זייערע קליענטען זיינען פאַראינטערעסירט. און וואַרשיינליך האָט די צייטונג דורך דעם טאַקע פאַרלאָרען אַ טייל פון איר איינקונפט.

דער „פאָרווערטס” האָט זיך אויך ערוואָרבען אַ רעפּוטאַציע מיט דער עהרליכער און אָנשטענדיגער באַציהונג פון זיינע מיטאַרבייטער. די מיטאַרבייטער פון אַ צייטונג, איבערהויפּט יענע מיטאַרבייטער וואָס פיהרען־אָן מיט אָפּטיילונגען וואו נייעס גרענצט זיך מיט פּובליסיטי, האָבען אַלערליי געלעגענהייטען צו „טאָן טובות” צו פריינד און באַקאַנטע און אַפילו צו לאָזען זיך אונטערקויפען פאַר שרייבען באַריכטען פאַר איינצעלנע מענשען און אָרגאַניזאַציעס. אין צייטונגס־קרייזען הערט מען אַ סך ריידען וועגען אַזוינע פאַלען. מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק בין איך שטאַרק איבערראַשט געוואָרען ווען אַ הויכער באַאמטער פון אַ נאַציאָנאַלער אידישער אָרגאַניזאַציע האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט זיך דערוואוסט אַז אַ רעפּאָרטער פון איינער פון די אָנגעזעהענסטע צייטונגען אין לאַנד (ניט קיין אידישע) איז געווען אויפ'ן פּעי־ראָל פון דער אָרגאַניזאַציע. דער רעפּאָרטער זאָל האָבען געקראָגען באַצאָלט רעגעלמעסיג כדי ער זאָל צופאַרבען זיינע באַריכטען אַזוי, אַז די באַאמטע פון דער אָרגאַניזאַציע זאָלען אַרויסקומען שעהנער.

אין דער אידישער פּרעסע איז דאָס אַן אָנגעוועהטאָגטע פּראָבלעם. אין אַ סך פאַלען קריגען מיטאַרבייטער פון צייטונגען באַצאָהלט פאַר אַריינשטעלען נאָטיצען וואָס די צייטונגען דאַרפען געבען פריי אַלס נייעס־באַריכטען. מען גיט מיר איבער, אַז פאַרשטעהער פון אָרגאַניזאַציעס זאָגען אַז דאָס איז דער איינציגער וועג ווי אַזוי זיי קענען קריגען די נויטיגע פּובליסיטי. מאַנכע פון די פאָרשטייער זיינען שוין אַזוי צוגעוואוינט געוואָרען צו דעם, אַז זיי האַלטען עס אַפילו ניט פאַר קיין עוולה, ניט דאָס געבען געלט און ניט דאָס נעמען.

אין „פאָרווערטס" האָט אַזוינס קיינמאָל ניט פּאַסירט און ניט געקענט פּאַסירן. די צייטונג וואָלט אַזוינס ניט געדולדעט. אין די אַלע יאָהרען וואָס איך בין פאַרבונדען מיט דעם „פאָרווערטס", האָט ניט פּאַסירט, אַז אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע זאָל באַשול־דיגט ווערען אין אומערליכקייט. עס זיינען געווען פאַלען ווען אַקטיאָרען, יוניאָן־באַאמטע, פאָרשטייער פון אָרגאַניזאַציעס זיינען ניט געווען צופרידען ווי אַזוי אַ שרייבער האָט זיי באַהאַנדעלט אין אַ רעפּאָרט אָדער אַן אַרטיקעל, און מאַנכע פון זיי האָבען זיך באַקלאָגט וועגען דעם צום רעדאַקטאָר, מינדליך אָדער שריפטליך. איך קען זיך ניט דערמאָנען קיין איינציגען פאַל ווען אַזאַ קלאַגע איז געווען באַגלייט מיט אַ באַשולדיגונג פון אומערליכקייט געגען דעם באַטרעפענדען שרייבער.

אַב. קאַהאַנ'ס שטרענגקייט אין דעם פּרט איז שוין געגאַנגען אַביסעל צו־ווייט. עס האָט איינמאָל פּאַסירט אַזאַ פאַל: אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע, וועלכער פלעגט שרייבען אָפט וועגען טעאַטער, האָט געפייערט אַ געבורטס־טאָג מיט אַ „פּאַרטי" ביי זיך אין דער היים. צום יום־טוב האָט ער איינגעלאַדען עטליכע פריינד פון דער טעאַטער וועלט, און איינער פון די געלאַדענע געסט האָט איהם געבראַכט אַ פּרעזענט — אַ הויז־אַרטיקעל אין דעם ווערט פון אַ פּאָר צענדליג דאָלער. ווען אַב. קאַהאַן האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם האָט ער פאַרבאָטען דעם שרייבער ווייטער צו דרוקען אַר־טיקלען וועגען טעאַטער. מיר אַלע אין דער רעדאַקציע האָבען געפיהלט אַז די שטראָף איז ניט באַרעכטיגט. דער שרייבער איז געווען אַבסאָלוט אומשולדיג. ניט ער האָט געוואָלט פּרעזענטען און ניט ער האָט דערוואַרט אַז אימיצער וועט איהם ברענגען אַ מתּנה. עס האָט אָבער געדויערט אַ לאַנגע צייט איידער קאַהאַן האָט אַראָפּ־גענומען דעם חרם פון דעם שרייבער.

* * *

אַמאָליגע יאָהרען, ווען די אָרגאַניזאַציעס פון דער אידישער אַרבייטער־באַוועגונג, די יוניאָנס, די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, די אַרבייטער־רינג ברענטשעס און אַנדערע ראַדיקאַלע און פּראָגרע־

סיווע קולטור־אָרגאַניזאַציעס האָבען זיך געניטיגט אין פּובליסיטי פאַר זייערע טעטיגקייטען, האָט דער „פאָרווערטס" זיי דאָס געגעבען מיט אַ פולער האַנט, אַבסאָלוט פריי, פאַרשטעהט זיך. און ווען איך זאָג דער „פאָרווערטס", מיין איך אַלע מיטאַרבייטער וועלכע זיינען געווען פאַרבונדען מיט די אָפּטיילונגען פון דער צייטונג. די לעי־באָר עדיטאָרס און לעיבאָר רעפּאָרטערס פלעגען אַרבייטען טאָג און נאַכט אָהן עקסטראַ באַצאָלט. ביים „דעקען" אַ קאָנווענשאָן פון אַ יוניאָן אָדער פון אַרבייטער־רינג פלעגט דער „פאָרווערטס"־רעפּאָרטער טאָן אין איין טאָג דריי טעג אַרבייט. די גרעסטע באַ־לוידיגונג וואָס ער האָט פאַר דעם באַקומען איז געווען אַ „דאַנק־רעזאָלוציע" פון דער קאָנווענשאָן צום רעדאַקטאָר, מיט אַ קאָמ־פּלימענט פאַר דעם רעפּאָרטער. ווען אַזאַ קאָנווענשאָן וואָלט אָנ־געבאָטען אַ סומע געלט אַלס פּרעזענט צום שרייבער, וואָלט ער ניט נאָר די געלט ניט גענומען, נאָר ער וואָלט זיך געפונען באַליידיגט וואָס דער אָנבאָט איז איהם געמאַכט געוואָרען.

אין פאַרבינדונג מיט דעם וויל איך דערצעהלען אַ פּאָר פאַק־טען פון מיין פּערזענליכער דערפאַרונג:

דער ערשטער פאַל האָט פּאַסירט ווען איך בין געווען אַ האַלב־גרינער אין דער רעדאַקציע. מען האָט מיך געשיקט צו „דעקען" אַ קאָנווענשאָן פון אַ יוניאָן אין אַן אַנדער שטאָט. צו באַצאָלען די הוצאות, האָב איך מיטגענומען אַ געוויסע סומע געלט. אין מיטען דער קאָנווענשאָן האָב איך זיך אַרומגעזעהן, אַז איך וועל ניט האָבען גענוג געלט צו באַצאָלען דעם האָטעל־ביל און האָב דאָס דערצעהלט איינעם פון די באַאמטע פון דער יוניאָן. אויף מאָרגען האָט ער מיר געבראַכט די סומע וואָס מיר האָט אויס־געפעהלט. ווען איך בין צוריקגעקומען אין ניו יאָרק און דער־צעהלט וועגען דעם, האָבען אָנגעזעהענע מיטגלידער פון „פאָר־ווערטס" אַסאָסיאיישאָן מיר אויסגערעדט אַז איך האָב ניט ריכטיג געהאַנדעלט. איך האָב ניט געטאָרט נעמען קיין געלט פון דער יוניאָן; איך האָב געדאַרפט טעלעגראַפירען צו דעם „פאָרווערטס".

דער צווייטער פאַל האָט פּאַסירט אַ סך שפּעטער, אין אָנהויב פון די צוואַנציגער יאָהרען. ב. שלעזינגער האָט דאַמאָלסט אָנגע־

פיהרט אַ קאַמפּעין ווידער אויפצובויען די אָפּגעשוואַכטע קלאָוק־מאַכער יוניאָן. עס פאַרשטעהט זיך, אַז די הויפּט־אַרבייט זיינע איז געפירט געוואָרען דורך די קאָלומס פון „פאָרווערטס". עס פלעגען ערשיינען לאַנגע אַרטיקלען אין „פאָרווערטס" אונטערגעשריבען „ב. שלעזינגער". אין מאַרקעט פלעגען אויך פאַרשפּרייט ווערען פאַמפלעטען אונטערגעשריבען „ב. שלעזינגער". דער אמת׳ער שרייבער פון די אַרטיקלען און פאַמפלעטען בין איך געווען. שלעזינגער פלעגט קומען צו מיר אַהיים זונטאָג אינדערפריה און מיר פלעגען אָפּזיצען לאַנגע שטונדען און אַרומריידען די טעמע פון דעם נעקסטען אַרטיקעל אָדער פאַמפלעט. נאָכדעם ווי ער פלעגט מיך פאַרלאָזען פלעג איך זיך אַוועקזעצען און דאָס אָנשרייבען. שלעזינגער האָט אַרויפגעשטעלט זיין נאָמען ניט ווייל ער האָט געזוכט דעם כבוד, נאָר ווייל אַנדערש וואָלטען די אַרטיקלען און פאַמפלעטען ניט געמאַכט דעם געווינשטען איינדרוק אויף די אַרבייטער. עס פאַרשטעהט זיך, אַז איך האָב געטאָן די אַרבייט אָהן געלט, כאָטש איך האָב מקריב געווען מיין איינציגען רוה־טאָג. איך בין זיכער, אַז אין יענע יאָהרען וואָלט קיינער אין דער רעדאַקציע ניט געהאַנדעלט אַנדערש.

קאַפּיטעל עלף

דער „פֿאָרווערטס״ און דער „בונד״

דער „בונד״ איז שטענדיג געווען אַ נאָהענטער קרוב פון „פֿאָר־ווערטס״. די געפיהלען וואָס די קרובה׳שאַפט האָט אַרויסגערופען בייביידע צדדים זיינען ניט אַלע מאָל געווען די זעלבע. ווען איך בין אָנגעקומען אין „פֿאָרווערטס״, אין 1906, זיינען די געפיהלען געווען וואַרימע, באַגייסטערטע, צום ווענינסטענס, פון אונזער זייט. אין יענער צייט איז דער „בונד״ פאַר אונז אין אַמעריקע, געווען אַ לעגענדע פון רעוואָלוציאָנערער העלדישקייט און ראָמאַנטיק. ד־ערשטע שליחים פון „בונד״, ווי ר. אַבראַמאָוויטש, אַרקאַדי קרעמער און די וואָס זיינען געקומען נאָך זיי, זיינען דאָ אויפגענומען גע־וואָרען ווי הייליגע. דער „פֿאָרווערטס״ האָט פאַר זיי צוגעגרייט די שענסטע אויפנאַמעס. זייערע טורס איבער׳ן לאַנד זיינען דורכ־געפירט געוואָרען פון מענשען אין דער „פֿאָרווערטס״־משפחה.

אין די שפּעטערדיגע יאָהרען האָט זיך די באַציהונג צו דער בונדישער אָרגאַניזאַציע געענדערט. די באַגייסטערונג האָט זיך ביסלעכווייז אָפּגעקיהלט, און עס זיינען געווען מאָמענטען, וואָס זי איז שיער ניט פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אָפענער געגנער־שאַפט. דאָך איז די קרובה׳שאַפט צווישען דעם „בונד״ און דעם „פֿאָרווערטס״ קיינמאָל ניט פולשטענדיג איבערגעריסען געוואָרען. נאָך מעהר, אין דער „פֿאָרווערטס״־רעדאַקציע זיינען שטענדיג געווען איינער אָדער מעהר אויסגעשפּראָכענע בונדיסטען, שרייבער, וואָס האָבען געטראָגען דעם בונדישען שטעמפּעל און האָבען זיך מיט דעם געגרויסט. עס דאַרף אָבער גלייך געזאָגט ווערען, אַז די שרייבער זיינען צוגעצויגען געוואָרען צו דער רעדאַקציע ניט צוליב

זייער בונדיזם, נאָר טראָץ זייער בונדיזם. זיי זיינען געווען פעהיגע, טאַלאַנטפולע זשורנאַליסטען און אַב. קאַהאַן האָט קיינמאָל ניט גע־קענט ביישטעהן דעם נסיון פון באַרייכערען די צייטונג מיט גוטע שרייבער.

די פאַרנעמסטע בונדישע נעמען אין דער געשיכטע פון דער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע זיינען אַלגין און צביון. איך דערמאָן ניט ר. אַבראַמאָוויטש'ן, ווייל ווען ער איז אַריינגעטראָטען אין „פאָר־ווערטס", איז ער שוין ניט געווען מעהר אידענטיפיצירט מיט'ן „בונד". אויך וולאַדעק האָט אַ שטיקעל צייט געאַרבייט אין דער רעדאַקציע. מיט עטליכע יאָהר צוריק איז צוגעקומען ב. שעפנער, דער פעהיגסטער שרייבער פון דער בונדישער „פאָלקסצייטונג" אין די לעצטע יאָהרען פון איהר עקזיסטענץ.

אַלגין און צביון האָבעןביידע אָנגעהויבען שרייבען פאַר'ן „פאָרווערטס" אַלס קאָרעספאָנדענטען פון אייראָפּע. ווען זיי זיינען געקומען קיין אַמעריקע, זיינען זיי אַריינגעטראָטען אין דער רע־דאַקציע און האָבען דאָרט גלייך פאַרנומען אַן אָרט צווישען די „סטאַרס". וואָס מיט זיי ביידען האָט שפּעטער פּאַסירט איז גוט באַקאַנט אונזערע לעזער. ביידע האָבען זיי פאַרלאָזען די צייטונג אין דער היסטאָרישער שפּאַלטונג פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, אין 1921. אין נעקסטען יאָהר האָבען זיי געהאָלפען גרינדען די קאָמוניסטישע „פרייהייט", פון וועלכער אַלגין איז געוואָרען רעדאַקטאָר און צביון דער וויכטיגסטער מיטאַרבייטער. צביון האָט זיך אָבער דאָרט לאַנג ניט געהאַלטען; נאָך אומגעפעהר אַ יאָהר צייט, איז ער צוריקגעקומען אין „פאָרווערטס". אַלגין איז געשטאָרבען אויף זיין פּאָסטען אַלס דער „פרייהייט"־רעדאַקטאָר.

פון די עטליכע טרוקענע פאַקטען אין דער קאַריערע פון די צוויי שרייבער קען זיך אויסדוכטען, אַז אַלגין איז געווען מעהר איבערגעגעבען און אויסגעהאַלטען אין זיין בונדישער אידעאָלאָגיע ווי צביון, אַז די „רעוואָלוציאָנערע" וואָרצלען פון בונדיזם האָבען אין איהם געשלאָגען טיפער ווי אין צביונ'ען. דאָס איז אָבער אַ טעות. איך האָף, אַז צביון וועט ניט פאַראיבעל האָבען אויף מיר, אויב איך וועל זאָגען, אַז ער איז אַלע מאָל געווען און ביז היינט

פאַרבליבען אַ פאַר׳עקשנ׳טער בונדיסט (אפשר האַלט ער עס פאַר אַ קאָמפּלימענט). אַז צביון האָט פון זיין בונדיזם קיינמאָל ניט אָפּגעווייכט אויף רעכטס, ווייסט יעדער וואָס איז מיט איהם פאַר־בונדען אין „פאָרווערטס״. צי ער האָט ניט אָפּגעווייכט אַביסעל אויף לינקס אין די קורצע חדשים, וואָס ער איז געווען אין דער „פרייהייט״, קען איך ניט זאָגען אויף זיכער. איך בין גענויגט צו גלויבען, אַז דאָס איז ניט געווען דער פאַל, וויסענדיג ווי טיף איינגעגלויבט ער איז אין דער בונדישער תורה.

אין „פאָרווערטס״ האָט צביון ניט געהאַט די פולע מעגליכקייט צו מאַכען פראָפּאַגאַנדע פאַר זיינע בונדישע אידעען, אָדער פיהרען אַ קאַמף פאַר דער בונדישער שטעלונג צו פראַגען און ערשיינונגען פון מאָמענט. ער האָט זיך געמוזט האַלטען „אין די ראַמען״ ניט איבערצוזכאַפּען די מאָס אין זיין ווידערשטאַנד געגען די רעכטע פּאָליסיס פון דער צייטונג. אָבער די, וואָס האָבען איהם געלייענט פאָרזיכטיג, האָבען שטענדיג געוואוסט וואו ער שטעהט אין יעדער פראַגע. עס זיינען געווען פאַלען, ווען ער האָט זיך דערלויבט צו געהן אַביסעל צו־ווייט און אַב. קאַהאַן איז געווען געצוואונגען איהם צו „רופען צו אָרדענונג״. אין די יאָהרען פאַר דער שפּאַל־טונג איז צביון געווען איינער פון די רעדאַקטאָרען פון דער „נייער וועלט״, דער אָרגאַן פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, וועלכע איז דאָמינירט געוואָרען פון בונדיסטען. דאָר־טען פלעגט ער זיך צעלאָזען די הענט. דאָרט פלעגט ער שרייבען אַלץ, וואָס זיין בונדיש האַרץ האָט איהם דיקטירט. עס פאַרשטעהט זיך, אַז אַב. קאַהאַן און די מאַיאָריטעט פון „פאָרווערטס״־אַסאָ־סיאיישאָן האָבען אויף דעם געקוקט קרום. צביון האָט עס גע־וואוסט. יעדעס מאָל, וואָס אַזאַ אַרטיקעל פון צביונ׳ען פלעגט דער־שיינען אין דער „נייער וועלט״ האָט מען ערוואַרט אַן אויפרייס אין רעדאַקציע. דאָס איז אָבער קיינמאָל ניט געשעהן. און צביון איז געגאַנגען זיין וועג.

דערפאַר איז קיין וואונדער ניט, וואָס קאַהאַנ׳ען איז ניט אָנ־געקומען אַזוי לייכט אַריינצונעמען צביונ׳ען צוריק אין דער רע־דאַקציע, נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעריסען מיט דער „פרייהייט״.

די מיטגלידער פון דער „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאָן האָבען געדענקט ניט נאָר די חטאים וואָס צביון איז באַגאַנגען אין דער קורצער צייט פון זיין „קאָמוניסטישען אָפּנויג"; זיי האָבען אויך ניט פאַרגעסען די „צרות", וואָס מען האָט פון איהם געהאַט אין די פריהערדיגע יאָהרען. אב. קאַהאַן האָט אויף די טענות ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען, ער האָט מודה געווען, אַז דאָס אַלץ איז ריכטיג. זיין איינציגער אַרגומענט איז געווען, אַז צביונ'ס טאַלאַנטפולע פעדער וועט רייכער מאַכען די צייטונג. און אַם ענדע האָט די טענה געווירקט איבערצואוועגען די טענות פון די געגנער. צביון איז ווידער געוואָרען אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע. און כאָטש ער האָט זיין „זינדיגען וועג" ניט געביטען, בין איך זיכער, אַז ניט דער רעדאַקציע, ניט דער אַסאָסיאיישאָן און ניט אונזערע לעזער פאַרדריסט וואָס צביון איז אין דער רעדאַקציע.

גאַנץ אַנדערש איז די געשיכטע פון אַלגינ'ס בונדישער קאַריערע. ער איז פאַרבליבען אַ בונדיסט בלויז אין נאָמען. קורץ נאָך זיין אָנקומען אין אַמעריקע, האָט ער זיך שנעל צוגעפּאסט צו זיין נייער היים. ער איז אַוועק שטודירען אין קאָלאָמביע אוניווערסיטעט פאַר אַ דאָקטאָר־טיטול (דאָקטאָר אָוו פילאָסאָפי) און דאָרט האָט זיך זיין בונדישער רעוואָלוציאָניזם שטאַרק אָפּגעקיהלט. ער איז געוואָרען אַ הייסער אַמעריקאַנער פּאַטריאָט. נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע האָט ער זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די געגנער פון באָלשעוויזם און קאָמוניזם, כאָטש אין יענער צייט איז דער „בונד" אין פוילען געווען עקסטרעם לינק, זעהר נאָהענט צום באָלשעוויזם.

ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט, אַז ער האָט שפּעטער, אין 1921, באַשלאָסען מיטצוגעהן מיט די לינקע אין דער שפּאַלטונג פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, ווייס איך ניט. איך ווייס אָבער יע, אַז ביז דער לעצטער מינוט, וואָס ער איז געווען אין „פאָרווערטס", האָט ער ניט אויפגעהערט צו חנפ'ענען קאַהאַנ'ען, און ביים געזעגענען זיך מיט איהם האָט ער זיך שיער ניט צעוויינט.

צווישען די צוויי וועלט־מלחמות זיינען די באַציהונגען צווישען דעם „פאָרווערטס" און דעם „בונד" אין פוילען געוואָרען מעהר

און מעהר אָנגעשטרענגט. אין יענער צייט האָבען די סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען אין אַלע לענדער, אין אַמעריקע און איראָפּע, איבערגעלעבט שטורעמס פון אינעווייניג און שווערע אַטאַקעס פון דרויסען. עס זיינען פאָרגעקומען שפּאַלטונגען אין די פּאַרטייען און קאָמוניסטישע „פּאַראייניגטע פראָנט״־מאַנעווערס. דער „פאָר־ווערטס״ איז אין די קריטישע יאָהרען געשטאַנען אויף דער זייט פון די רעכטע. דער „בונד״ האָט זיך אַביסעל געוואַקעלט, אָבער אין אַלגעמיין איז ער געווען אויף דער זייט פון די לינקע. אין דער היגער באַוועגונג, אויף דער אידישער גאַס אין אַמעריקע, אין די יוניאָנס, אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אין אַרבייטער־רינג און אַפילו אין „פאָרווערטס״־אַסאָסיאיישאָן, האָט זיך דער בונדישער לינקיזם געלאָזט פיהלען. אמת, די לינקע האָט זיך ניט איינ־געגעבען צו דאָמינירען די אָרגאַניזאַציעס, טראָבעל האָבען זיי אָבער געמאַכט אַ היבש ביסעל.

אויך אין דער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג, אין „סאָציאַלי־סטישען אינטערנאַציאָנאַל״, איז דער „בונד״ געגאַנגען מיט די לינקע פּאַרטייען און פראַקציעס, ווערענד דער „פאָרווערטס״ האָט פּאַרטיידיגט די רעכטע און באַקעמפט די לינקע.

שטעלט זיך די פראַגע: אויב די באַציהונגען צווישען דעם „פאָרווערטס״ און דעם „בונד״ זיינען כסדר געווען אַזוי אָנגע־צויגען, ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט, אַז זיי זיינען ניט איבערגעריסען געוואָרען אינגאַנצען? ווי קומט עס וואָס אַפילו היינט הערשט אַ געוויסע נאָהענטקייט צווישען די צוויי אָרגאַניזאַציעס?

אויף דעם זיינען פאַראַן צוויי ערקלערונגען. ערשטענס, נעמט זיך עס דערפון, וואָס אַב. קאַהאַן און אַנדערע אַלטע „פאָרווערטסיס־טען״ האָבען געהאַט אַ טיפע אַכטונג פאַר די גרינדער און פיהרער פון „בונד״. די נעמען קרעמער, מעדעם, נח, ערליך, אַלטער און אַנדערע זיינען זיי געווען איינגעבאַקען אין האַרצען. אַב. קאַהאַן האָט טאַקע ניט איינגעשטימט מיט די אידעען און מיט די האַנד־לונגען פון די בונדישע פיהרער. ער פלעגט זיי דאָס זאָגען אין די אויגען, און זיי דאָס געמאַכט פיהלען אין דער צייטונג. אָבער ער האָט ניט אויפגעהערט זיי צו שעצען און אַכטען פאַר זייער

אידעאַליזם, זייער גייסטיגער ערליכקייט און אויסגעהאַלטענקייט. אַט די באַציהונג צו די פיהרענדע פּערזענליכקייטען האָט ניט דער־לאָזט, אַז די פאַרבינדונג פון „פאָרווערטס" מיט'ן „בונד" זאָל אינגאַנצען איבערגעריסען ווערען.

די צווייטע סיבה איז נאָך אַ וויכטיגערע. אין די בונדישע גרופּען דאָ אין אַמעריקע האָט זיך געשאַפען אַ מיטעלער שיכט, וואָס האָט זיך אָפּגעווענדעט פון דער עקסטרעם לינקער בונדישער שטעלונג, און זיך גערוקט נעהענטער צו דער רעכטער שטעלונג פון „פאָרווערטס". דער מיטעלער שיכט איז געווען ווי אַ „צע־מענט", וואָס האָט צונויפגעהאַלטען די פאַרבינדונג צווישען די צוויי אָרגאַניזאַציעס, טראָץ די כוחות, וואָס האָבען זיי אָפּגעשטויסען איינע פון די אַנדערע. דער מיטעלער שיכט איז וואָס ווייטער גע־וואָרען אַלץ שטאַרקער, און היינט איז ער, וואַרשיינליך, דאָמיני־רענד אין דער היגער בונדישער משפחה, טראָץ דעם, וואָס אָפיציעל איז די אָרגאַניזאַציע אונטער דער פירערשאַפט פון די לינקע עקסטרעמיסטען.

לאָמיך דאָ איבערגעבען מיינע פּערזענליכע צוויי ערפאַהרונגען מיט דעם „בונד" אין אָנהויב פון די דרייסיגער יאָהרען, וועלכע קענען דינען ווי אילוסטראַציעס פון די באַציהונגען צווישען „פאָר־ווערטס" און „בונד" אין יענע שטורמישע יאָהרען, ווען די קאָנ־פליקטען איבער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק האָ־בען דערגרייכט אַ קריטישען פּונקט.

סוף יאָהר 1931 און אָנהויב 1932 האָב איך געמאַכט אַ רייזע קיין פּוילען. איך האָב דאָרט פאַרבראַכט איבער אַ מאָנאַט און די גאַנצע צייט בין איך געווען, קען מען זאָגען, דער גאַסט פון „בונד". אין יעדער שטאָט, וואָס איך האָב באַזוכט, בין איך ביי דער באַן באַגעגענט געוואָרען פון פאָרשטעהער פון „בונד". דורך אָט־די מענשען בין איך באַקאַנט געוואָרען מיט די אינסטיטוציעס און טעטיגקייטען פון „בונד". זיי האָבען מיר אויך געגעבען די גע־לעגענהייט צו אַדרעסירען בונדישע פאַרזאַמלונגען.

מיין ערשטע סטאַנציע אין פּוילען איז, פאַרשטעהט זיך, געווען וואַרשע. די נאַכט פון מיין אָנקומען איז געווען אַ קאַלטע, אַ

פּיכטע; און איך בין געווען איבעררעאַשט צו זעהן וואַרטען אויף מיר אַ גרופּע פון עטליכע בונדישע פאָרשטעהער (צווישען זיי זיינען געווען נח און זיבערט). זיי האָבען מיך אַוועקגעפירט אין אַ האָטעל. נאָך אַ קורצען שמועס האָט מיר נח געזאָגט, אַז ער האָט אַ ביטע צו מיר. ער איז באַשטימט געוואָרען פון דער אָרגאַניזאַציע צו פאָרען קיין אַמעריקע. אָבער דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אָדער קאָנסול האָט איהם אָפּגעזאָגט די וויזע. וויל ער, אַז איך זאָל געהן אין דער אַמבאַסאַדע און בעטען אין נאָמען פון „פאָרווערטס״, אַז מען זאָל איהם די וויזע געבען. דעם אמת זאָגענדיג, האָט זיך מיר ניט געגלוסט דאָס צו טאָן. אָבער אָפּזאָגען נח׳ן האָב איך אויך ניט געקענט. אויף מאָרגען אָדער איבערמאָרגען האָט מיך נח צוגעפירט צום אָפיס פון אַמבאַסאַדאָר. ער איז געבליבען אין דרויסען וואַרטען. דער אַמבאַסאַדאָר האָט מיך אויפגענומען זעהר פריינדליך. דאָס איז געווען די צייט פון קריזיס. מיר האָבען גערעדט וועגען דער שווערער צייט אין אַמעריקע, און וועגען דער הואווער־אַדמיני־סטרעישאָן, און דאַן האָב איך פאָרגעלעגט מיין ביטע וועגען נח׳ס וויזע. דער אַמבאַסאַדאָר האָט אַפילו קיין סעקונדע ניט געטראַכט און גלייך אָנגעוויזען זיין סעקרעטאַר ער זאָל די וויזע געבען.

אין פאַרלויף פון די פּאָר וואָכען, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין וואַרשע, האָבען די פיהרער פון „בונד״ מיך פאַרבעטען צו אַ ועטשערע אין אָרזשעכ׳ס הויז. ביים טיש זיינען געזעסען אַ פּאָר צענדליג פון די הויפּט־פירער פון דער אָרגאַניזאַציע. נאָכ׳ן עסען האָב איך ערפאַרען וואָס דער צוועק זייערער איז געווען. זיי האָבען זיך געוואָלט דורכריידען וועגען די קריוודעס, וואָס דער „פאָר־ווערטס״ האָט צום „בונד״ און וואָס דער „בונד״ האָט צום „פאָר־ווערטס״. מיר האָבען גערעדט שטונדען־לאַנג, ביז נאָך האַלבער נאַכט. אויף מאָרגען האָב איך אָנגעשריבען אַ לאַנגע קאָרעספּאָנ־דענץ וועגען דעם אָווענט און אָפּגעשיקט אין דער „פאָרווערטס״־רעדאַקציע. אין דעם אַרטיקעל האָב איך זיך באַמיהט, הויפּט־זעכליך, איבערצוגעבען דעם בונדישען צד. וועגען מיין ענטפער אויף די טענות פון די בונדישע פאָרשטעהער, האָב איך כמעט ווי ניט דערצעהלט. איך האָב געטראַכט, אַז די אויפגאַבע וועט

דורכגעפירט ווערען פון אב. קאַהאַנ'ען אַליין, וועלכער האָט דאָס געקענט טאָן בעסער פון מיר.

ווען איך בין צוריקגעקומען קיין ניו יאָרק, מיט פיר מאָנאַ־טען שפּעטער, האָט מיר לעאָן גאָטליעב, דער סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע, דערצעהלט, אַז פון די צענדליגע קאָרעספּאָנדענציעס, וואָס איך האָב צוגעשיקט פון מיין רייזע, איז די קאָרעספּאָנדענץ וועגען דעם שמועס מיט די בונדישע פֿאָרשטעהער געווען די איינ־ציגע, וועלכע איז ניט געדרוקט געוואָרען. אַב. קאַהאַנ'ס באַציהונג צום „בונד" איז דעמאָלט געווען אַזאַ נעגאַטיווע, אַזאַ פאַרביטערטע, אַז ער האָט ניט געוואָלט אַריינגעהן אין דעבאַטען מיט איהם.

דאָס האָט אָבער ניט געענדערט קאַהאַנ'ס באַציהונג צו נח'ן, וועלכער איז אָנגעקומען אין אַמעריקע אומגעפער אין דער זעלבער צייט, ווען מיין קאָרעספּאָנדענץ איז אַזוי פאַרבראַקירט געוואָרען. נח איז אויפגענומען געוואָרען פון „פֿאָרווערטס" אַלס חשוב'ער גאַסט, און דער „פֿאָרווערטס" האָט איהם געגעבען די נויטיגע פּובליסיטי ער זאָל קענען דורכפירען זיין מיסיע ערפאָלגרייך.

קאַפּיטעל צוועלף

די שטעלונג פון „פאָרווערטס״ צום ציוניזם

דאָס האָט פּאַסירט אין 1921, נאָך דער שפּאַלטונג אין דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע. פינף שרייבער האָבן דאַ־מאָלסט פאַרלאָזן די „פאָרווערטס״־רעדאַקציע און זיינען אַוועק מיט די לינקע. פיר פון די פינף (אָלגין, צביון, ליליפּוט און נאָוויק) האָבן זייער דערציהונג באַקומען אין „בונד״ און זיי האָבן זיך באַטראַכט פאַר בונדיסטען. איך, דער פינפטער, בין געווען אַן אַמעריקאַנער סאָציאַליסט. דער „בונד״ איז מיר געווען אינגאַנצען פרעמד.

באַלד נאָך דער שפּאַלטונג האָבן זיך צו מיר געווענדעט די אַרויסגעבער פון דער פּועלי ציוניסטישער טעגליכער צייטונג „די צייט״ (אונטער דער רעדאַקציע פון דוד פּינסקי), איך זאָל ווערען איהרער אַ מיטאַרבייטער, שרייבען איינעם אָדער צוויי אַרטיקלען אַ וואָך. איך האָב די איינלאַדונג אָנגענומען און די צייטונג האָט עס אַנאָנסירט.

מיט עטליכע טעג שפּעטער איז צו מיר אַהיים געקומען אַ קאָ־מיטע פון דער לינקער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע מיט אַ פאָדערונג, אַז איך זאָל צוריקציהען מיין מיטאַרבייטערשאַפט פון דער „צייט״, ווייל זי איז ציוניסטיש. די צוויי הויפּט־מיטגלי־דער פון דער קאָמיטע זיינען געווען אָלגין און זאַלצמאַן (ווער די איבעריגע זיינען געווען געדענק איך שוין ניט). איך האָב זיך ענטזאגט די פאָדערונג נאָכצוגעבען און איך בין פאַרבליבען אין

דער „צייט“ ביז איך האָב פאַרלאָזען די „לינקע“ גרופּען און צוריק אַריינגעטראָטען אין דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס“.

איך דערצעהל דעם קליינעם עפּיזאָד ווייל ער וואַרפט אַ ליכט אויף דער באַציהונג פון דער „פאָרווערטס“ רעדאַקציע צו דער פראַגע פון ארץ ישראל אַפילו דאַמאָלסט, מיט איבער דרייסיג יאָהר צוריק. איך בין איינגעלאַדען געוואָרען מיטצואַרבייטען אין דער „צייט“ ווייל שוין דאַמאָלסט האָט מען מיך געקענט פאַר אַ פריינד פון דעם אידישען ישוב אין פּאַלעסטינע און פאַר איינעם וואָס האָט די וואַרימסטע סימפּאַטיעס פאַר די אידעאַלען פון דער הסתדרות אין ארץ ישראל. דער פאַקט האָט מיר אויף אַ האָר ניט געשטערט אין מיין קאַריערע אין „פאָרווערטס“ פאַר דער שפּאַלטונג און אויך ניט שפּעטער, נאָכדעם ווי איך בין צוריקגעקומען פון דער שפּאַל־טונג.

אין די ערשטע צען יאָהר נאָך דער באַלפור דעקלאַראַציע איז דער „פאָרווערטס“ געווען, אַזוי צו זאָגען, „נייטראַל“ צום פּאָלי־טישען ציוניזם, צו דער שטרעבונג פון אויפשטעלען אַ אידישע מלוכה אין ארץ ישראל. אַ טייל פון די מיטגלידער פון דער רע־דאַקציע, איבערהויפּט יענע וואָס האָבען געקראָגען זייער ערציהונג אין „בונד“ איידער זיי זיינען געקומען קיין אַמעריקע, זיינען געווען אויסגעשפּראָכענע געגנער פון פּאָליטישען ציוניזם. זיי האָבען אָנ־געפירט אַ קאַמף געגען דעם פּועלי ציוניזם דאָ אין אַמעריקע, אַזוי ווי זיי האָבען עס געטאָן פריער אין פּוילען. אַב. קאַהאַן האָט ניט געהערט צו דער גרופּע. ער האָט פאַרקערט, רעספּעקטירט און אַפילו באַוואונדערט די איבערצייגטע און אויפריכטיגע פיהרער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. ער האָט אָבער ניט געגלויבט אין דער מעגליכקייט פון דער פאַרווירקליכונג פון זייער אידעאַל און דערפאַר איז ער געווען גלייכגילטיג צו דער באַוועגונג. ער אַליין האָט, דאַכט מיר, קיינמאָל ניט געשריבען וועגען ציוניזם, אָדער זעהר זעלטען. אין דער רעדאַקציע זיינען אַלע מאָל געווען וואַרימע סימפּאַטיקער פון אַ אידישער פּאַלעסטינע און ביי געוויסע געלעגענ־הייטען פלעגען זיי קומען צום וואָרט. אין די ערשטע יאָהרען איז

דער וויכטיגסטער וואָרט־זאָגער פון דער גרופּע געווען א. ליעסין; שפּעטער האָט זיין אָרט פאַרנומען דר. א. גינזבורג.

אַ גרויסע ענדערונג, כמעט אַן איבערקערעניש, אין דער „פאָר־ווערטס"־שטעלונג צו ארץ־ישראל איז פאָרגעקומען אין 1929, אין דער צייט פון די אַראַבישע פּאָגראָמען. פון 1929 און ווייטער איז דער „פאָרווערטס" געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר אַריינגעטאָן אין דער פּראָבלעם פון ארץ־ישראל, אין די געשעהענישען פון דעם אידישען ישוב און אין דער גאַנצער פּאָליטיק אין און אַרום ארץ ישראל.

דער סיגנאַל פון דער נייער פּאָליסי איז געגעבען געוואָרען פון אַב. קאַהאַן אַליין, ווען ער האָט געמאַכט זיין היסטאָרישע רייזע קיין ארץ ישראל נאָך די ערשטע פּאָגראָמען פון 1929. דורך דער רייזע, קען מען זאָגען, האָט אַב. קאַהאַן „ענטדעקט" דעם ישוב. און ער האָט די נייעס פון זיין ענטדעקונג געבראַכט צו די הונ־דערטער טויזענטער לעזער פון „פאָרווערטס". איידער ער האָט פאַרלאָזען די מדינה, האָט ער דאָרט באַשטעלט אַ שטענדיגען קאָ־רעספּאָנדענט, דעם פאַרשטאָרבענעם י. שפּיגעלמאַן, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע פון „דבר", דער אָרגאַן פון דער הסתדרות. י. שפּיגעלמאַן האָט דערנאָך געשריבען רעגעל־מעסיגע אַרטיקלען אין „פאָרווערטס" ביז זיין פריצייטיגען טויט מיט אַ פּופּצען יאָהר שפּעטער. ער איז געווען אַ קאָמפּעטענטער זשורנאַליסט, עהרליך און פעהיג. דעם ישוב האָט ער געקענט בעסער און גרינדליכער ווי די אַנדערע קאָרעספּאָנדענטען וואָס האָבען דאַמאָלסט געשריבען פאַר דער אידישער פּרעסע אין אַמע־ריקע.

שפּיגעלמאַן האָט געדינט אין דעם אידישען לעגיאָן, וועלכער האָט געהאָלפען דער ענגלישער אַרמיי אָפּצונעמען ארץ ישראל פון טערקיי. נאָך דער מלחמה איז ער פאַרבליבען אין לאַנד און האָט זיך באַטייליגט אין דעם אויפבוי פון ישוב אויף פאַרשידענע געביטען. ער האָט בייגעוואוינט די גרינדונג פון צענדליגער קבוצות און ישובים. עס איז ניט געווען קיין איין קאָמונע, אָפּגעזעהן צו

וועלכען פליגעל זי האָט געהערט, צו דעם לינקען, רעכטען אָדער פרומען, וואו מען האָט איהם ניט געקענט ווי אַן אייגענעם און וועגען וועלכער ער האָט ניט געקענט דערצעהלען אַלע איינצעלהייטען פון איהר געשיכטע.

אַ פּאָר יאָהר שפּעטער, נאָך קאַהאַנ׳ס באַזוך אין ארץ ישראל, האָב איך אונטערגענומען אַ לאַנגע רייזע, פון ענגלאַנד ביז ארץ ישראל, וועלכע האָט געדויערט זעקס מאָנאַטען. דער הויפּט ציל מיינער איז געווען זיך צו באַקענען מיט דעם אידישען לעבען אין פּוילען און ארץ ישראל. אין יעדען פון די צוויי לענדער האָב איך פאַרבראַכט איבער אַ חודש. אין פּוילען זיינען מיינע פיהרער און וועגווייזער געווען פאַרשטעהער פון „בונד"; אין ארץ ישראל זיינען עס געווען פאַרשטעהער פון הסתדרות, איינער פון זיי טאַקע דער דערמאָנטער י. שפּיגעלמאַן. (עס איז כדאַי צו באַמערקען, אַז די רייזע האָב איך ניט געמאַכט אַלס אַ שליח פון „פאָרווערטס", נאָר אַלס פּריוואַטער מענש. איך האָב באַצאָהלט אַלע מיינע הוצאות און פאַר דער צייט פון מיין אָפּוועזענהייט האָב איך באַקומען בלויז אַ טייל פון מיין געהאַלט, אַלס באַלוינונג פאַר די קאָרעספּאָנדענציעס וואָס איך האָב געשיקט פון וועג, דורכשניטלעך דריי קאָרעספּאָנדענציעס אַ וואָך).

דאָס איז געווען ענדע 1931 און אָנהויב 1932. אין פּוילען האָבען די רעאַקציע און דער אַנטיסעמיטיזם שטאַרק געבושעוועט. מיינע אַרטיקלען פון דאָרטען זיינען געווען געווידמעט הויפּטזעכליך צו שילדערונגען פון דער אידישער אָרימקייט און פון דער שרעק וואָס איך האָב באַגעגענט אויף שריט און טריט אין די שטעט וועלכע איך האָב באַזוכט. אין מיינע געשפּרעכען מיט פּשוט׳ע אידען און מיט אידישע פאַרשטעהער האָב איך געהערט בלויז ווערטער פון פאַרצווייפלונג און יעדער האָט ווידערהאָלט די זעלבע פראַגע: „וואָס וועט זיין מיט אונזערע קינדער? וואָס פאַר אַ צו־קונפט דערוואַרט זיי אין פּוילען?"

אַ גאַנץ אַנדער בילד האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אין ארץ ישראל, וואו איך בין אָנגעקומען אַ פּאָר מאָנאַטען נאָך דעם ווי

איך האָב פאַרלאָזען פוילען. (די צווישען צייט האָב איך פאַרבראַכט אין פראַנקרייך און איטאַליע). די פּאָליטישע לאַגע איז אין ארץ ישראל דאַמאָלסט אויך געווען אַ שווערע. דער ישוב האָט זיך געראַנגעלט מיט די גזירות פון „ווייסען פּאַפּיר״, וואָס דער קאָ־לאָניאַל מיניסטער אין לאָנדאָן, לאָרד פּאַספּילד, האָט מיט עטליכע מאָנאַטען פריהער געהאַט אַרויסגעגעבען. ביים עולם זיינען נאָך אויך געווען פריש אין זכרון די פּאָגראָמען פון 1929 און קיינער האָט ניט געפיהלט זיכער געגען נייע אויסברוכען. דאָך איז דער ישוב געווען פול מיט אָפּטימיזם, מיט גלויבען אין דער צוקונפט. ביי קיינעם איז ניט געווען דער מינדעסטער צווייפעל, אַז די מדינה וועט געהערען צו די אידען. און דאָס איז ניט געווען געבויט אויף אַ פּוסטען וואונש אָדער פּוסטער פאַנטאַזיע. אַלץ אין לאַנד, וואָס האָט געאָטעמט מיט לעבען, וואָס האָט געבליהט, וואָס האָט פאַרשפּראָכען ווייטערדיגע ענטוויקלונג און פּראָגרעס, איז געמאַכט געוואָרען מיט אידישע הענט, מיט אידישען קאַפּיטאַל און מיט אידישער האַרץ און נשמה. איך האָב באַזוכט אַלע גרויסע און קליינע שטעט, פאַרבראַכט וואָכען אין די קיבוצים און מושבים און ערגעץ האָב איך ניט געזעהן אַ סימן פון ענטוישונג אָדער פּעסימיזם.

אין מיינע קאָרעספּאָנדענציעס פון ארץ ישראל האָב איך זיך געשטעלט צוויי אויפגאַבען. ערשטענס, אויפצוקלערען די וואונדער־ליכע אַרבייט, די וואונדערליכע „מאַשין״ פון דער הסתדרות, און צווייטענס, צו שילדערען אָט דעם גייסט פון גלויבען, האָפנונג און אָפּטימיזם וואָס באַלעבט דעם ישוב.

ווען איך בין צוריקגעקומען פון מיין רייזע האָבען די קאָלע־גען פון דער רעדאַקציע אַראַנזשירט פאַר מיר אַ באַנקעט, ביי וועלכען איך האָב געמאַכט אַ קורצען סך הכל פון מיין רייזע. דער סך הכל איז באַשטאַנען פון דעם: אַז איןביידע לענדער א״ז די איצטיגע לאַגע זעהר אַ שווערע; דער אונטערשיד אָבער איז וואָס אין פוילען דערוואַרטען די אידען, אַז דער מאָרגען וועט זיין ערגער ווי דער היינט און אין ארץ ישראל זיינען די אידען זיכער ביי זיך, אַז דער מאָרגען וועט זיין בעסער ווי דער היינט.

אב. קאַהאַן איז געווען באַגייסטערט פון מיין גרוס און האָט זיין באַגייסטערונג אויסגעדריקט עפּענטליך. די בונדישע געסט (נח און אַנדערע), וואָס זיינען אנוועזענד געוועןביים באַנקעט, זיינען, פאַרקערט, געווען זעהר אומצופרידען. (מען האָט מיר שפּעטער דערצעהלט, אַז נח האָט פאַרלאָזען דעם זאַל איידער איך האָב געענדיגט רעדען, אַלס אויסדרוק פון פּראָטעסט. צי דאָס איז אמת געווען ווייס איך ניט.)

* * *

די ליניע פון „פאָרווערטס" איז געגאַנגען אַלץ ווייטער אין דער ריכטונג. עס פאַרשטעהט זיך, אַז אין דער רעדאַקציע און אין דער „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאָן זיינען געווען אַזוינע וואָס האָבען זיך געהאַלטען פעסט ביי דער אַלטער בונדישער ליניע. די געשעהע־נישען פון דער צייט האָבען אָבער אונטערגעגראָבען זייערע פּאָזיציס. מיט דעם אויפשטייג פון נאַציזם און פאַשיזם איז ארץ ישראל געוואָרען דער אַנטרינונגס־פּלאַץ פאַר טויזענטער אידען וואָס זיינען געלאָפען פון דעם פייער. מיין גרוס פון די צוויי לענדער האָט אָנגעהויבען פאַרווירקליכט צו ווערען אַ סך שנעלער ווי מען האָט ערוואַרטעט.

אין דעם קאַמף צווישען די פאַרטייען, פריהער אין דער ציוני־סטישער באַוועגונג און שפּעטער אין דער מלוכה פון ישראל, האָט דער „פאָרווערטס" אימער געשטיצט די מפא"י, די אַרבייטער פאַרטיי. דער „פאָרווערטס" איז אייגענטליך געווען די איינציגע טעגליכע צייטונג אין אַמעריקע וואָס איז שטענדיג געשטאַנען מיט דער מפא"י. אין די קריטישע יאָהרען פון דעם טעראָר אין ארץ ישראל האָבען די אַנדערע אידישע צייטונגען געפלירטעוועט מיט די טעראָריסטען, מיט די רעוויזיאָניסטען, וועלכע האָבען ביטער באַקעמפט בן גוריון׳ס פּאָליטיק. די שטימונג צווישען די ברייטע מאַסען אידען אין אַמעריקע איז אויך דאַמאָלסט געווען סימפּאַטיש צו דער טעראָריסטישער טאַקטיק. עס האָט זיך געפאָדערט אַ ים מיט מוט פאַר בן־גוריון זיך צו האַלטען פעסט געגען דער כוואַליע

פון דער עפּענטליכער מיינונג אין ארץ ישראל, און ענליכער מוט האָט זיך געפאָדערט פאַר׳ן „פאָרווערטס״ זיך צו האַלטען פעסט געגען דער שטימונג פון דער עפּענטליכקייט דאָ אין אַמעריקע.

די הילף וואָס דער „פאָרווערטס״ האָט געגעבען דער מפא״י און דער הסתדרות איז אָפּגעשאַצט געוואָרען פון די פיהרער פון די אָרגאַניזאַציעס און אויך פון זייער ברייטער מיטגלידערשאַפט. אין די לעצטע עטליכע יאָהר האָבען מיר געהאַט צעהנדליגער אויב ניט הונדערטער געלעגענהייטען דאָס פעסטצושטעלען. די מיט־אַרבייטער פון דער „פאָרווערטס״־רעדאַקציע און פאָרשטעהער פון דער פאַרוואַלטונג, וואָס באַזוכען ארץ ישראל, ווערען אויפגענומען ווי נאָענטע קרובים און איבערגעבענע פריינד פון דער מפא״י, פון דער הסתדרות און אויך פון זייערע פאַרטרעטער אין דער רעגי־רונג. די פאָרשטעהער פון מפא״י און דער הסתדרות, וואָס קומען אויף שליחות קיין אַמעריקע, האַלטען עס פאַר זייער פליכט צו קומען אין דער „פאָרווערטס״־רעדאַקציע מיט גרוסען און באַ־גריסונגען פון די אָרגאַניזאַציעס וואָס זיי פאַרטרעטען.

דאָס מיינט אָבער ניט, אַז דער „פאָרווערטס״ איז פאַר׳משכונ׳ט ביי דער מפא״י און דער הסתדרות און פאָלגט בלינדערהייט אַלע זייערע באַשלוסען און פאַרמאַכט די אויגען צו די פעלערען און טעות׳ן וואָס זיי באַגעהען. די לעזער פון אונזער צייטונג ווייסען, אַז דאָס איז ניט דער פאַל. אין דער „פאָרווערטס״־רעדאַקציע זיצט נאָך היינט דער אַלטער בונדיסט צביון, וועלכער באַלויכט ישראל־פראַגען פון זיין שטאַנדפונקט. אין ישראל גופא האָבען מיר קאָ־רעספּאָנדענטען וואָס שרייבען פריי וועגען דער לאַגע אין לאַנד און וועגען די האַנדלונגען און פאָליסיס פון דער רעגירונג. און עס פּאַסירט, אַז די קאָרעספּאָנדענטען קריטיקירען די פאָליסיס פון דער בן־גוריון רעגירונג, פון דער מפא״י אָדער דער הסתדרות.

די „פאָרווערטס״־רעדאַקציע איז איבערצייגט, אַז די באַ־ציהונג איהרע צו „מפא״י׳ס״ רעגירונג און צו דער הסתדרות איז די געזונטסטע טאַקע פאַר זיי גופא. אַן אמת׳ער פריינד איז ניט דער וואָס שאָקעלט שטענדיג צו מיט׳ן קאָפּ, אַז אַלץ איז

גוט און ריכטיג. אַן אמת׳ער פריינד איז יענער וואָס העלפט אייך געהן אויפ׳ן ריכטיגען וועג, וואָס צייגט אייך אָן אויף שטרויכלונ־גען, וועלכע ליגען אין וועג. עס איז ניט אויסגעשלאָסען אַז מאַנכע פון די קריטיקען און אויסזעצונגען, וואָס דער „פאָרווערטס" דרוקט, זיינען אומבאַרעכטיגטע, אַז אונזער קאָרעספאָנדענט איבערטרייבט מאַנכעס מאָל, אָדער אַז ער איז אין מאַנכע פאַלען ניט ריכטיג אינפאָרמירט. דאָס קען ניט אויסגעמידען ווערען. אָבער מיר זיינען זיכער, אַז אַזוינע פעלערען פאַסירען זעלטען און אַז זיי ווערען ניט געמאַכט באַוואוסטזיניג אָדער בייזוויליג.

קאַפּיטעל דרייצעהן

דער „פאָרווערטס" און דער אידישער טעאַטער

אין דער געשיכטע פון אידישען טעאַטער אין אַמעריקע האָט דער „פאָרווערטס" געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָלע. צווישען די וויכטיגסטע אידישע דראַמאַטורגען, וואָס האָבען געשאַפען פאַר דעם טעאַטער, וואָס האָבען איהם צוגעשטעלט די בעסטע פּיעסען און די גרעסטע קינסטלערישע און פינאַנציעלע ערפאָלגען, זיינען אַ סך געווען מיטגלידער פון דער „פאָרווערטס"-רעדאַקציע. צו דעם צעטעל געהערען: ז. ליבין, שלום אַש, י. י. זינגער, י. ד. בערקאָ־וויטש, חנא גאָטעספעלד. לעאָן קאָברין האָט איינינע פון זיינע בעסטע דראַמען געשריבען ווען ער איז געווען פאַרבונדען מיט'ן „פאָרווערטס". אין דעם רעפּערטואַר פון אידישען טעאַטער געפינט מען אויך דראַמען פון ז. קאָרנבליט, מ. אָשעראָוויטש, ב. באָטוויניק, ה. לאַנג און אַנדערע „פאָרווערטס"-מיטאַרבייטער, וועלכע האָבען אויף אַ קורצע ווייל פאַרבלאָנדזשעט אויף דער עוועניו.

נאָך וויכטיגער ווי די דירעקטע ביישטייערונגען פון די „פאָר־ווערטס"-מיטאַרבייטער צו דער בינע, איז געווען די אַרבייט וואָס דער „פאָרווערטס", אַלס אַ צייטונג, האָט געטאָן אויפצוהויבען דעם ליטעראַרישען און קינסטלערישען ניווא פון דעם טעאַטער, צו לערנען דעם אידישען עולם ווי אָפּצושאַצען די ווערט פון אַ פּיעסע, ווי צו פאַרשטעהן דעם אונטערשיד צווישען קונסט און שונד, צווישען דעם עכטען און געפעלשטען.

אין אַלץ וואָס געשעהט אין לעבען האָט דער צופאַל, דער מזל, אַ גרויסען חלק. עס האָט גראַד געדאַרפט פּאַסירען, אַז אב. קאַהאַן דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", איז געווען אַליין אַ ליטעראַט מיט טיפער ליבע און פאַרשטענדניס פאַר טעאַטער־קונסט. אַ דאַנק

דעם צופאַל האָט דער אידישער טעאַטער שטענדיג פאַרנומען אַ פראָמינענטען אָרט אויף די שפאַלטען פון דער צייטונג און איז דאָרט באַהאַנדעלט געוואָרען ניט ווי אַ לייכטער ענין פון שפיל און פאַרוויילונג, נאָר ווי אַן ערנסטער ענין פון קולטור, פון גייסטיגער דערהויבונג און אַנטוויקלונג. אַב. קאַהאַן האָט פאַר־זיכטיג אָפּגעהיט די טעאַטער אָפּטיילונג פון דער צייטונג. צביון פלעגט זיך וויצלען, אַז ביי קאַהאַנ׳ען איז אַ פּיעסע אָדער אַן אַקטיאָר געווען אַ פראַגע פון „פאָרווערטס"־פּאָליסי. אַ וויץ איז דאָס אַ גוטער, אָבער דער אידישער טעאַטער און די אידישע קולטור האָט פון דעם וויץ אַ סך געוואונען.

אין די רעצענזיעס, קריטיקען און „פּובליסיטי"־נאָטיצען האָט דער „פאָרווערטס" ניט אַרויסגעוויזען קיין פאַרטייאישקייט צו די דראַמאַטורגען, צי ער האָט באַלאַנגט צו דער אייגענער רעדאַקציע, צי ער איז געווען אַ פרעמדער; צי ער איז געווען פריינדליך צו דער צייטונג, צי ניט. פּרץ הירשביינ׳ס פּיעסען האָבען אימער געקראָגען באַגייסטערטע קריטיקען פון אַב. קאַהאַן און זיינען אויך „געבומט" געוואָרען אויף די טעאַטער פּעידזשעס, כאָטש פּרץ הירשביין איז קיינמאָל ניט געווען פאַרבונדען מיט דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס" און איז אין אַלגעמיין געווען קאַלט און אַמאָל אַפילו קריטיש צו די פּאָליסיס פון דער צייטונג. ה. לייוויק האָט דעם ערפאָלג פון זיין דראַמע „שמאַטעס" געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם „פאָרווערטס", טראָץ דעם וואָס ער האָט זיך אין די פריערדיגע יאָהרען באַצויגען כמעט פיינדליך צו אונז. די פּיעסע איז גע־גאַנגען זעהר שלעכט און מאָריס שוואַרץ האָט געהאַלטען ביים אַראָפּ־נעמען זי פון דער ביהנע ווען קאַהאַן איז געקומען זי זעהן און איז פון איהר באַגייסטערט געוואָרען. ער האָט דאַן אָנגעשריבען אַ באַגייסטערטע קריטיק, וואָס האָט אַרויסגערופען אַ טיפען איינ־דרוק ביי די בעסערע טעאַטערגעהער און אין טעאַטער איז „גלייך געוואָרען פרעהליך". מיט דעם אַליין האָט זיך קאַהאַן ניט באַנוגענט. ער האָט וועגען דער פּיעסע געשריבען נאָך און נאָך און אַם ענדע אַנאָנסירט, אַז דער „פאָרווערטס" וועט איבערדרוקען די גאַנצע דראַמע. אַזוינס האָט, דאַכט מיר, פריהער ניט פּאַסירט.

און דאָס האָט אַרויסגערופען אַ סענסאַציע. די פּיעסע „שמאַטעס" איז פון אַ דורכפאַל פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין איינעם פון די „היטס" פון סעזאָן און די פּיעסע פאַרנעמט אַן אָרט צווישען די קלאַסישע ווערק פון דעם אידישען טעאַטער.

אַב. קאַהאַן האָט געמאָסטען דעם ליטעראַרישען ווערט פון אַ דראַמע אויף דער ביהנע מיט דער זעלבער מאָס ווי ער האָט געמאָסטען דעם ליטעראַרישען ווערט פון אַ ראָמאַן אָדער דער־צעהלונג אין אַ בוך. זיין מאָס איז געווען „רעאַליזם", טריישאַפט צום לעבען, צו דער ווירקליכקייט. ער האָט די פאָדערונג גע־שטעלט צום דראַמאַטורג, צום שוישפּילער און צום רעזשיסאָר. איך וויל דאָ ניט אַריינגעהן אין דער פראַגע צי די מאָס פון רעאַליזם איז שטענדיג די בעסטע וואָס קען און דאַרף באַנוצט ווערען. עס קענען אויך זיין מיינונגס־פאַרשידענהייטען צי אַב. קאַהאַן איז שטענדיג געווען גערעכט אין זיין אורטייל וועגען דעם רעאַליזם פון אַ געוויסער דראַמע. וויכטיג איז דאָ דער פאַקט, אַז אַב. קאַהאַן האָט געוואוסט וואָס ער האָט געוואָלט. אַז ער האָט געהאַט אַ באַ־שטימטען סטאַנדאַרט, געוויסע קוואַליפיקאַציעס, וואָס ער האָט אָנגעווענדעט אויף די דראַמעס, אויף די אַקטיאָרען און אויף די רעזשיסאָרען. מעהר ווי דאָס קען מען פון אַ קריטיקער ניט פאַר־לאַנגען; און בלויז יענע קריטיקער וועלכע ווייסען באַשטימט וואָס זיי פאָדערען פון טעאַטער, קענען איהם ברענגען נוצען.

דער „פאָרווערטס" האָט געדינט דעם אידישען טעאַטער און געהאָלפען אין זיין אַנטוויקלונג אויף צוויי וועגען — אַ פּאָזיטיווען און נעגאַטיווען. דער פּאָזיטיווער וועג איז געווען אָנצואווייזען אויף די מעלות פון גוטע פּיעסען; דער נעגאַטיווער וועג איז געווען — אָנצואווייזען אויף די חסרונות פון שלעכטע פּיעסען. פון אויבען־אויף קען עס אויסווייזען, אַז דער צווייטער דזשאָב איז לייכטער ווי דער ערשטער; „ניין זאָגען" איז דאָך אימער גרינגער ווי „יע זאָגען". אין דעם פאַל איז עס אָבער ניט געווען אַזוי. דער שיקזאַל האָט געוואָלט אַז אין די צוויי גרעסטע קאַמפען, וואָס דער „פאָר־ווערטס" האָט אָנגעפירט אַלס „ניין זאָגער" אין דעם אידישען טעאַטער, איז ער געווען אויף דער „אומפּאָפּולערער זייט". אין

ביידע פּאַלען האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזען, אַז דער „פאָר־ווערטס״ איז גערעכט געווען. אָבער בשעת די קאַמפּען זיינען אָנ־געגאַנגען האָט די אָפּאָזיציע געשיינט צו האָבען די אויבערהאַנט.

דער ערשטער פון די קאַמפּען איז פאָרגעקומען אין די יונגע יאָהרען פון דער צייטונג, נאָכדעם ווי אַב. קאַהאַן האָט צום צווייטען מאָל איבערגענומען די רעדאַקציע פון „פאָרווערטס״, פון 1903 ביז 1908. דאָס איז דער היסטאָרישער קאַמף זיינער מיט יעקב גאָרדין, אָדער בעסער געזאָגט מיט דער גאָרדין־דראַמע. אַז יעקב גאָרדין האָט פאַרדינט קרעדיט פאַר אַרויסהייבען דעם טעאַטער פון דעם שונדישען זומפּ, האָט קאַהאַן ניט געלייקענט. ער האָט אויך ניט געלייקענט אַנדערע פאַרדינסטען גאָרדינ׳ס פאַר׳ן טעאַטער, פאַר אָפּשאַפען די הפקרות אויף דער בינע, פאַר אריינטראָגען אַ טאָן פון קולטור, פון יראת הכבוד אין טעאַטער און אַזוי ווייטער. קאַהאַן האָט אָבער ניט געוואָלט אַנערקענען, אַז גאָרדינ׳ס דראַמעס געהערען צו דער קאַטעגאָריע פון עכטער קונסט, פון אמת׳ער ליטעראַטור. קאַהאַן האָט אין זיינע קריטיקען באַוויזען, אַז גאָר־דינ׳ס כאַראַקטערען האַנדלען ניט און ריידען ניט נאַטירליך, ווי לעבעדיגע מענשען. דערביי דאַרף מען אין זינען האָבען, אַז דאָס האָט פּאַסירט אין דער צייט, ווען די יוגענד פון דער אידישער אימיגראַציע, וואָס האָט אָנגעפילט דעם אידישען טעאַטער, איז געווען רעוואָלוציאָנעריש געשטימט, און אַז די טעמעס פון גאָר־דינ׳ס פּיעסען זיינען אויך געווען רעוואָלוציאָנערע — זיי האָבען געצילט אויפצודעקען די איבלען פון די אַלטע פירונגען, פון דער אַלטער אָרדענונג, און האָבען געפּרעדיגט די נייע געדאַנקען פון ראַדיקאַלען פּראָגרעס. גאָרדינ׳ס פּיעסען האָבען דערפאַר אַפּע־לירט צו דעם בעסערען טעאַטער־עולם, צו די יונגע אימיגראַנ־טען — די זעלבע יונגע אימיגראַנטען, וואָס האָבען געלייענט דעם „פאָרווערטס״ און וואָס האָבען אין „פאָרווערטס״ געפונען די זעלבע געדאַנקען ווי די וואָס גאָרדין האָט געפּרעדיגט אין זיינע פּיעסען.

אַב. קאַהאַנ׳ס לאַגע אין דער מלחמה מיט גאָרדינ׳ען איז דער־פאַר ניט געווען וואָס מקנא צו זיין. מען קען זאָגען, אַז אַלע זיינען געווען געגען איהם: דער עולם, די בעסערע אַקטיאָרען,

וועלכע האָבען אין גאָרדינ׳ס פּיעסען געפונען די ערשטע געלעגענ־הייט צו שאַפען שטאַרקע ראָלען און צו באַווייזען זייער טאַלאַנט. אויך די באַלעבאַטים און פאַרוואַלטער פון די טעאַטערס, וועלכע האָבען פון גאָרדינ׳ס פּיעסען געמאַכט געלט. אין דער רוסישער קאָלאָניע, די קרייזען פון דער רוסיש־אידישער אינטעליגענץ, וועל־כע האָט דעמאָלט פיל געהאָלפען אין שאַפען די עפענטליכע מיינונג אין פראַגען פון קולטור, איז גאָרדינ׳ס פערזענליכער איינפלוס געוועזען זעהר גרויס. אויסערדעם האָט ער אַליין פאַרמאָגט אַ שאַרפע סאַטירישע פעדער, וועלכע ער האָט פריי באַנוצט אין די צייטונגען, וואָס זיינען דאַן געשטאַנען אין ביטערער אָפּאָזיציע צום „פאָר־ווערטס” און צו אַב. קאַהאַנ׳ען.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז גאָרדינ׳ס אָנהענגער האָבען באַשול־דיגט קאַהאַנ׳ען אין פערזענליכע קריוודעס, פערזענליכע מאָטי־ווען. די באַשולדיגונג האָט ניט געהאַט קיין באַגרינדונג. ביי קאַהאַנ׳ען האָט זיך עס געהאַנדעלט דורכאויס אין אויפריכטיגער קריטיק. ער האָט עס געהאַלטען פאַר זיין פליכט צו זאָגען דעם אמת וועגען דעם ליטעראַרישען ווערט פון גאָרדינ׳ס פּיעסען און ער האָט זיין פליכט געטאָן.

זיין באַפרידיגונג האָט קאַהאַן באַקומען ערשט אין די שפּע־טערדיגע יאָהרען, ווען מען האָט אָנגעהויבען צו שטעלען גאָרדינ׳ס פּיעסען אין פוילען און אין רוסלאַנד, און די דאָרטיגע קריטיקער האָבען געגעבען וועגען זיי די זעלבע אָפּשאַצונג ווי קאַהאַן. איך געדענק ווי אַב. קאַהאַן האָט זיך דערפרעהט, ווען עס איז אַהער אָנגעקומען די ערשטע קריטיק פון בעל מחשבות אויף גאָרדינ׳ס פּיעסען. בעל מחשבות האָט דעמאָלט פאַרנומען דעם ערשטען אָרט אַלס קריטיקער אין דער אידישער ליטעראַטור, און זיין אָפּשאַ־צונג פון גאָרדינ׳ען האָט געשטימט מיט קאַהאַנ׳ס.

היינט איז דאַכט זיך מעהר קיין מיינונגס־פאַרשידענהייטען וועגען דעם ניטאָ. יעדער וואָס האָט אַ בעסערען געשמאַק וועגען ליטעראַטור, מוז צוגעבען, אַז גאָרדינ׳ס שאַפונגען שטעהען נעהענטער צו מעלאָדראַמע, ווי צו עכטער דראַמאַטישער קונסט.

דעם צווייטען „אומפּאָפּולערען” טעאַטער־קאַמף האָט קאַהאַן

געפיהרט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען עס איז אויפגעקומען די „נייע דראַמע“, דער „נייער טעאַטער“, וואָס איז געשאַפען געוואָרען אין דער צערודערטער, צעטומעלטער, משוגע'נער רוסלאַנד, און איז פאַרשפרייט געוואָרען דורך דער לינקער יוגענד איבער גאַנץ אייראָפּע און איז אימפּאָרטירט געוואָרען אויך אין אַמעריקע. דאָס איז געווען אַ דראַמע אָהן לייב און לעבען, אַ דראַמע, אין וועלכער מענשען האָבען זיך באַוועגט און גערעדט ווי פּופּעס אויף פּרוזשינעס, וואו די מענשען האָבען אויסגעזעהן ווי שדים און די בינע האָט אויסגעוויזען ווי אַ משוגעים־הויז. ווי עס ווייזט אויס, האָט דער משוגע'נער טעאַטער אַפּעלירט צו דער צעטומעלטער שטימונג, וואָס האָט דעמאָלט באַהערשט די יוגענט, און איז דערפאַר געווען אַ גרויסער ערפאָלג. די מערסטע קריטיקער זיינען באַאיינפלוסט געוואָרען פון דעם פּאָפּולערען אָפּרוף, און האָבען געגעבען זייער הסכמה, אַז דער נייער טעאַטער איז אַ „נייע דערגרייכונג“ אין דער דראַמאַטישער קונסט.

אַב. קאַהאַן איז געווען איינער פון די גאָר ווינציגע, וואָס האָט געהאַט דעם מוט צו זאָגען דעם אמת וועגען דעם נייעם טעאַטער. ער האָט פון איהם פשוט חוזק געמאַכט. די מענעדזשערס האָבען זיין מיינונג איגנאָרירט און זיינען ווייטער אָנגעגאַנגען מיט דער משוגעת, ביז ס'איז געקומען דער אומפאַרמיידליכער מאָמענט, ווען דער עולם האָט זיך אויסגעריבען די אויגען און דערזעהן, אַז מען האָט איהם געמאַכט צום נאַר. היינט וואָלט זיך אַ קריטיקער געשעמט צו זאָגען אַ גוט וואָרט וועגען יענע פּיעסען און יענע אויפפירונגען.

* * *

אין טעאַטער־קרייזען און אין די ליטעראַרישע קיבעצאַרניעס פלעגען זיך אַמאָל אַרומטראָגען לעגענדעס, אַז אַב. קאַהאַן ערלויבט ניט קיין אַנדערען אין דער רעדאַקציע צו שרייבען וועגען טעאַטער; אַז ער האַלט דעם טעאַטער פאַר זיין פערזענליכען מאָנאָפּאָל. דאָס איז פאַלש. איך גלויב, אַז אין „פאָרווערטס“ האָבען זיך מעהר רעדאַקציע־מיטגלידער באַטייליגט אין דער טעאַטער־אָפּטיילונג, ווי אין די אַנדערע אידישע צייטונגען. איך ווייס פון מיין אייגענער

ערפאַהרונג, אַז אַב. קאַהאַן האָט זיך יאָהרען־לאַנג געוואָלט באַ־פרייען אין גאַנצען פון רעצענזירען פּיעסען; נאָר די טעאַטער־מענעדזשערס און די סטאַרס האָבען איהם ניט געלאָזען. זיי האָבען עס באַטראַכט פאַר אַ באַליידיגונג, אויב קאַהאַן האָט וועגען זייער פּיעסע ניט געשריבען און איבערגעגעבען די אויפגאַבע צו אַן אַנדערען פון סטעף. זיי פלעגען אַפּעלירען צו איהם פּערזענליך ער זאָל זיי ניט „איגנאָרירען”. אַפילו ווען זיי זיינען געווען זיכער, אַז עס וועט איהם די פּיעסע ניט געפעלען, האָבען זיי אַלץ געוואָלט, אַז נאָר ער זאָל שרייבען. און ניט אַלע מאָל האָט ער דעם פאַרלאַנג געקענט אָפּזאָגען.

דערביי איז אינטערעסאַנט דער פאָלגענדער עפּיזאָד, וועלכער האָט פּאַסירט טאַקע אין די יאָהרען פון דעם „נייעם, משוגע׳נעם טעאַטער”. אַב. קאַהאַנ׳ען איז איינגעפאַלען אויסצופּרובירען אָל־גינ׳ען, אפשר וועט ער טויגען פאַר אַ טעאַטער־קריטיקער. אָלגין איז אַליין געווען אַ האַלבער ליטעראַט און פלעגט שרייבען וועגען „נייער ליטעראַטור” אין דער „נייער וועלט”. האָט קאַהאַן געבעטען אָלגינ׳ען, אַז ער זאָל געהן צו אַ פאָרשטעלונג און אָנשרייבען אַ רעצענזיע. מיט עטליכע טעג שפּעטער, ווען דער אַרטיקעל איז ערשינען אויף דער טעאַטער־פּעידזש, איז אונז אַלעמען אין דער רעדאַקציע פינסטער געוואָרען אין די אויגען. דער גאַנצער אַר־טיקעל איז געווען געווידמעט צו אַ דריט־ראַנגיגער אַקטריסע, וועמען אָלגין האָט געשילדערט ווי אַ צווייטע סאַראַה בערנאַרד (ווען אָלגין האָט זיך צעיאַכמערט האָט ער ניט געוואוסט קיין גרענעץ). עס פאַרשטעהט זיך, אַז דער ערשטער אַרטיקעל זיינער אַלס טעאַטער־קריטיקער אין „פאָרווערטס” איז אויך געווען דער לעצטער.

עס זיינען געווען פאַלען, ווען אַב. קאַהאַן האָט געבעטען אַן אַנדערען צו שרייבען וועגען אַ פּיעסע, וויסענדיג, אַז יענער האָט אַן אַנדער מיינונג ווי ער. עס זיינען אויך געווען פאַלען, ווען קאַהאַן איז געגאַנגען זעהן אַ פּיעסע נאָכדעם ווי אַן אַנדערער האָט שוין געהאַט רעצענזירט די פּיעסע. און צי ער האָט איינגעשטימט מיט דער רעצענזיע, צי ניט, האָט ער אַליין וועגען דער פּיעסע ניט געשריבען.

קאַפּיטעל פערצעהן

דר. איסר גינזבורג

נאָך איידער איך האָב זיך באַקענט פערזענליך מיט דר. א. גינזבורג האָב איך געהערט וועגען זיין שאַרפער פעדער און, נאָך שאַרפערער צונג. אין די ליטעראַרישע קאַפּעס, וואו ער פלעגט זיין אַן אָפטער גאַסט, האָט מען געהאַט מורא זיך צו פאַרטשעפּען מיט איהם: דער וואָס האָט געוואַגט איינמאָל, האָט פאַרזאָגט אַ צענטען דאָס נישט צו טאָן אַ צווייטען מאָל. עס איז דאַמאָלסט געווען אנ־גענומען, אַז אפילו ש. יאַנאָווסקי, דער אַנערקענטער „קעניג" פון אַלע קיבעצער און סאַטיריקער, האָט זיך קאָנטראָלירט ווען דר. גינזבורג איז געזעסען ביי זיין טישעל.

נאָך עפּעס האָב איך געהערט וועגען דר. גינזבורג, אַז ער איז גענייגט צום אַנאַרכיזם. ער פלעגט שרייבען אין דער „פרייער אַר־בייטער שטימע" און אין אַנדערע אַנאַרכיסטישע שריפטען פון יענער צייט. אויסער דעם האָט ער געצעהלט צווישען זיינע איג־טימסטע פריינד דעם דערמאָנטען ש. יאַנאָווסקי, דער רבי פון די אַנאַרכיסטען, און עטליכע דאָקטוירים און פראָפעסיאָנאַלען, וועל־כע האָבען זיך געטוליעט צו דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג.

אין די שפּעטערדיגע יאָהרען, ווען דר. גינזבורג איז געוואָרען אַ שטענדיגער מיטגליד פון דער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע און איך האָב געהאַט די געלעגענהייט צו ווערען מיט איהם באַפריינדעט, האָב איך אויסגעפונען אַז די ביידע קלאַנגען וועגען איהם זיינען ניט ריכטיג, אָדער, בעסער געזאָגט, בלויז האַלב ריכטיג.

עס איז אמת, אַז ער האָט געהאַט אַ שטעכיגע פעדער, ער

פלעגט אַפילו זיך אונטערשרייבן „דער שטעכיגער" אויף זיינע פעליעטאָנען. עס איז אויך אמת, אַז ביי די טישלער אין די ליטע־ראַרישע קאַפעס פלעגט דער עולם שטאַרק הנאָה האָבן פון זיינע בליציגע און שטעכיגע ווערטלעך. אָבער עס וואָלט געווען פאַלש צו מיינען, אַז אימיצער האָט זיך פאַר גינזבורג'ן געשראָקען, אַז ער איז געווען „אַ איד אַ גזלן", ווי מאַנכע האָבן זיך אויסגעדריקט. די שרייבערישע וועלט האָט געקענט דר. גינזבורג'ן פאַר אַ מענש מיט אַ גאָלדענער הארץ, פאַר אַ מענשן מיט דער ריינסטער עטיק סיי אַלס דאָקטאָר, און סיי אַלס שרייבער. אין יענע יאָהרען, ווען שרייבער האָבן געמאַכט אַן אָרימען לעבען און ווען אַ סך פון זיי האָבן גאָר קיין לעבען ניט געמאַכט, האָט דר. גינזבורג זיי באַ־פרייט פון דער שווערסטער זאָרג פון אַלע — די זאָרג פון „דאָקטאָר און מעדיצין". ער פלעגט זיך שלעפּן צופוס אין ווייטע גאַסען, אויף הויכע עטאַזשען, צו אַ קראַנקען שרייבער אָדער צו אַ קראַנקען אין אַ שרייבער'ס פאַמיליע. עס פאַרשטעהט זיך, אַז קיין געלט האָט ער פאַר דעם ניט באַקומען. אַפילו אין די שפּעטערדיגע יאָהרען, ווען די מאַטעריעלע לאַגע פון די שרייבער האָט זיך אַ סך פאַרבעסערט, און אַ סך פון זיי האָבן גוט פאַר־דינט, האָט גינזבורג פילע פון זיי געהיילט אומזיסט. ער האָט צו שרייבער זיך באַצויגען ווי צו נאָהענטע קרובים, ווי צו מיט־גלידער פון זיין אייגענער פאַמיליע.

זעהר אָפט פלעגט דר. גינזבורג מאַכען אין דער שטיל אַ „קאָ־לעקשאָן" פאַר אַ נויטבאַדערפטיגען שרייבער. ער פלעגט אויס־שטעלען אַ צעטעל פון די מענשען, וואָס האָבען, נאָך זיין מיינונג געדאַרפט ביישטייערען צו דעם קאָלעקשאָן, און אויך די סומע וואָס ער ערוואַרטעט פון יעדען פון זיי. און ער פלעגט זיך צו זיי ווענדען פערזענליך. ער האָט ניט אויסגעזאָגט פאַר וועמען דער קאָלעקשאָן איז; און קיינער האָט איהם ניט געפרעגט. איך גלויב ניט, אַז עס האָט ווען־עס־איז פאַסירט, אַז אימיצער זאָל איהם אָפּזאָגען. עטליכע מאָל האָב איך איהם געהערט זיך באַרימען, אַז דער קאָלעקשאָן האָט אַריינגעטראָגען מעהר ווי ער האָט ער־וואַרטעט.

דער קלאַנג וועגן אַנאַרכיזם איז אויך געווען אַ האַלבער אמת. דער קלאַנג איז געבאָרען געוואָרען אין די יאָהרען, ווען צווישען כאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען איז אָנגעגאַנגען אַ ביטערע מלחמה, ספּעציעל אין זייערע צייטונגען. אַזוי ווי דר. גינזבורג פלעגט דרוקען אַרטיקלען אין דער אַנאַרכיסטישער פּרעסע, האָט עס איהם אין די אויגען פון עולם אַוועקגעשטעלט אין דעם אַנאַרכיסטישען לאַגער. ער האָט אָבער דעם אַנאַרכיסטישען געדאַנק ניט פאַר־טיידיגט. ער איז ניט געווען קיין אַנאַרכיסט אין זיינע אנשויאונגען וועגען פּאָליטיק און וועגען עקאָנאָמישע איינריכטונגען.

אין פילע געשפּרעכען, וואָס איך האָב מיט איהם געהאַט אין די שפּעטערדיגע יאָהרען, האָט ער געלייקענט אַז ער איז געווען אַן אַנאַרכיסט. וואָס זיין פּאָליטישע פילאָזאָפיע איז געווען, ווייס איך ניט. מיין איינדרוק איז, אַז ער איז געשטאַנען ניט אויף דער לינקער, נאָר אויף דער רעכטער זייט פון סאָציאַליזם. איך דרינג עס דערפון, וואָס ער פלעגט רעדען מיט באַגייסטערונג וועגען וויליאַם דזשענינגס בראַיען, און איך בין חושד אַז ער האָט גע־שטימט פאַר איהם אין 1908. בראַיען איז דאַמאָלסט געלאָפען אויף אַ ראַדיקאַלער פּלאַטפאָרמע און איז פון די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסען באַטראַכט געוואָרען פאַר אַ „רעוואָלוציאָנער“. פון סאָ־ציאַליזם איז בראַיען געווען גאַנץ ווייט.

אין דער „פאָרווערטס“־רעדאַקציע איז דר. גינזבורג איינגע־לאַדען געוואָרען ניט צוליב זיין ראַדיקאַליזם, נאָר צוליב זיין אידישקייט און אויך צוליב זיינע וויסענשאַפטליכע קענטעניסען. די טעמעס פון זיינע אַרטיקלען זיינען געווען אַממייסטענס אידישע און וויסענשאַפטליכע. און כמעט אַלץ, וואָס ער האָט געשריבען, האָט געהאַט אַ פּערמאַנענטען ווערט. די טעמע פלעגט ער נעמען פון אַ טאָג־פּאַסירונג; ער פלעגט זי אָבער אויסנוצען צו שרייבען אַן אָפּהאַנדלונג פון אַלגעמיינעם, פּערמאַנענטען אידישען אָדער וויסענשאַפטליכען אינטערעס. דער פאַקט איז, אַז אין די עטליכע יאָהר וואָס דר. גינזבורג איז געווען קראַנק און האָט ניט געקענט שריי־בען, האָט דער „פאָרווערטס“ איבערגעדרוקט אַ סך פון זיינע

אַלטע אַרטיקלען, וועלכע האָבן געקלונגען פריש און ניי, אַזוי ווי זיי וואָלטען ערשט אַרויס פון אונטער זיין פעדער. עס איז בלויז נויטיג געווען צו מאַכען קליינע ענדערונגען דאָ און דאָרט — ענדערונגען וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שייכות צום עצם אינ־האַלט פון די אַרטיקלען. איידער ער איז קראַנק געוואָרען, האָט אַ פאָרשטעהער פון דעם בזשאָזע־פאַרלאַג אין וואַרשע אונטערהאַנ־דעלט מיט דר. גינזבורג וועגען אַרויסגעבען אַ באַנד אָדער מעהר פון זיינע „פאָרווערטס" אַרטיקלען. דער פאָרשטעהער איז אָפּגע־פאָרען פון אַמעריקע מיט אַ פּאַק פון די אָפּגעקליבענע אַרטיקלען, וועלכע גינזבורג האָט צוגעגרייט צום דרוק. קורץ נאָכדעם איז אָבער געקומען די מלחמה און די היטלער־קאַטאַסטראָפע און דער בזשאָזע־פאַרלאַג איז פאַרניכטעט געוואָרען.

אין די יאָהרען וואָס דר. גינזבורג איז געווען פאַרבונדען מיט'ן „פאָרווערטס", האָט ער אין דער צייטונג אָפּגעדרוקט עטליכע ווערק, וואָס וועלען בלייבען קלאַסיש אין דער ליטעראַטור פון אידישער קולטור־געשיכטע. איך האָב אין זינען, פאַרשטעהט זיך, זיין „אַנט־שטעהונג פון קריסטענטום" און זיינע דריי בענדער: „אידישע דענ־קער און דיכטער פון מיטעלאַלטער". אין די ווערק האָט דר. גינזבורג פאַרקערפּערט ניט בלויז זיינע גרויסע קענטענישען, זיין גרויסע לומדות, נאָר אויך זיין טיפע ליבע צו אידען און אידיש־קייט. פון אַלץ וואָס דר. גינזבורג האָט געשריבען האָט אַרויסגע־שיינט זיין אידישע נשמה, זיין אידיש האַרץ. ער איז געווען שטאָלץ אויף זיין אידישקייט; ער האָט ליב געהאַט אַלץ וואָס איז אידיש. און די ליבע און דער שטאָלץ האָבן איהם געהאַלטען צוגעבונדען צו דער אידישער קולטור פון אַלע צייטען און פון אַלע שאַטירונגען. ער האָט כסדר געלערענט און זיך געגריבעלט אין אידישע ספרים, אַלטע און נייע. עס האָט איהם פאַרשאַפט דעם גרעסטען פאַר־געניגען וועגען דעם צו שרייבען און וועגען דעם צו ריידען. אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען, ווען ער איז געווען צוגעבונדען צום בעט און איך פלעג איהם קומען מבקר־חולה זיין, פלעגט ער ליב האָבן צו בלעטערען דעם תנ"ך אָדער אַנדערע ספרים פון זיין אַלמער און אָנווייזען אויף פסוקים און מאמרים וועגען דער הויכ־

קייט פון דער אידישער מאָראַל אָדער די שעהנקייט פון דער אי־דישער געשיכטע.

אין זיינע איבערצייגונגען און אין זיין באַציהונג צו מענשען האָט זיך דר. גינזבורג זעלטען געענדערט. ער איז געווען אַ סענסיטיווער מענש און פאַר דער מינדעסטער באַליידיגונג פלעגט ער קענען ווערען ברוגז און זיך אַרויסכאַפּען מיט אַ שאַרפען וואָרט. אין סך־הכל אָבער האָט ער געמאַכט זעהר ווייניג ענדערונגען אין דעם קרייז פון אינטימע פריינד. דער קרייז איז באַשטאַנען הויפּט־זעכליך פון שרייבער און דאָקטוירים, וועלכע זיינען געווען ווי ער צוגעבונדען צו אידישקייט. די פריינד האָבען געוואוסט ווי איהם צו שעצען און ער האָט געשעצט זייער באַציהונג צו איהם. ער איז געווען זעהר אַן אויפריכטיגער מענש און יעדערער, וואָס איז געקומען מיט איהם אין באַריהרונג, האָט לייכט געקענט וויסען ווי ער פיהלט און וואָס ער טראַכט וועגען איהם.

מערקווירדיג איז געווען די באַציהונג צווישען איהם און שלום אַש. זייער פריינדשאַפט האָט זיך אָנגעהויבען גלייך ווי זיי האָבען זיך באַקענט, ווען שלום אַש איז צום ערשטען מאָל געקומען קיין אַמעריקע. זיי האָבען איינער דעם אַנדערען געאַכטעט און באַוואונ־דערט. דאַן איז געשעהן די געשיכטע מיט אַש'ס „מאַן פון נצרת" (דהי נאַזאַרין). נאָכדעם ווי אַב. קאַהאַן האָט דורכגעלייענט דעם מאַנוסקריפּט, האָט ער געבעטען דר. גינזבורג'ן, ער זאָל זאָגען זיין מיינונג, צי דער „פאָרווערטס" קען דעם בוך דרוקען. אַב. קאַהאַן האָט אויסגעקליבען גינזבורג'ן פאַר זיין ראַטגעבער צוליב עטליכע אורזאַכען. ערשטענס, איז גינזבורג געווען אַן עקספּערט אין דער געשיכטע פון קריסטענטום; ער האָט אַליין געשריבען אַ ווערק אויף דער טעמע. צווייטענס, איז גינזבורג געווען אַ „גוטער איד" און האָט אינסטינקטיוו געוואוסט, ווי אידען וועלען פיהלען וועגען אַ בוך וואָס שטעלט פאַר יעזוס'ען ווי אַ גאָט. און דריטענס איז גינזבורג געווען אַן איבערגעגעבענער פריינד פון שלום אַש און קיינער וואָלט איהם ניט געקענט חושד זיין אין פערזענליכען פאָר־אורטייל, אויב זיין פסק וואָלט געווען אומגינסטיג צו אַש'ן.

דר. גינזבורג האָט ניט נאָר געראַטען קאַהאַנ׳ען ער זאָל דעם בוך ניט דרוקען אין „פאָרווערטס״, ער האָט אויך געפּרובירט וויר־קען אויף אַש׳ן, ער זאָל דעם בוך אינגאַנצען צוריקציהען פון דרוק. אַש האָט, פאַרשטעהט זיך, ניט געפאָלגט גינזבורג׳ס עצה און דער בוך איז אַרויס אין אַן ענגלישער איבערזעצונג און שפּעטער איז ער אויך אַרויס אין אידישען אָריגינאַל. אין דער גרויסער מחלוקה, וואָס האָט זיך אַנטוויקעלט איבער דער געשיכטע האָט גינזבורג עפענטליך קיין אָנטייל ניט גענומען. אָבער אַש און אַלע אַנדערע, וואָס זיינען אין דער דעבאַטע געווען פאַרוויקעלט, האָבען געוואוסט וואָס גינזבורג׳ס שטעלונג איז; זיי האָבען אויך געוואוסט, אַז ער האָט דער ערשטער גע׳פּסל׳ט דעם בוך.

דאָך האָט עס ניט געשטערט דער אַלטער פריינדשאַפט צווישען זיי ביידען. דר. גינזבורג איז קורץ נאָכדעם קראַנק געוואָרען און אַש פלעגט איהם קומען באַזוכען יעדעס מאָל וואָס ער איז געווען אין ניו יאָרק. ער פלעגט איהם אויך שרייבען בריף, ווען ער פלעגט פאַרלאָזען די שטאָט. דר. גינזבורג פלעגט געפינען אַ זכות אויף אַש׳ען, אַז ער האָט אַ סך געלערענט און געפאָרשט איידער ער האָט דעם בוך געשריבען, אַז דאָס בוך איז צום ווייניגסטענס ניט קיין עם־הארצות׳דיג ווערק.

מיין פערזענליכער איינדרוק איז, אַז דר. גינזבורג האָט טיף אין האַרצען געפיהלט דאַנקבאַרקייט צו שלום אַש׳ן פאַר דעם, וואָס ער איז פאַרבליבען זיין פריינד, טראָץ דער געשיכטע מיט דעם „נאַזאַרין״. כמעט יעדעס מאָל, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו רעדען מיט דר. גינזבורג וועגען אַש׳ן האָט ער דערמאָנט מיט אַנטציקונג וועגען אַש׳ס אַ באַזוך צו איהם.

פאַסירט האָט עס אין אַ טאָג, ווען דר. גינזבורג האָט געלי־טען אַ שווערע אַטאַקע און מען האָט געמוזט רופען אַן אַמבולאַנס איהם אָפּצופירען אין האָספּיטאַל. שלום אַש איז אָנגעקומען פונקט דאַן, ווען מען האָט גינזבורג׳ן אַרויסגעטראָגען פון הויז. אַש איז אַריינגעשפּרונגען אין אַמבולאַנס און מיטגעפאָרען מיט גינזבורג׳ן

אין האָספּיטאַל און איז געווען מיט איהם אַזוי לאַנג ווי די דאָק־טוירים האָבען איהם ערלויבט.

די אימפּולסיווע מאַניפעסטאַציע פון פריינדשאַפט האָט געמאַכט אַ געוואַלדיגען איינדרוק אויף דר. גינזבורג׳ן. ער האָט עס ניט געקענט פאַרגעסען און האָט עס, ווי געזאָגט, איבערדערצעהלט ביי יעדער געלעגענהייט. איך האָב עס פון איהם געהערט וועניגסטענס אַמאָל צען.

* * *

כאַראַקטעריסטיש איז אויך געווען די באַציהונג פון דר. גינז־בורג צו א. ליטוואַק. א. ליטוואַק איז געווען איינער פון די פיהרענ־דע גייסטער אין דעם „בונד" און דר. גינזבורג איז געווען אַ פאַר־ביסענער געגנער פון „בונד". זיין געגנערשאַפט צום „בונד" האָט געשטאַמט אַם מייסטענס פון דעם וואָס דער „בונד" האָט געהאַט אַ פיינטליכע שטעלונג צום ציוניזם און צום געדאַנק פון אַ אידישער מלוכה אין ארץ־ישראל. דר. גינזבורג האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין גוט וואָרט וועגען „בונד" און וועגען בונדיסטען. איך גלויב, אַז ער האָט אין זיי אַריינגעשאָסען מעהר פון זיינע גיפטיגע, סאַטי־רישע פיילען ווי אין אַלע אַנדערע באַוועגונגען און פערזענליכקייטען וואָס ער האָט פיינט געהאַט.

און דאָך האָט ער געהאַט אַ געוואַלדיגען רעספּעקט צו א. ליט־וואַק און איז איהם געווען אַ וואַרימער פריינד. זיי פלעגען זיך זעהן אָפט און פאַרברייגגען. איך גלויב, אַז ליטוואַק האָט געהאַט די זעלבע פריינדלעכע געפיהלען צו דר. גינזבורג.

דר. גינזבורג׳ס רעספּעקט און פריינדשאַפט צו ליטוואַק׳ען האָט געשטאַמט פון דעם וואָס ליטוואַק האָט ליב געהאַט אידישע קולטור און „אידישקייט" אויף דעם זעלבען אופן ווי גינזבורג. גינזבורג האָט אין ליטוואַק׳ען געזעהן אַ קאָלעגע, אַ חבר אין אידישער לומדות. כ׳געדענק, אַז דר. גינזבורג האָט דערצעהלט וועגען ליט־וואַק׳ען אַ מעשה׳לע, וואָס ער האָט ליב געהאַט איבערצו׳חזר׳ען

אָפּט. ווען ליטוואַק איז געלעגען אין האָספּיטאל מיט דער קראַנק־הייט, פון וועלכער ער איז געשטאָרבען, פלעגט דר. גינזבורג איהם קומען אָפּט זעהן. איינמאָל האָט ליטוואַק געבעטען דר. גינזבורג׳ען, ער זאָל איהם ברענגען אַ „ספר״ צו לייענען און ער האָט באַטאָנט: „אַ ספר, ניט אַ בוך״. ליטוואַק האָט געוואוסט, אַז זיינע טעג זיינען געצעהלטע און ער האָט געוואָלט פאַרברענגען די לעצטע שטונדען אין דער געזעלשאַפט פון הייליגע אידען. אין דעם פאַרלאַנג האָט דר. גינזבורג געזעהן די אָפּשפּיגלונג פון ליטוואַק׳ס אמת־אידישער נשמה.

קאַפּיטעל פופצעהן

רעדאַקטאָרען פון פאַרשידענע אָפּטיילונגען

אין דער איצטיגער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס" זיינען פאַראַן אַ צאָהל מיטגלידער וואָס טראָגען דעם טיטול „רעדאַקטאָר". אויסער דעם הויפּט־רעדאַקטאָר איז דאָ אַ מענעדזשינג־עדיטאָר (פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר), אַ סיטי עדיטאָר (נייעס־רעדאַקטאָר), אַ לעיבאָר עדיטאָר (רעדאַקטאָר פון דער אַרבייטער־אָפּטיילונג), אַ דראַמאַטיק עדיטאָר (רעדאַקטאָר פון טעאַטער־אָפּטיילונג) און אַנדערע. ביז מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק האָבען מיר אויך געהאַט אַ „זונטאָג רעדאַקטאָר", וועלכער האָט רעדאַקטירט די זונטאָג־אויסגאַבע. איצט איז דער אַמט אָפּגעשאַפט. מיר האָבען אָבער יע אַ ספּעציעלען רעדאַקטאָר פאַר דער זונטאָגדיגער קונסט־ביילאַגע און אויך אַ ספּעציעלען רעדאַקטאָר פון „שטיף־קינד", די הומאָריסטישע פּעידזש פון דעם זונטאָג־נומער.

די סיסטעם פון האָבען באַזונדערע רעדאַקטאָרען פאַר די פאַרשידענע אָפּטיילונגען פון דער צייטונג האָט דער „פאָרווערטס", אַזוי ווי די אַנדערע אידישע צייטונגען, איבערגענומען פון דער ענגלישער פּרעסע. ווען איך בין אַנגעקומען אין „פאָרווערטס" מיט איבער פערציג יאָהר צוריק, האָט מען פון דעם ניט געוואוסט. אויסער דעם הויפּט־רעדאַקטאָר אב. קאַהאַן איז דאַמאָלסט געווען בלויז איינער אין דער רעדאַקציע וואָס האָט געטראָגען דעם טיטול „רעדאַקטאָר", דאָס איז געווען דער „סיטי עדיטאָר", וועלכער האָט געהאַט די אויפזיכט איבער די נייעס פּעידזשעס. די אַלע איבעריגע „רעדאַקטאָרען" זיינען געשאַפען געוואָרען אין די שפּעטערדיגע יאָהרען, ניט מיט אַמאָל נאָר איינציגווייז.

צווישען די אַלע רעדאַקטאָרישע אַמטען וואָס איך האָב פריהער אויסגערעכענט זיינען די שווערסטע און די אומדאַנקבאַרסטע די אַמטען פון „סיטי עדיטאָר" און „לעיבאָר עדיטאָר". פון אויבען אויף קען זיך דאַכטען, אַז דער מענעדזשינג עדיטאָר, זייענדיג נאָהענט צום הויפּט־רעדאַקטאָר האָט אַ שווערערען דזשאַב ווי זיי. עס איז אָבער ניט אַזוי. די אויפגאַבע פון מענעדזשינג עדיטאָר איז אויס־צופלאַנעווען דעם אינהאַלט פון דער צייטונג, צו באַשטימען די טעמאַס פון די אַרטיקלען און וועלכע מיטאַרבייטער עס זאָלען שרייבען די אַרטיקלען. ער דאַרף אויך מאַכען די קעפּלאַך איבער די אַרטיקלען, זיי אויסשטעלען אין די פּעידזשעס. ער מוז אָפּ־היטען די פּאָליסי פון דער צייטונג און אַכטונג געבען, אַז זי זאָל ניט פאַרלעצט ווערען פון די שרייבער. מיט איין וואָרט, אין זיינע הענט איז איינפאַרטרויט סיי דער פיזישער און סיי דער גייסטיגער פּנים פון דער צייטונג, סיי איהר קערפּער און סיי איהר נשמה. דאָס איז אַ געוואַלדיגע פאַראַנטוואָרטליכקייט, קיין גרעסערע, דאַכט זיך, קען גאָר ניט זיין.

דאָס איז אַלץ אמת. אָבער טראָץ דעם איז דער מענעדזשינג־עדיטאָר אין אַ גרינגערער לאַגע ווי די אַנדערע צוויי „עדיטאָרס", ווי דער „סיטי" און „לעיבאָר" עדיטאָר, און אָט פאַרוואָס: דער מענעדזשינג עדיטאָר טוט זיין אַרבייט אונטער אומשטענדען וואָס גיבען איהם די מעגליכקייט צו טראַכטען רוהיג, צו איבערלעגען זיך. אין פאַל פון אַ שווערער פּראָבלעם, קען ער זיך באַראַטען מיט אַנדערע אָדער פאָרלעגען די פראַגע פאַר'ן הויפּט־רעדאַקטאָר. דער „סיטי עדיטאָר" און דער „לעיבאָר עדיטאָר" זיינען אָפט גע־צוואונגען צו מאַכען געאיילטע ענטשיידונגען, נעמען אויף זיך, שטעלען אויף דער אייגענער מיינונג. און מען דאַרף זיין אַ מלאך ניט צו מאַכען קיין פעלערען, אַרבייטענדיג אונטער אַזוינע אומשטענדען.

דערמיט ערקלעהרט זיך, וואָס אין דער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע היינט, זיינען פאַראַן אַ צענדליג געוועזענע סיטי עדיטאָרס און געוועזענע לעיבאָר עדיטאָרס. עס איז פּשוט שווער געווען פאַר אַ שרייבער צו האַלטען דעם דזשאַב מעהר ווי עטליכע יאָהר.

איך אַליין בין טאַקע איינער פון די „געוועזענע" אין ביידע

אַמטען. אַלס סיטי עדיטאָר האָב איך געאַרבייט אַ יאָהר פינף. לעיבאָר עדיטאָר בין איך ניט געווען אָפיציעל, אָבער איך האָב אַ צייט לאַנג געטאָן די אַרבייט פון אַ לעיבאָר עדיטאָר. אין יענע יאָהרען זיינען דיביידע דזשאָבס געווען אַ סך שווערער ווי זיי זיינען היינט, צוליב פאַרשידענע אורזאַכען. די הויפּט־אורזאַכע איז געווען, וואָס עס איז געווען כמעט אוממעגליך צו טאָן די אַרבייט אַזוי, אַז אַב. קאַהאַן זאָל זיין פולשטענדיג צופרידען.

ווי אַזוי דער אַמט פון לעיבאָר־עדיטאָר איז געשאַפען געוואָרען איז מיר ניט באַקאַנט. אין די ערשטע יאָהרען פון מיין מיטגלידער־שאַפט אין דער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע איז אַזאַ אַמט ניט געווען. אַרבייטער נייעס און נייעס פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי און פון אַנדערע צווייגען פון דער באַוועגונג פלעגען געבראַכט ווערען פון די פאָרשטעהער פון די אָרגאַניזאַציעס און איבערגעשריבען גע־וואָרען אין דער רעדאַקציע. וויכטיגע געשעהענישען, ווי צום ביישפּיל סטרייקס, קאָנווענשאָנס, קאַמפּעינס, פלעגען „געדעקט ווערען" פון פאַרשידענע שרייבער ווען דער רעדאַקטאָר פלעגט באַשטימען פאַר דעם באַטרעפענדען דזשאָב. אַזוי איז אויף מיין גורל אויסגעפאַלען צו „דעקען" די היסטאָרישע קאָנווענשאָן פון די שניי־דער, אין נעשוויל, אין יאָהר 1914, וואו די אַמאַלגאַמייטעד איז געגרינדעט געוואָרען. אויף מיין גורל איז אויך אויסגעפאַלען צו דעקען די דראַמאַטישע מלחמה צווישען מייער לאָנדאָן און פּראָ־פעסאָר יצחק אייזיק הורוויטש, איבער דעם פּראָטאָקאָל פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן. איך פלעג אויך שרייבען אָפט אַרטיקלען איבער די פּראָבלעמען פון די פאַרשידענע יוניאָנס און איבער אַרבייטער־פראַגען אין אַלגעמיין. ענליכעס האָבען געטאָן אַנדערע מיטגלידער פון דער רעדאַקציע, אַריינרעכענענדיג די הויפּט־קעפּ, ווי אַב. קאַהאַן, ב. פייגענבוים און אַנדערע.

איך רעד דאָ וועגען די יאָהרען פון 1910 ביז 1915, די דראַמאַ־טישסטע, שטורעמדיגסטע און קריטישסטע יאָהרען אין דער גע־שיכטע פון דער אידישער אַרבייטער־באַוועגונג. אין יענע יאָהרען זיינען פאָרגעקומען די פאַרצווייפעלטסטע און ביטערסטע סטרייקס, דורך וועלכע די צוויי גרויסע יוניאָנס, די אינטערנעשאָנעל און

אַמאַלגאַמעיטעד, האָבען ענדליך געשאַפען אַ פעסטען באָדען אונ־
טער זייערע פיס. אין יענע יאָהרען האָט אויך די סאָציאַליסטישע
פּאַרטיי אָנגעפירט איהרע היסטאָרישע קאַמפּעינס אין אַלע אידישע
קוואַרטאַלען, וועלכע האָבען צוגעגרייט דעם באָדען פאַר איהרע
גרויסע זיגען אין די נעקסטע צען יאָהר. און עס פאַרשטעהט זיך,
אַז דער „פאָרווערטס" האָט אין דעם אַלעם געשפּילט די הויפּט־
ראָלע. קיין שריט איז ניט געמאַכט געוואָרען אָהן דעם „פאָר־
ווערטס", קיין קאַמף איז ניט אונטערגענומען געוואָרען אָהן דעם
„פאָרווערטס", קיין קאַמף איז ניט אונטערגענומען געוואָרען אָהן דעם
וויסען און אָהן באַראַטונגען מיט דעם „פאָרווערטס". אין יעדען
וויכטיגען סטרייק און אין יעדען קאַמפּעין איז דער „פאָרווערטס"
געשטאַנען אין דינסט פון דער יוניאָן אָדער פון דער פּאַרטיי און
געשאַפען פאַר זיי די נויטיגע מאָראַלע שטימונג אין די קעמפּענדע
רייהען און די נויטיגע שטיצע פון דער עפענטליכער מיינונג.

ווי געזאָגט, איז די אַרבייט געטאָן געוואָרען דאַמאָלסט ניט
פון איין לעיבאָר־עדיטאָר, ניט פון איין רעדאַקציאָנס־מיטגליד, וואָס
איז באַשטימט געוואָרען פאַר דער אויפגאַבע, נאָר פון דער גאַנצער
רעדאַקציע. יעדער האָט בייגעשטייערט זיין חלק אויף אַזוי ווייט
ווי זיינע פעהיגקייטען האָבען געגרייכט.

דער ערשטער לעיבאָר־עדיטאָר, וואָס איז געקרוינט געוואָרען
מיט דעם טיטול, איז געווען דר. מאַקס גאָלדפאַרב, וועלכער איז
געקומען קיין אַמעריקע אַלס אַ שליח פון „בונד" פאַר דעם אויסברוך
פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. מאַקס גאָלדפאַרב איז געווען אַ
גלענצענדער רעדנער, אַ מאַסען־אַגיטאַטאָר. ער האָט אויך מיטגע־
בראַכט מיט זיך אַ באַריהמטען נאָמען. טויזענדער אַרבייטער אין די
שעפּער, מיטגלידער פון די יוניאָנס און פון דער פּאַרטיי, האָבען
פון איהם געוואוסט אין זייער אַלטער היים, איידער זיי זיינען אַהער
געקומען און זיי האָבען איהם באַוואונדערט. ער איז אויך געווען
אַ מענש מיט בילדונג, איבערהויפּט אין די געגענשטאַנדען, וואָס
האָבען אַ שייכות מיט דער אַרבייטער באַוועגונג און מיט אַרביי־
טער פּאָליטיק. און אַלס צוגאָב האָט ער געהאַט אַ פעסטען כאַראַק־
טער און פאַרמאָגט אַ ים מיט ענערגיע.

איז דאַמאָלסט געבאָרען געוואָרען אַ געדאַנק, אַז דער „פאָר־ווערטס" זאָל איהם אָנשטעלען אַלס דעם פיהרער פון דער אַרביי־טער און סאָציאַליסטישער אָפּטיילונג אין דער צייטונג. און אַב. קאַהאַנ׳ען איז דער געדאַנק געפעלען געוואָרען. דר. מאַקס גאָלדפאַרב האָט דעם פאָסטען פון לעיבאָר־עדיטאָר אין „פאָרווערטס" פאַר־נומען אַן ערך צוויי יאָהר, פון אָנהויב 1915 ביז נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע פון 1917 אין רוסלאַנד. (באַלד נאָך דער רעוואָלוציע איז ער צוריקגעפאָרען קיין רוסלאַנד, געוואָרען אַ מיליטערישער באַ־אַמטער ביי די באָלשעוויקעס און ענדע ליקווידירט געוואָרען אַלס טראָצקיסט.)

אַ שרייבער איז גאָלדפאַרב געווען אַ שוואַכער. זיין שפראַך איז געווען צו שווער פאַר דעם דורכשניטליכען צייטונגס־לעזער. איהם האָט אויך געפעהלט אַמעריקאַנער וויסען און פאַרשטענדניש פאַר אַמעריקאַנער אינסטיטוציעס און איינריכטונגען. ביי אַן אַנדער שרייבער וואָלט קאַהאַן די פעהלערען ניט געדולדעט. ביי גאָלדפאַרב׳ן האָט ער זיי פאַרקוקט. דאָס קען ערקלעהרט ווערען דערמיט וואָס קאַהאַן האָט ניט באַטראַכט גאָלדפאַרב׳ן ווי אַ שרייבער, נאָר ווי אַ „פאָרשטעהער" פון דער רעדאַקציע. גאָלדפאַרב האָט געדאַרפט דינען ווי אַן אַמבאַסאַדאָר פון „פאָרווערטס" אין די יוניאָנס, איבער־הויפּט אין די גרויסע יוניאָנס, וועלכע האָבען זיך דאַמאָלסט אָנ־געהויבען צו אָרגאַניזירען ווי רעגירונגען, מיט פּרעזידענטען און קאַבינעטען. גאָלדפאַרב האָט די אויפגאַבע, ווייזט אויס, גוט דורכ־געפירט. איך זאָג, ווייזט אויס, ווייל אין דער צייטונג האָט זיך דאָס ווייניג אָפּגעשפּיגעלט. מיר, אין דער רעדאַקציע, פלעגען אָבער באַקומען באַריכטען פון זייטיגע קוואַלען, אַז גאָלדפאַרב מאַכט אַ „היט" ביי די הויכע באַאַמטע פון די גרויסע יוניאָנס, איבערהויפּט האָט ער אויסגענומען ביי סידני הילמאַן פון דער אַמאַלגאַמעיטעד. (עס איז מערקווירדיג, אַז אָט דער סידני הילמאַן, וועלכער האָט געהאַלטען, אַז די סאָציאַליסטען זיינען פאַנטאַזיאָרען און טרוימער און אַז זייערע טעאָריעס וועגען די אויפגאַבען פון טרעיד־יוניאָנס זיינען דורכאויס פאַלש און שעדליך — אַז גראַדע ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו בונדיסטען. דער בונדיסט סאָלוצקי האָט רעדאַקטירט

די צייטונגען פון דער אַמאַלגאַמעיטעד. און וולאַדעק און גאָלדפאַרב זיינען געפאָרען אויף פּראָפּאַגאַנדע־טורס פאַר דער אָרגאַניזאַציע).

נאָכדעם ווי גאָלדפאַרב האָט פאַרלאָזען די רעדאַקציע, איז דער פּאָסטען פון לעיבאָר־רעדאַקטאָר געבליבען ליידיג. דער פאַרשטאָר־בענער ב. לעוויטין, וועלכער פלעגט אַרויסהעלפען גאָלדפאַרב׳ען, האָט דורכגעפיהרט די רוטינע פליכטען פון דעם דעפּאַרטמענט. אָבער דעם טיטול האָט ער ניט באַקומען. מיט אַ שטיקעל צייט שפּעטער איז אין דער רעדאַקציע אָנגעקומען ה. לאַנג, וועלכער איז געוואָרען דער לעיבאָר־עדיטאָר, אַ גאַנץ אַנדער סאָרט לעיבאָר־עדיטאָר ווי גאָלדפאַרב איז געווען.

ה. לאַנג איז געקומען פון דער אַרבייטער־באַוועגונג. ער איז פריהער געווען פאַרבונדען מיט יוניאָנס וואָס ער האָט געהאָלפען אָרגאַניזירען און פירען. ער איז אויך געווען דורכגעקאָכט מיט אַלץ וואָס עס איז פאָרגעקומען אויף דער אידישער אַרבייטער־גאַס. ער איז אויך געווען אַ באַגאַבטער רעדנער און פעהיגער שרייבער. אין אים האָט דער „פאָרווערטס” געוואונען ניט בלויז אַ פעהיגען שריי־בער, נאָר אויך אַן איבערגעבענעם און לאָיאַלען מיטאַרבייטער. די יאָהרען, וואָס ער האָט אָנגעפיהרט מיט דעם לעיבאָר דעפּאַרטמענט זיינען געווען יאָהרען פון נייע געדאַנקען און נייע שטרעמונגען אין די אַרבייטער באַוועגונגען אין דער גאַנצער וועלט, וועלכע האָבען באַאיינפלוסט אויך די אַמעריקאַנער אַרבייטער־באַוועגונג. אונטער לאַנג׳ס פאַרוואַלטונג איז דער לעיבאָר־דעפּאַרטמענט אויסגעברייטערט געוואָרען און האָט אָפּגעשפּיגעלט ניט בלויז די אידישע, נאָר אויך די אַמעריקאַנער אַרבייטער־באַוועגונג.

קאַפּיטעל זעכצעהן

אידיש און אידישקייט

אין דער פאַמיליע, וואָס רופט זיך „אַמעריקאַנער אידישע אַר־בייטער באַוועגונג” פאַרנעמט דער „פאָרווערטס” דעם אָרט פון אַ פאָטער. פון איהם, אָדער דורך איהם, האָט זיך די באַוועגונג אָנ־געהויבען. די פאַרשיידענע צווייגען פון דער באַוועגונג: די יוניאָנס, דער אַרבייטער־רינג, דער אידישער טייל פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, זיינען געשאַפען געוואָרען מיט זיין כוח. ער האָט זיי גע־נעהרט און געפירט אין זייערע ערשטע יאָהרען. ער האָט זיי גע־שטעלט אויף די פיס און געלערענט ווי צו געהן.

און מיט דער „פאָרווערטס” פאַמיליע האָט פּאַסירט דאָסזעלבע וואָס מיט געוועהנליכע פאַמיליעס. ווען די קינדער זיינען אויסגע־וואקסען, זיינען זיי געוואָרען זעלבסטשטענדיג. יעדערער פון זיי מיט אַן אייגענאַרטיגען פּנים, מיט אינדיווידועלע כאַראַקטער־שטריכען. יעדערער פון זיי האָט זיך פאַרנומען אויף זיין אייגענעם וועג. מאַנכע זיינען פאַרבליבען ווייטער צוגעבונדען צום „פאָרווערטס”, זיך צוגעהערט צו זיינע רייד און געפאָלגט זיינע עצות. אַנדערע זיינען אָפּגעפרעמדט געוואָרען פון איהם, און נאָך אַנדערע האָבען זיך אָפּגעקערט אינגאַנצען און געוואָרען דאָס, וואָס דער חומש רופט — אַ „בן סורר ומורה”. איך האָב אין זינען אַזוינע יוניאָנס, וועלכע זיינען אַוועק צו די קאָמוניסטען.

אַמשטאַרקסטען צוגעבונדען צום „פאָרווערטס” איז דער אַר־בייטער־רינג. מערקווירדיג איז, אַז גראַדע דער צווייג פון דער אידישער באַוועגונג האָט זיך אַמקנאַפּסטען געניטיגט אין הילף פון „פאָרווערטס”, אַפילו דאַמאָלסט ווען ער איז געווען קליין און

שוואַך. זיין צוגעבונדענקייט צום „פאָרווערטס" איז אימער געווען אַ גייסטיגע. די גרינדער פון אַרבייטער רינג און זיינע וויכטיגע טוער זיינען געווען ראַדיקאַלען — די מעהרסטע פון זיי סאָציאַליסטען. דער „פאָרווערטס" איז געווען זייער צייטונג, און די „פאָרווערטס" טעטיגקייטען זיינען געוואָרען אַ טייל פון דעם אַרבייטער רינג'ס פראָגראַם. דער ערשטער סעקרעטאַר פון אַרבייטער רינג, ב. פייגענ־בוים, איז געווען אַ „פאָרווערטס" מיטאַרבייטער. דער פאַרשטאַרבע־נער יוסף באַסקין, וועלכער האָט פאַרנומען דעם פּאָסטען פון סעקרע־טאַר עטליכע צעהנדליג יאָהר, איז געווען אַ מיטגליד פון דער „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאַן און פלעגט אויך שרייבען פאַר דער צייטונג. דאָס זעלבע אויך איז דער איצטיגער סעקרעטאַר, נ. כאַנין. די פרעזידענטען פון אַרבייטער רינג, די אַמאָליגע און דער איצ־טיגער, זיינען כמעט אַלע געווען מיטגלידער פון „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאַן: י. וויינבערג, ר. גוסקין, יעפים ישורין און לעאָן אַרקין.

די קולטור טעטיגקייט פון אַרבייטער רינג איז אין אַ גרויסער מאָס דורכגעפיהרט געוואָרען פון מיטגלידער פון דער „פאָר־ווערטס" רעדאַקציע. זיי זיינען געווען לעקטאָרס ביי די אַרבייטער רינג פאָרומס. זיי האָבען געשריבען אַ סך פון די ביכער, וואָס דער אַרבייטער רינג פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבען.

בלויז אין איין צווייג פון דער אַרבייטער־רינג קולטור־טע־טיגקייט האָט דער „פאָרווערטס" ניט געהאַט אַזאַ חלק ווי ער האָט געדאַרפט האָבען. דאָס איז געווען אין די שולען. פאַר דעם זיינען געווען היסטאָרישע אורזאַכען, אויף וועלכע עס איז כדאי זיך אַביסעל אָפּצושטעלען.

דער געדאַנק פון אידישע שולען איז געווען פרעמד דער אי־דישער אַרבייטער באַוועגונג און אפילו דעם אַרבייטער רינג אין זייערע ערשטע יאָהרען. די אידישע סאָציאַליסטען און די „פאָר־ווערטס" מענשען זיינען אין יענער צייט געווען „אינטערנאַציאָנאַ־ליסטען" און זיי האָבען זיך ווייניג געזאָרגט וועגען דעם גורל פון דער אידישער שפּראַך און אידישער קולטור. פאַרקערט, זיי

האָבען געגלויבט אין וואָס מער אַסימילאַציע — אויסמישונג פון פעלקער, שפראַכען און קולטורען. זעהר ווייניג פון זיי האָבען גע־האַט אַ באַזונדער ליבע פאַר אידיש, אָדער אַ ספּעציעלע זאָרג פאַר די אידישע קולטור־אוצרות. אַב. קאַהאַן, וועלכער האָט געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציהונג צו אידיש און איז געווען ווייט פון די אַסי־מילאַטאָרישע געדאַנקען, האָט אָבער ניט געגלויבט, אַז מען קען איינפלאַנצען די אידישע שפּראַך אין אַמעריקאַנער־געבאָרענע קינ־דער, און ער האָט געצווייפעלט צי עס איז נויטיג צו פּרובירען דאָס טאָן. ער איז דערפאַר געווען גלייכגילטיג צו דער שול־באַוועגונג און ער האָט אפילו פּרובירט זי צו ענטמוטיגען אין „פאָרווערטס".

אויב די שול־באַוועגונג האָט דאָך דורכגעבראָכען פאַר זיך אַ וועג און האָט געוואונען די אַנערקענונג און שטיצע פון „פאָר־ווערטס", איז דאָס צו פאַרדאַנקען די שפּעטערדיגע עמיגראַנטען, וואָס האָבען געקראָגען זייער ערציהונג אין די רייען פון די בונ־דיסטען און אַנדערע אידישיסטישע באַוועגונגען אויף יענער זייט ים. זיי האָבען זיך מאַסענווייז אָנגעשלאָסען אין אַרבייטער רינג און דאָרט געוואָרען טעטיג. שפּעטער איז זיי געקומען צו הילף דער אויפשטייג פון אידישען נאַציאָנאַליזם נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. די נאַציאָנאַליסטישע שטימונג האָט געוועקט אַן אינטע־רעס אין אידישער קולטור אַפילו אין יענע קרייזען וואָס האָבען באַקעמפט די נאַציאָנאַליסטישע שטרעבונגען אַלס שאָוויניסטיש.

די בונדיסטען קומט דער קרעדיט, אַז זיי האָבען פיל בייגע־שטייערט צו דער שול־באַוועגונג. אָבער זיי האָבען דערביי אַרויפ־געלייגט זייער שטעמפּעל אויף דער באַוועגונג, וואָס האָט איהר שפּעטער געפּענטעט און געשטערט. עס האָט זיך געפאָדערט אַן אינערליכער קאַמף כדי אָפּצושאַפען דעם בונדישען שטעמפּעל, און דאָ האָבען די „פאָרווערטס"־מענשען בייגעשטייערט זייער חלק. אויב ניט דירעקט, איז אומדירעקט. די אַרבייטער רינג שולען האָבען אָנגענומען אַן עכט אידיש־נאַציאָנאַלען כאַראַקטער, זיך מעהר אַריינגעפּאַסט אין דער ראַם פון טראַדיציאָנעלער אידישער ער־ציהונג, אַ דאַנק דעם, וואָס דער „פאָרווערטס" איז געוואָרען נעהענ־טער צוגעבונדען צו די נאַציאָנאַליסטישע שטרעבונגען און נאָ־

ציאָנאַליסטישע אינטערעסען, הויפּטזעכליך וואָס איז נוגע ארץ־ישׂראל און דער אַלטער אידישער קולטור און ליטעראַטור.

אין דער „פאָרווערטס״־רעדאַקציע זיינען אימער געווען מיט־אַרבייטער, וואָס האָבען מיט זייערע שאַפונגען אויפגעהאַלטען און געשטאַרקט דעם נאַציאָנאַליסטישען גייסט, די צוגעבונדענקייט צו דעם שעהנעם און ערהאבענעם אין דער אידישער טראַדיציע, אין די הייליגע ספרים און אין דער אידישער געשיכטע. אַפילו אין די ערשטע יאָהרען, ווען דער אָפיציעלער קורס פון דער צייטונג איז געווען אַן „אינטערנאַציאָנאַלער״, אַ קאָסמאָפּאָליטישער, זיינען אַזוינע שאַפונגען ערשינען אין דער צייטונג. איך האָב אין זינען הויפּט־זעכליך די אַרבייט פון א. ליעסין און א. ליטווין. וואָס ווייטער האָט זיך די צאָל פון אַזוינע מיטאַרבייטער פאַרגרעסערט. עס זיינען צוגעקומען: צביון, דר. א. גינזבורג, מ. אָשעראָוויטש, דוד איינ־האָרן, א. מענעס, חיים ליבערמאַן, און אַנדערע.

מאַנכע קענען זיך וואונדערען וואָס איך פּאָר דאָ צונויף אַזוינע עקסטרעמען ווי צביון און חיים ליבערמאַן. אין פראַגען פון רעליגיע זיינען זיי ווייט איינער פון אַנדערען ווי מזרח פון מערב. צביון איז אַ פולשטענדיגער פריידענקער און חיים ליבערמאַן איז אַ פולשטענדיגער אָרטאָדאָקס. עס איז אויך דאָ אַ היבשער מהלך צווישען צביון פון איין זייט און איינהאָרען און מענעס פון דער צווייטער זייט אין זייער באַציהונג צו רעליגיע.

דאָ האַנדעלט זיך אָבער ניט וועגען רעליגיע, נאָר וועגען אַל־טער אידישער קולטור, אַלטע אידישע טראַדיציעס. די אַלע אויס־גערעכענטע „פאָרווערטס״־שרייבער געהערען צו איין קאַטעגאָריע אויף אַזוי ווייט ווי זיי זיינען פאַראינטערעסירט און אריינגעטאָן אין דעם ענין אַלטע אידישע קולטור, און אויף אַזוי ווייט ווי אָט דער אינטערעס זייערער שפּיגעלט זיך אָפּ אין זייער שרייבען. עס מאַכט ניט אויס וואָס צביון׳ס בליק אויף די „הייליגע ספרים״ איז אַ פרייער, אַ מאָדערן־קריטישער און וואָס ליבערמאַנ׳ס בליק איז אַ שטרענג טראַדיציאָנעלער, אַן אַלטמאָדיש־פרומער. בייביידען בילדען אָבער די „הייליגע ספרים״ אַ באַדייטענדען טייל פון זייער

גייסטיגען באַגאַזש. זיי טראַכטען וועגען זיי און שרייבען וועגען זיי. אין צביונ׳ס שבת׳דיגע „אידישע אינטערעסען" באַגעגענט מען אָפט אָפּהאַנדלונגען איבער טעמעס, וואָס קענען פאַראינטערעסירען „לומדישע" לעזער און וואָס זיינען טאַקע געצילט פאַר אַזוינע לעזער. עס פּאַסירט אָפט, אַז צביונ׳ס „פּירוש", אָדער אויסטייטשונג פון אַ שטעלע אין אַ הייליגען ספר, אָדער פון אַ אידישען דין, רופט אַרויס קריטיק ביי פרומע לייענער, אָדער ביי לומדים. עס פּאַסירט אָבער זעלטען, אַז אין זייערע ענטפערס זאָלען זיי זיך באַציהען צו צביונ׳ען ווי צו אַ „פרעמדען", אָדער ווי צו אַ צו־להכעיס׳ניק, צו אַ בייזוויליגען געגנער. זיי שרייבען צו איהם ווי צו אַן אייגענעם, ווי צו איינעם וואָס געהערט צו זייער חברותא, דערפאַר וואָס זיי ווייסען, אַז ער לערענט און פאַרשטעהט די ספרים, וועלכע זיינען זיי טייער און הייליג.

עס וועט אפשר איבערראַשען די לעזער צו הערען, אַז נעקסט צו חיים ליבערמאַנ׳ען באַקומט צביון די גרעסטע צאָהל בריף פון פרומע לייענער. ווען עס באַווייזט זיך אַ איד מיט אַ „לומדישען" אויסזעהן, אָדער מיט אַ פרומען פּנים אין דער רעדאַקציע, ווייסען מיר, אַז אויב ער איז ניט געקומען זעהן חיים ליבערמאַנ׳ען, זוכט ער צביונ׳ען. און גאַנץ אָפט קען מען זעהן ווי צביון זיצט אין זיין צימער און איז פאַרטיפט אין אַ שמועס מיט אַ רבנ׳ישען אידען. און ווען דער שמועס פאַרענדיגט זיך און דער איד געהט אַוועק, דערוויסט מען זיך פון צביונ׳ען, אַז עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַן ענין, וואָס ער האָט באַרירט אין איינעם פון זיינע אַר־טיקלען.

צווישען די צוויי עקסטרעמען — צביון און ליבערמאַן — שטעהען איינהאָרן און מענעס. זייער צוגאַנג צו אידישקייט, טראַ־דיציאָנעלער אידישקייט, איז אַן עטישער און אַ פילאָזאָפישער. ביי איינהאָרן ליגט דער עיקר פון אידישקייט אין דער עטיק, וואָס די נביאים האָבען געפּרעדיגט. ער האַלט, אַז די מיסיע פון אידישען פאָלק איז צו פאַרשפּרייטען די עטיק אין דער גוי׳אישער וועלט. ביי מענעס׳ן ליגט דער עיקר פון אידישקייט אין דערווירקונג וואָס עס קען האָבען אויפצוהאַלטען דעם קיום פון אידישען פאָלק.

אידישע טראַדיציעס און אידישע מנהגים זיינען מענעס'ן טייער אין דער מאָס, וואָס זיי ברענגען אַריין שעהנקייט און ערהאַבענקייט און שטאָלץ אין אידישען מענש און אין דער אידישער היים; אין דער מאָס וואָס זיי באַפעסטיגען און פאַרשטאַרקען די צוגעבונדענקייט פון דעם איינצעלנעם אידען צו זיין פאָלק ישראל.

יעדער פון דער גרופע שרייבער אין „פאָרווערטס״ האָט זיין אייגענע אויפפאַסונג פון דער באַדייטונג פון אידישקייט. און אַלע צוזאַמען האַלטען זיי דעם לעזער פאַראינטערעסירט אין דעם ענין. אין זייערע אַרטיקלען איז אידישקייט אַ לעבעדיגער ענין, אַ פריי־שער, אינטערעסאַנטער ענין, וואָס וועקט אידישע געדאַנקען און אידישע געפיהלען אין זייערע לעזער.

קאַפּיטעל זיבעצעהן

אברהם רייזען

ווי אַ שריפטשטעלער איז אברהם רייזענ׳ס לעבען געווען פול, זאַט און ערפאָלגרייך. ער האָט געגעבען דעם אידישען פאָלק לי־טעראַרישע מייסטערווערק אין דערצעהלונגען און אין לידער, און דאָס פאָלק האָט איהם באַצאָהלט מיט אַ פולער מאָס פון אנערקענונג, כבוד און ליבע. ער איז געווען פון די גליקליכע קינסטלער וואָס האָבען ניט געדאַרפט וואַרטען לאַנג ביז זייער טאַלאַנט איז רייף געוואָרען און ביז זיי האָבען זיך איינגעשאַפט אַ ברייטען קרייז לייענער. גלייך ווי רייזען איז אַרויפגעטראָטען אויף דער ליטעראַ־רישע אַרענע מיט זיינע ערשטע דערצעהלונגען און לידער, האָט מען דערשפּירט, אַז ער געהערט צו די גאָר גרויסע. און איידער מען האָט זיך אַרומגעזעהן, איז דער נאָמען אברהם רייזען געווען באַוואוסט אין אַלע שטעט און שטעטלעך, וואו אידיש איז געלייענט געוואָרען.

די אנערקענונג, די אַכטונג און די ליבע פון די ברייטע אי־דישע מאַסען צו אברהם רייזען אין די ערשטע יאָהרען פון זיין ליטעראַרישער קאַריערע האָבען אָנגעהאַלטען ביז דעם לעצטען טאָג פון זיין לעבען. אין די לאַנגע יאָהרען וואָס ער האָט אַרומגע־וואַנדערט אין אייראָפּע און געוואוינט אין אַמעריקע איז די ליבע און אַכטונג צו איהם ניט אָפּגעשוואַכט און ניט פאַרטונקעלט גע־וואָרען. די פאַרהערליכונג פון דעם דיכטער ביי די מאַסען איז שוין מעהר ניט געווען אָפּהענגיג אָן זיינע שאַפונגען. אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען האָט ער אונז געגעבען וועניג נייע ווערק וואָס האָבען געקענט פאַרגליכען ווערען מיט זיינע שאַפונגען פון

די אינגערע יאָהרען, דאָס האָט אָבער נישט געהאָט דעם מינדעסטען איינפלוס אויף דער באַציהונג פון די אידישע מאַסען צו איהם. אין דער פּערזאָן פון אברהם רייזען האָט דער אידישער מענש געזעהן די פאַרקערפּערונג פון אַלע זיינע ווערק, פון דעם גאַנצען ליטע־ראַרישען אוצר, מיט וועלכען ער האָט באַרייכערט די גייסטיגע וועלט פון אידישען פאָלק. און מיט דעם כבוד און ליבע וואָס זיי האָבען איהם באַשאָנקען האָבען די אידישע מאַסען געגעבען אויס־דרוק צו זייער דאַנקבאַרקייט פאַר דעם געַנוס וואָס ער האָט זיי פאַרשאַפט.

דער שיקזאַל האָט געוואָלט, אַז אברהם רייזען זאָל זיין ביי אונז אין אַמעריקע דער לעצטער פון די ערשטע פּיאָנערען, וועלכע האָבען געלעגט דעם פונדאַמענט פון דער מאָדערנער אידישער לי־טעראַטור. די מעהרסטע פון יענע פּיאָנערען זיינען קיינמאָל ניט געקומען קיין אַמעריקע. זיי ליגען באַערדיגט אין זייער אַלטער היים. בלויז איין קבר, שלום עליכמ׳ס, געפינט זיך דאָ.

שלום אַש איז נאָך צווישען די לעבעדיגע, אָבער ער איז פאַקטיש אַוועק פון דער אידישער וועלט. זינט ער האָט אָנגעהויבען צו שרייבען זיינע יעזוס־ווערק. פאַרבליבען צווישען אונז אַלס דער פאָרשטעהער פון דעם ערשטען פּיאָנערען־דור, אַלס דער סימבאָל פון דעם אָנהויב פון דער גאָלדענער עפּאָכע פון דער נייער אידישער ליטעראַטור, איז אברהם רייזען.

און אברהם רייזען איז די אַלע יאָהרען געבליבען געטריי די טראַדיציעס און דעם גייסט פון יענער גאָלדענער עפּאָכע. אין פאַרלויף פון די עטליכע צענדליג יאָהר, וואָס ער האָט געלעבט אין אַמעריקע, זיינען פאָרגעקומען געוואַלדיגע אויפטרייסלונגען אין דער וועלט, וואָס האָבען געבראַכט אויך איבערקערענישען אין דער ליטעראַטור און קונסט. עס זיינען אויפגעקומען נייע שולען, נייע שטרעמונגען, נייע ריכטונגען. עס פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס האָט זיך אָפּגערופען און באַאיינפלוסט די אידישע ליטעראַטור סיי אין די אַלטע לענדער אויף יענער זייט ים און סיי אויף דעם אידישען ישוב דאָ אין אַמעריקע. די היגע אידישע ליטעראַטור האָט געהאַט איהר „איבערגאַנג״ פון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין

ב. שלעזינגער

די יאָהרען ווען די אידישע קוואַרטאַלען זיינען געווען גייסטיג באַהערשט פון דער סאָוועטישער תורה. זי האָט געהאַט איהרע עפּידעמיעס פון אַזוינע מאָדעס ווי פוטוריזם, קוביזם און אַנדערע משוגעת'ן, וואָס זיינען אַהער געבראַכט געוואָרען פון די צענטערס פון קינסטלערישע קאָלאָניעס אין אייראָפּע. אברהם רייזען האָט געמאַכט שוואַכע זשעסטען צוצופּאַסען זיך צו מאַנכע פון די נייע שטרעמונגען. ער איז אָבער מיט זיי ניט געגאַנגען. ער איז געווען צו טיף פאַרוואָרצעלט אין דער עכטער, אין דער אמת'ער קונסט פון זיינע יונגע, פּיאָנערען־יאָהרען.

פאַר'ן ברייטען עולם איז ער אימער פאַרבליבען דער זעלבער אברהם רייזען וואָס האָט זיי באַצויבערט מיט זיינע ערשטע גרויסע ווערק; דער זעלבער אברהם רייזען וועמעס דערצעהלונגען זיי האָבען געלייענט, באַוואונדערט און איבערגעלייענט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל; דער זעלבער אברהם רייזען, וועמעס לידער זיי האָבען געזונגען אין די קליינע שטעטלעך און וועלכע זיינען פאַרבליבען איינגעבאַקען ביי זיי אין האַרצען צוזאַמען מיט די טייערסטע עראינערונגען און די וואַרימסטע סענטימענטען פון זייערע יוגענד־ליכע איבערלעבונגען, האָפנונגען און חלומות.

קריטיקער האָבען וועגען אברהם רייזען געשריבען פאַרהעלט־ניסמעסיג ווייניג. פון מיין אייגענער ערפאַהרונג אין דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס" און „צוקונפט" און אויך פון געשפּרעכען מיט מיטגלידער פון אַנדערע רעדאַקציעס, ווייס איך, אַז עס איז שטענדיג שווער געווען צו קריגען אַרטיקלען וועגען רייזענ'ען פון די אָפּי־ציעלע קריטיקער. און די וואָס האָבען יע געשריבען, האָבען עס געטאָן אַזוי ווי מיט געוואַלד אָדער פון יוצא וועגען. איך ווייס ניט צי דאָס האָט געהאַט אַן עפעקט אויף רייזענ'ס רוהם און אנערקענונג אין די ענגע קרייזען פון „ליטעראַרישע פיינשמעקער". אויף דעם ברייטען עולם האָט עס זיכער ניט געהאַט דעם מינדעסטען עפעקט. און דאָס וועט אויף אַ האָר ניט מינדערען די אנערקענונג וואָס רייזען וועט האָבען אין דעם וואָס מען רופט „די אייביגקייט".

אברהם רייזען וועט פאַרבלייבען אַ קלאַסיקער אין דער אי־דישער ליטעראַטור שוין דערפאַר אַליין וואָס זיינע דערצעהלונגען

און לידער האָבען פּאַראייביגט דאָס לעבען פון אַ גרויסען טייל אידען פון דעם שטעטעל אין דעם אַלטען רוסלאַנד. דער צוקונפטיגער היסטאָריקער וועט אין רייזען׳ס ווערק געפינען אַ קוואַל פון לעבע־דיגע טיפען און בילדער פון די אָרימסטע שיכטען פון דעם שטעטעל, פון די אונטערדריקטע און דערשלאָגענע און אויך פון די גייסטיג־שטאַרקע און ריינע, וועמען די שווערע מאַטעריעלע אומ־שטענדען האָבען ניט געקענט קאָרומפּירען.

אברהם רייזען האָט זיינע בעסטע ווערק, די דערצעהלונגען און לידער, וואָס האָבען איהם באַריהמט און באַליבט געמאַכט, געשאַפען ווי אַ קינסטלער. ער האָט ניט געזוכט צו פּרעדיגען, צו קריטי־קירען, צו באַפעסטיגען אָדער צו צעשלאָגען טעאָריעס. ער האָט געשטרעבט בלויז צו פאַרקערפּערען אין קינסטלערישע געשטאַלטען און בילדער טיפען, פּאַסירונגען און אומשטענדען וואָס האָבען גענוועקט און גערייצט זיין קינסטלערישע פאַנטאַזיע — זיי צו שיל־דערען אין דער פאָרם און אין דעם גייסט ווי ער האָט זיי געזעהן און זיי פאַרשטאַנען מיט זיין האַרץ און נשמה.

די ברייטע מאַסען, וועלכע האָבען די דערצעהלונגען און לידער געלייענט, האָבען אין זיי דערקענט זיך אַליין אָדער זייערע שכנים און באַקאַנטע; זיי האָבען אין זיי געשפּירט אַן אָפּקלאַנג פון זייערע אייגענע געפיהלען. דערפאַר האָבען די דערצעהלונגען און די לידער ביי זיי דערוועקט אַזאַ אינטערעס, אַזאַ ליבשאַפט, און זיי פאַר־שאַפט אַזאַ גייסטיגען פאַרגעניגען. און דערפאַר האָבען זיך די דערצעהלונגען און די לידער אַזוי טיף איינגעקריצט אין זייער זכרון און אין זייערע הערצער.

דער אָפּרוף פון די ברייטע מאַסען איז דער בעסטער און שטאַרקסטער טעסטאַמענט צו רייזען׳ס ליטעראַרישער אויפריכ־טיגקייט און אמת׳דיגקייט. אין רייזען׳ס דערצעהלונגען זיינען ניטאָ קיין סענסאַציעס, קיין מעלאָדראַמאַטישע עפעקטען, קיין סור־פּריזען — קיין איינער פון די קונצען וועלכע שרייבער מיט ווייניג טאַלאַנט באַנוצען צו פאַקען לעזער. זיין כוח ליגט אין וועקען די בעסערע געפיהלען פון דעם לעזער, אין אַרויסרופען ביי איהם זיינע ריינסטע מענשליכע סענטימענטען. דער לעזער פון רייזען׳ס

דערצעהלונגען און לידער ווערט דורך זיי אַליין גייסטיג דערהויבען. דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר קלאַסישער ליטעראַטור. אַ קלאַסיש ווערק ווירקט צו דערהויבען דעם לעזער, צו באַרייכערען זיין גייסט, אויסצואיידלען זיין נשמה.

דער „פאָרווערטס" איז געווען אברהם רייזען'ס צייטונג אין דעם גרעסטען טייל יאָהרען פון זיין ליטעראַרישער קאַריערע, און כמעט די גאַנצע צייט וואָס ער האָט געלעבט אין אַמעריקע. ווען ער איז צום ערשטען מאָל געקומען קיין ניו יאָרק, אין 1908, איז ער אויפגענומען געוואָרען פון „פאָרווערטס" און מיטגעאַרבייט אין „פאָרווערטס". דאָס זעלבע האָט פּאַסירט ווען ער איז אַהער געקומען צום צווייטען מאָל פאַר דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער איז פאַרבליבען אַלס מיטגליד פון דער „פאָר־ווערטס"־רעדאַקציע ביז נאָך דער סאָוועטישער רעוואָלוציע. אין די נעקסטע עטליכע יאָהר איז ער, ווי פיעל אַנדערע אידישע שריי־בער, באַאיינפלוסט געוואָרען פון די „סאָוועטישע שטימונגען". ווי איך האָב פריהער געזאָגט, האָבען די שטימונגען וועניג באַאיינפלוסט זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען. זיי האָבען אָבער יע באַאיינפלוסט זיינע באַציהונגען צו צייטונגען און באַוועגונגען. ער האָט זיך דאַן פאַרבונדען מיט דער פרעסע וואָס איז געווען סימפּאַטיש צום סאָ־וועטען־לאַנד. אַ שטיק צייט האָט ער מיטגעאַרבייט אין דער „פריי־הייט".

געעפענט די אויגען האָבען איהם די געשעהענישען אין ארץ ישראל, אין 1929 — די אַראַבישע פּאָגראָמען, וואָס זיינען געשטיצט געוואָרען פון די קאָמוניסטען און פון סאָוועט־רוסלאַנד. ער האָט דאַמאָלסט פאַרלאָזען די „פרייהייט" און זיך אָפּגעקערט פון די קאָמוניסטען. די טירען פון „פאָרווערטס" זיינען פאַר איהם געווען אָפען און ער איז ווידער אַריינגעטראָטען אין דער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע. זייט דאַמאָלסט איז ער פאַרבליבען איינער פון אונזערע חשוב'סטע מיטאַרבייטער.

אין די לעצטע עטליכע יאָהר האָבען זיינע לידער באַצירט די עדיטאָריעל פּעידזש פון „פאָרווערטס" יעדען שבת.

קאַפּיטעל אַכצעהן

דער „פאָרווערטס" און די אידישע יוניאָנס

דער „פאָרווערטס", אַלס דער אָרגאַן פון דער אידישער אַר־בייטער באַוועגונג, האָט געדינט אַלע אידישע יוניאָנס גלייך. ביי איהם זיינען ניט געווען קיין „פאַוואָריטען", קיין יחסנים אָדער ליבלינגען. דער „פאָרווערטס" איז געשטאַנען ביים וויגעלע פון יעדער נייער אידישער יוניאָן און איהר געהאָלפען דורכטראָגען איהרע קינדער־שוואַכקייטען און קראַנקהייטען. דער „פאָרווערטס" איז געווען דער שטאַרקסטער פיזישער כוח וואָס איז בייגעשטאַנען די יוניאָנס אין זייערע קריזיסען און קאַמפען, הויפּטזעכליך אין זייערע יונגע יאָהרען, איידער זיי האָבען געהאַט אָנגעזאַמעלט גענוג אייגענע כוחות.

ניט אַלע יוניאָנס האָבען באַלוינט דעם „פאָרווערטס" פאַר זיין דינסט אין אַ גלייכער מאָס. דאָס האָט זיך געווענדט אָן דער פיהרער־שאַפט פון דער באַטרעפענדער יוניאָן. אויב די פיהרערשאַפט איז פאַרבליבען געטריי און נאָענט צו דער אידישער גאַס און אויך נאָענט צו די אידעען און אידעאַלען פון „פאָרווערטס", איז זי אויך פאַרבליבען צוגעבונדען צום „פאָרווערטס" אַפילו נאָכדעם ווי זי האָט זיך ווייניגער גענויטיגט אין זיין הילף און שטיצע. אויב אָבער די פיהרערשאַפט האָט זיך דערווייטערט פון דער אידישער גאַס אָדער אויב זי האָט זיך אָפּגעקערט פון די אידעען און אידעאַלען וואָס דער „פאָרווערטס" האָט געפּרעדיגט, זיינען די באַציהונגען פון דער יוניאָן צום „פאָרווערטס" געוואָרען אָפּגעקיהלט און אַמאָל אַפילו געגנעריש און פיינדליך.

וועגען די ערפאַהרונגען, וואָס דער „פאָרווערטס" האָט געהאַט

מיט די פאַרשידענע יוניאָנס וועלכע ער האָט געהאָלפען גרינדען און דערציהען, וואָלט מען געקענט אָנשרייבען גאַנצע ביכער. און אין אַזאַ געשיכטע וואָלט דער לעזער געפונען אַ בילד פון דעם גייסטיגען וועג וואָס די אידישע אַרבייטער באַוועגונג אין אַלגעמיין און איהרע באַזונדערע צווייגען האָבען דורכגעמאַכט אין די פאַר־גאַנגענע פופציג יאָהר. אין דעם קאַפּיטעל וויל איך זיך אָפּשטעלען אויף בלויז אַ פּאָר מאָמענטען אין דער געשיכטע פון די „פאָר־ווערטס" דערפאַרונגען מיט די אידישע יוניאָנס — אַ פּאָר מאָ־מענטען וואָס וועלען קענען דינען ווי ביישפּילען פון דער אַלגע־מיינער אויפפאַסונג וואָס מיר האָבען אויבען אָנגעצייכענט.

די פּאָר מאָמענטען, וועגען וועלכע איך וויל דאָ ריידען, זיינען גענומען טיילווייז פון דער געשיכטע פון דער „אינטערנעשאָנעל לעידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן" און טיילווייז פון דער גע־שיכטע פון דער „אַמאַלגאַמעיטעד קלאָטהינג וואָירקערס יוניאָן" — די צוויי גרעסטע, וויכטיגסטע, שטאַרקסטע און שעהנסטע אַרביי־טער אָרגאַניזאַציעס וואָס די אידען אין אַמעריקע האָבען אויפגע־בויט און מיט וועלכע די אידען אין אַמעריקע שטאָלצירען.

ביידע יוניאָנס זיינען געבאָרען געוואָרען אין קאַמפען, אין ליידען און פּיין אויף די גאַסען און אין די היימען פון דער אַמאָ־ליגער אידישער איסט סאַיד. אין דער גאַנצער פערציג־פופציג־יאָהריגער געשיכטע פון די צוויי אָרגאַניזאַציעס זיינען ביטאָ נאָך אַזוינע שטורמישע און קריטישע און ביטערע געשעהענישען ווי די, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין יענע ערשטע יאָהרען: דער וועיסט־מאַכער סטרייק, דער קלאָוקמאַכער סטרייק און די קאַמפּען אַרום דעם פּראָטאָקאָל, וואָס זיינען געווען די געבורטס־וועהען פון דער אינטערנעשאָנעל, און דער סטרייק פון 1913 און די „רעוואָלוציע" געגען דער „יונאַיטעד גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן", וועלכע זיינען געווען די געבורטס־וועהען פון דער אַמאַלגאַמעיטעד.

און איך גלויב ניט, אַז עס קענען זיין צוויי מיינונגען וועגען דעם, אַז אין די געשעהענישען, אין דעם געבורט פון די צוויי יוניאָנס, האָט דער „פאָרווערטס" געשפּילט די גרעסטע און וויכטיגסטע ראָלע. אָהן דעם „פאָרווערטס" וואָלט ניט מעגליך געווען פאַר די אַר־

בייטער אין די אַלע פאַכען צו אָרגאַניזירען זייערע יוניאָנס, אַרויס־צורופען און דורכצופיהרען זייערע סטרייקס און דורכזעצען זייערע אינערליכע איבערבויאונגען און רעאָרגאַניזאַציעס.

אין דער צייט ווען די געשעהענישען זיינען פאָרגעקומען, האָט דער „פאָרווערטס" געקראָגען די פולסטע אַנערקענונג פון די מיט־גלידער און פיהרער פון די צוויי אָרגאַניזאַציעס פאַר זיין בייטראָג און זיין דינסט. איינער פון די אויסדרוקען פון דער אַנערקענונג איז געווען וואָס דער „פאָרווערטס" פלעגט איינגעלאַדען ווערען צו אַלע קאָנווענשאָנס פון די אָרגאַניזאַציעס, אויך צו אַלע פייערונגען זיי צו באַגריסען און באַשיינען.

די באַציהונגען צווישען „פאָרווערטס" און דער פיהרערשאַפט פון דער אינטערנעשאָנעל האָבען זיך ניט געענדערט אין דער גאַנצער געשיכטע פון איהר עקזיסטענץ. כמעט אַלע פּרעזידענטען פון דער אינטערנעשאָנעל און די מעהרסטע פון די איבעריגע הויכע באַאמטע זיינען געשטאַנען אידעאָלאָגיש נאָהענט צום „פאָרווערטס". אַ סך פון זיי זיינען געווען „פאָרווערטס"־מענשען, מיטגלידער פון „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאָן און פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, וואָס זיינען אידענטיפיצירט מיט'ן „פאָרווערטס". אַם נאָהענטסטען צו אונז זיינען געשטאַנען די צוויי פּרעזידענטען, וואָס האָבען אויף דער אינטערנעשאָנעל־אָרגאַניזאַציע אַרויפגעלייגט דעם טיפסטען שטעמפּעל: ב. שלעזינגער און דעיוויד דובינסקי. שלעזינגער איז געווען ניט נאָר אַ מיטגליד פון „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאָן, נאָר האָט אויך אַ צאָהל יאָהרען פאַרנומען דעם אַמט פון הויפּט־מענעדזשער פון „פאָרווערטס". די דריטע גרויסע פיגור צווישען די העכסטע באַאמטע פון דער אינטערנעשאָנעל, מאָריס זיגמאַן, איז פון אָנהויב געווען אַ ביסעל ווייטלאַך פון „פאָר־ווערטס". ער האָט אָנגעהויבען זיין קאַריערע אין דער אַרבייטער באַוועגונג אַלס אַ נאָכפאָלגער פון דער „אַי־דאַבעליו־דאַבעליו". שפּעטער אָבער, ווען אויף זיין גורל איז אויסגעפאַלען צו פיהרען די אָרגאַניזאַציע אין די פאַרצווייפעלטסטע און ביטערסטע מאָ־מענטען פון דעם קאַמף מיט די קאָמוניסטען, האָט ער פאַראייניגט זיינע כוחות מיט אונזערע, מיט די כוחות פון „פאָרווערטס". און

פון דאַן אָן איז ער פאַרבליבן אַ געטרייער פריינד פון „פאָרווערטס". עס איז אויך אינטערעסאַנט אָנצואווייזן אויף דעם, אַז אַפילו צווישען די גוי׳אישע הויכע באַאמטע פון דער אינטערנעשאָנעל געפינען זיך „פאָרווערטס"־פּאַטריאָטען. דער בעסטער מוסטער איז מר. אַנטאָניני, דער ערשטער וויס־פּרעזידענט, וועלכער איז אַן איטאַליענער. ער לאָזט ניט דורך קיין איין געלעגענהייט אויסצודריקען זיין פריינדשאַפט צום „פאָרווערטס" און זיין אנערקענונג און באַוואונדערונג פון אַב. קאַהאַן.

ניט אַזאַ גוטען מזל האָט דער „פאָרווערטס" געהאַט מיט דער הויכער פיהרערשאַפט פון דער אַמאַלגאַמעיטעד. דעם טאָן פון דער באַציהונג צום „פאָרווערטס" האָט אין דער אַמאַלגאַמעיטעד געגעבען סידני הילמאַן, וועלכער האָט אין איהר פאַרנומען דעם פרעזידענט־אַמט איבער דרייסיג יאָהר. כמעט אין דער גאַנצער צייט האָט געהערשט אַ ברוגז צווישען הילמאַן און אַב. קאַהאַן, און דער ברוגז פלעגט גאַנץ אָפט צערייצט ווערען אין אַן אָפענעם קאָנפליקט. עס דאַרף דערביי געזאָגט ווערען, אַז די ברייטע מיטגלידערשאַפט, איבערהויפט אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע אידישע צענטערס, איז פון דער לאַגע וועניג באַווירקט געוואָרען. אויך צווישען די פיהרער זיינען געווען אַזוינע, וואָס האָבען געהאַלטען גיכער מיט אַב. קאַהאַן ווי מיט סידני הילמאַן. דער איינשטעל אין דער אָרגאַניזאַציע איז אָבער געווען אַזאַ, אַז ניט די אומצופרידענע מיטגלידער און ניט די אומצופרידענע פיהרער האָבען געקענט אויסאיבען זייער מאַכט אָדער איינפלוס אין דער סיטואַציע.

פאַר דעם ערשטען ברוגז פון סידני הילמאַן געגען „פאָרווערטס" בין איך געווען פאַראַנטוואָרטליך. דאָס האָט פּאַסירט נאָך דער קאָנווענשאָן פון דער אַמאַלגאַמעיטעד אין באַלטימאָר אין יאָהר 1918, וועלכע איך האָב געדעקט אַלס „פאָרווערטס"־קאָרעספּאָנדענט. ביי דער קאָנווענשאָן איז פאַרהאַנדעלט געוואָרען די פראַגע פון „סטאַנדאַרד אָוו פּראָדאָקשאָן". סידני הילמאַן האָט פאָרגעלעגט אַ רעזאָלוציע צו ערלויבען די באַלעבאַטים איינצופיהרען אַ „סטאַנדאַרד אָוו פּראָדאָקשאָן" אין זייערע שעפּער. דאָס האָט אַרויסגערופען אַ ביטערע אָפּאָזיציע ביי די דעלעגאַטען.

אַם שטאַרקסטען האָבען געגען דעם פאָרשלאַג געקעמפט די ניו יאָרקער דעלעגאַטען, די פאָרשטעהער פון די אידישע שניידער. זיי האָבען אין „סטאַנדאַרד אָוו פראָדאָקשאָן" געזעהן אַ נייעם סאָרט שקלאַפעריי, אַ רואינע פאַר די עלטערע אַרבייטער, וועלכע האָבען אויפגעבויט דעם טרעיד און אָרגאַניזירט די יוניאָן. אין מיינע טעלעגראַמעס צום „פאָרווערטס" האָב איך געשענקט אַ סך פלאַץ צו די טענות פון דער אָפּאָזיציע. מיט דעם האָב איך זיך ניט באַנוגענט, איך האָב אויך געשיקט לאַנגע אַרטיקלען, אין וועלכע איך האָב געגעבען אַ גרינטליכע אויפקלעהרונג פון דער אָפּאָזיציע צום פלאַן. געטאָן האָב איך עס, ווייל איך האָב געהאַלטען, אַז דער צד איז דער גערעכטער, כאָטש אין מיינע אַרטיקלען האָב איך דאָס ניט געזאָגט אָפען.

געענדיגט האָט זיך דער קאַמף דערמיט, וואָס הילמאַן האָט זיך געמוזט טיילווייז אונטערגעבען. דער פאָרשלאַג איז צוריק־געוויזען געוואָרען. דאָס איז וואַרשיינליך געווען די ערשטע וויכ־טיגע נידערלאַגע וואָס ער האָט ביז דאַן געליטען. אָבער שפּעטער האָט ער דאָס זייניגע סאַי־ווי אויסגעפיהרט. ער האָט געהאַלטען דעם „פאָרווערטס" און מיינע באַריכטען פון דער קאָנווענשאָן פאַראַנטוואָרטליך פאַר יענער נידערלאַגע. ער האָט עס אַ לאַנגע צייט ניט געקענט פאַרגעסען.

סידני הילמאַנ'ען איז אויך געווען ניט צום האַרצען די „אידעאָ־לאָגיע" פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג, ווי זי איז יאָה־רען־לאַנג פאַרשפרייט און געלערענט געוואָרען צו די מאַסען דורך דעם „פאָרווערטס" און די „פאָרווערטס"־אַנהענגער. ער איז געווען גלייכגילטיג צו די סאָציאַליסטישע קאַמפּעינס, צו ראַדיקאַלע אי־דישע קולטור־אונטערנעמונגען. ער איז געווען קאַלט צו אידישע ענינים אין אַלגעמיין. ער האָט געזוכט די פריינדשאַפט פון אַזוינע צייטונגסלייט, וועלכע האָבען איהם און זיין יוניאָן געקענט מאַכען פּובליסיטי אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע און ביי דער אַמעריקאַנער אינטעליגענץ. דער איינדרוק איז געשאַפען געוואָרען, אַז סידני הילמאַן שעהמט זיך וואָס די אַמאַלגאַמעיטעד ווערט באַטראַכט ווי אַ אידישע יוניאָן און אַז איהם ווילט זיך „אָפוואַשען דעם פלעק".

די שאַרפע קאָנפליקטען צווישען סידני הילמאַן און דעם „פאָרווערטס" זיינען פאָרגעקומען איבער זיין באַציהונג צו סאָוועט־רוסלאַנד און צו די קאָמוניסטען. דאָ איז ניט דער אָרט אַריינ־צוגעהן אין איינצעלהייטען. אַ סך פון די „פאָרווערטס"־לעזער געדענקען די ביטערע מלחמה צווישען סידני הילמאַן און דעיוויד דובינסקי אין דער אַמעריקען לעיבאָר פּאַרטי, אין וועלכער דער „פאָרווערטס" איז געשטאַנען אויף דובינסקי׳ס זייט. דאָרט האָט זיך געהאַנדעלט פּשוט וועגען דעם, צי די אידישע אַרבייטער־באַוועגונג זאָל ווייטער פאַרבלייבען אין דער אַמעריקען לעיבאָר פּאַרטי, וויסענדיג אַז זי ווערט קאָנטראָלירט פון קאָמוניסטען. סידני הילמאַן איז יאָ פאַרבליבען און דובינסקי איז אַרויס. סידני הילמאַן איז אויך געקומען צו הילף דעם וועלט־פאַרבאַנד פון קאָמוניזם, ווען ער האָט געהאָלפען שאַפען איינע פון זיינע שטאַרק־סטע וואפען, דעם „וועלט־פאַרבאַנד פון יוניאָנס", אונטער קאָמו־ניסטישען קאָנטראָל.

דאָס זיינען אַ פּאָר פון די שלאָגענדסטע ביישפּילען פון הילמאַנ׳ס פּראָ־קאָמוניסטישע טעטיגקייטען וואָס זיינען ביטער באַקעמפט געוואָרען פון „פאָרווערטס". עס זיינען געווען נאָך און נאָך, און יעדער פון די קאָנפליקטען האָט איבערגעלאָזען טיפע וואונדען ביי ביידע צדדים.

עס מוז אָבער אונטערגעשטראָכען ווערען, אַז טראָץ דעם לאַנג־יאָהריגען ברוגז און טראָץ די שאַרפע קאָנפליקטען צווישען „פאָרווערטס" און סידני הילמאַן איז די באַציהונג פון „פאָר־ווערטס" צו דער אַמאַלגאַמעיטעד יוניאָן, צו דער ברייטער מיט־גלידערשאַפט, געבליבען די זעלבע וואָס געווען, און פאַרקעהרט אויך — די באַציהונג פון דער ברייטער אידישער מיטגלידער־שאַפט פון דער אַמאַלגאַמעיטעד צום „פאָרווערטס" האָט זיך ניט געביטען. אין פאַל פון טראָבעל האָט דער „פאָרווערטס" זיך אָפּגערופען און געגעבען דער יוניאָן זיין פולסטע הילף און שטיצע. די צייטונג איז אויך געווען גרייט צו דינען דער יוניאָן מיט אויפקלעהרונגען, אַרטיקלען, באַריכטען און אַזוי ווייטער. פאַר אונז איז קיינמאָל ניט געווען קיין אונטערשיד צווישען דעם אַר־

ביטער אין אַ שניידער־שאַפּ אָדער דעם אַרבייטער אין אַ קלאָוק־און דרעס־שאַפּ. מיר האָבען אויך געוואוסט, אַז אין די אידישע צענטערס, ספּעציעל אין ניו יאָרק, זיינען סידני הילמאַנ׳ס פיהרונגען און האַנדלונגען אין באַצוג צו די קאָמוניסטען פון איין זייט און צו דער „פאָרווערטס״־באַוועגונג פון דער צווייטער זייט ניט געפעלען געווען אַ באַדייטענדען טייל פון דער פיהרערשאַפט און פון די אַקטיווע מיטגלידער, כאָטש זיי האָבען גאָרניט געקענט טאָן איהם צו באַאיינפלוסען אָדער איהם אָפּצוהאַלטען.

זינט הילמאַנ׳ס טויט זיינען פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען אין דער לאַגע. צווישען דער היינטיגער פיהרערשאַפט פון דער אַמאַלגאַמעיטעד, דער פיהרערשאַפט פון דער אינטערנעשאָנעל און דעם „פאָרווערטס״ איז ניטאָ דער מינדעסטער אונטערשיד אין זייער שטעלונג צו קאָמוניסטען און סאָוועט־רוסלאַנד. די אַמאַלגאַמעיטעד האָט זיך אויך פיל דערנעהנטערט צו דער אידישער אַרבייטער־גאַס און צו אידישע אַרבייטער־אינטערעסען, ווי זיי ווערען פאַרשטאַנען און אויסגעטייטשט אין גייסט פון „פאָרווערטס״. צי דאָס קען אַזוי געזאָגט ווערען וועגען אַלע פיהרער פון דער אַמאַלגאַמעיטעד און אַלע צענטערס פון דער אָרגאַניזאַציע, צווייפעל איך. דאָס קען אָבער זיכער געזאָגט ווערען וועגען אַ צאָל פון די גאָר־וויכטיגע פיהרער פון דער יוניאָן, וועלכע שטעהען אין פראָנט פון דער אידישער און ניט־אידישער עפענטליכקייט, און וועגען יענע צענטערס פון טרעיד, וואו די אידישע מיטגלידערשאַפט איז דאָמינירענד.

קאַפּיטעל נײַנצעהן

די משפּחה פון ראַדיקאַלע באַוועגונגען

אין די רייען פון די ראַדיקאַלען אויף דער אידישער גאַס פון אַמעריקע האָט קיינמאָל ניט געהערשט קיין האַרמאָניע און אייניגקייט. די ראַדיקאַלען זיינען שטענדיג געווען צעטיילט אין פּאַרטייען, באַוועגונגען, פליגלען — יעדער מיט אַן אייגענער פּראָ־גראַם, מיט אייגענע פּרינציפּען, און זיי האָבען אָפט באַקעמפט איינע די אַנדערע. אין די גאָר ערשטע יאָהרען זיינען די שאַרפ־סטע קאָנפליקטען פאָרגעקומען צווישען סאָציאַליסטען און אַנאַר־כיסטען. שפּעטער האָבען די סאָציאַליסטען זיך געשפּאָלטען אין צוויי פּאַרטייען: די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי און סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטיי, וועלכע האָבען ביטער באַקעמפט איינע די אַנדערע. נאָך שפּעטער איז אונטערגעקומען די באַוועגונג פון די פּועלי ציון, וואָס איז געקומען אין צוזאַמענשטויס מיטביידע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און אויך מיט די אַנאַרכיסטען. די לעצטע אויף דער סצענע זיינען געווען די קאָמוניסטען, וואָס האָבען זיך פאַרמאָסטען געגען אַלע אַנדערע ראַדיקאַלע פּאַרטייען און גרו־פּירונגען.

עס וואָלט געווען אַ טעות צו דענקען, אַז די אַלע אינערליכע קאָנפליקטען אין די ראַדיקאַלע רייען זיינען געווען פון זעלבען סאָרט, האָבען געהאַט דעם זעלבען כאַראַקטער. די קריגערייען, וואָס זיינען אָנגעגאַנגען אין די ערשטע דרייסיג יאָהר, פון אַרום 1890 ביז 1920, זיינען געווען „פאַמיליע־קריגערייען", רייסערייען און ברוגז'ן צווישען אייגענע, אין דער זעלבער משפּחה. די קאָנ־פליקטען, וואָס האָבען זיך אַנטוויקעלט נאָכ'ן אָנקומען פון קאָמו־

ניזם, זיינען געווען ווי אַן אָנפאַל פון אַ פרעמדען שונא, פון אַן אַגרעסאָר, וואָס איז געקומען מיט דעם לאָזונג פון ענטוועדער פאַר־שלינגען אָדער פאַרניכטען.

אויב מען וויל קריגען אַ גוטען באַגריף פון דעם אונטערשיד צווישען די צוויי סאָרטען קאָנפליקטען, דאַרף מען באַטראַכטען ווי אַזוי די קאָנפליקטען האָבען געווירקט אויף דעם אַרבייטער רינג. אין די ערשטע דרייסיג יאָהר האָבען די רייסערייען צווישען די פאַרשידענע ראַדיקאַלע פאַרטייען און באַוועגונגען געווירקט צו שטאַרקען און פאַרגרעסערען דעם אַרבייטער רינג; אין די לעצטע דרייסיג יאָהר האָבען די קאָנפליקטען מיטגעבראַכט אַ שפּאַלטונג אין אַרבייטער רינג.

דער אַרבייטער רינג האָט זיך לכתחילה געגרינדעט אויף אַ פּראָגראַם וואָס האָט געקענט איינשליסען ראַדיקאַלען פון אַלע פליגלען, פאַרטייען און ריכטונגען. ער האָט פון זיינע מיטגלידער געפאָדערט בלויז איין זאַך, אַז זיי זאָלען אנערקענען דעם אַלגע־מיינעם פּרינציפּ, אַז די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם דאַרף פאַרביטען ווערען אויף אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. ווי אַזוי דאָס זאָל געטאָן ווערען און וואָס פאַר אַ סאָרט סאָציאַליזם עס זאָל איינגע־פיהרט ווערען — אין דעם האָט זיך דער אַרבייטער רינג ניט גע־מישט. יעדער מיטגליד איז געווען פריי צו דענקען און צו ווירקען וועגען דעם לויט זיין אייגענער איבערצייגונג. די טעטיגקייטען פון אַרבייטער רינג האָבען זיך באַגרעניצט אויף זאַכען וואָס האָבען ניט געהאַט קיין שייכות מיט פאַרטיי־פּראָגראַמען אָדער פאַרטיי־פּרינציפּען. די הויפּט־אויפגאַבע פון אַרבייטער רינג איז געווען צו העלפען די מיטגלידער מאַכען זייער לעבען גרינגער, שעהנער און קולטורעלער. אויב אַ ברענטש אָדער אַ גרופּע פון אַ ברענטש האָט געוואָלט זיך באַטייליגען אויך אין פּאָליטישער און יוניאָן אַרבייט, איז דאָס געווען זייער זאַך. דער אַרבייטער רינג האָט זיי ניט געשטערט.

מיט אַנדערע ווערטער מיינט עס, אַז דער אַרבייטער רינג האָט זיך געשאַפען אַ באָדען אויף וועלכען אַלע ראַדיקאַלען האָבען גע־

קענט שטעהן צוזאַמען און אַרבייטען געמיינשאַפטליך. אין אַר־בייטער רינג זיינען געווען איינגעשלאָסען ברענטשעס מיט סאָ־ציאַליסטישע מיטגלידער, ברענטשעס מיט „עס על פי" מיטגלי־דער, ברענטשעס מיט אַנאַרכיסטישע מיטגלידער. אין זייערע פּאָ־ליטישע טעטיגקייטען האָבען זיי זיך געקענט רייסען צווישען זיך, אָבער אין די אַרבייטער רינג טעטיגקייטען האָבען זיי געהאָלפען איינע די אַנדערע.

די איינציגע אויסנאַמע איז געווען די פּועלי ציון באַוועגונג. זי האָט געגרינדעט אַן אייגענעם נאַציאָנאַלען פאַרבאַנד, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דער זעלבער טעטיגקייט ווי דער אַרבייטער רינג. מ'דאַרף אָבער ניט מיינען, אַז דאָס האָט זיך גענומען דערפון וואָס די פּועלי ציוניסטען האָבען זיך געהאַלטען אינגאַנצען אָפּ־געזונדערט פון דער אַלגעמיינער ראַדיקאַלער משפחה, אַז זיי האָבען ניט אַנערקענט אַז עס איז דאָ אַ געמיינשאַפטליכער באָדען אויף וועלכען זיי קענען שטעהן צוזאַמען מיט די איבעריגע צווייגען פון דער ראַדיקאַלער באַוועגונג. דאָס האָט זיך גענומען פון דעם וואָס די פּועלי ציון האָבען געלעגט דעם הויפּט־טראָפּ אויף אַרבייט פאַר ארץ ישראל און האָבען געוואָלט, אַז אַפילו יעדע פאַראייניגטע גרופּע זייערע זאָל זיך אָפּגעבען הויפּטזעכליך מיט דער טעטיגקייט. די פּועלי ציוניסטען האָבען אָבער אנערקענט, אַז זייער באַוועגונג גע־הערט צו דער זעלבער משפחה ווי אַלע אַנדערע ראַדיקאַלע באַווע־גונגען און פאַרטייען.

* * *

אַ שלאָגענדער ביישפּיל פון דער משפחה'דיגער באַציהונג צווישען די פאַרשידענע ראַדיקאַלע באַוועגונגען און פאַרטייען איז פאָרגעקומען אין זומער פון 1906, ווען איך בין אַריינגעטראָטען אין דער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע. דער אַנאַרכיסט אַלעקסאַנדער בערק־מאַן איז דאַמאָלסט באַפרייט געוואָרען פון פריזאָן, וואו ער איז אָפּגעזעסען פערצעהן יאָהר פאַר זיין פאַרזוך צו ערמאָרדען דעם שטאָל־מאַגנאַט פריק. דעם אַטענטאט איז בערקמאַן באַגאַנגען אַלס אַנאַרכיסט, וואָס האָט געגלויבט אין טעראָר. ער האָט געוואָלט ער־

מאָרדען פריק'ן דערפאַר וואָס דער שטאָל־טראָסט האָט אונטער־דריקט דעם סטרייק פון די אַרבייטער אין דער האָומסטעד פאַבריק, וואו אַ צאָהל סטרייקערס זיינען דערשאָסען געוואָרען פון באַוואפּענ־טע סטרייק־ברעכער. דער אַטענטאַט האָט זיך איינגעגעבען בלויז טיילווייז: פריק איז געפאַלען אַ פאַרוואונדעטער, ער האָט זיך אָבער ערהאָלט. בערקמאַן איז אָפּגעקומען מיט אַ פריזאָן־טערמין.

די סאָציאַליסטען און דער „פאָרווערטס״ זיינען געווען געגען טעראָר; פון דעם שטאַנדפּונקט האָבען זיי פאַרדאַמט בערקמאַנ'ס אַקט. אין דער זעלבער צייט האָבען זיי אָבער אנערקענט, אַז זיין מאָטיוו איז געווען אַן אידעאַליסטישער, און אַז ווען ער האָט באַ־שלאָסען צו באַגעהן דעם אַטענטאַט איז ער גרייט־געווען צו באַצאָלען מיט זיין אייגענעם לעבען. ער האָט געוואָלט זיך מקריב זיין פאַר זיינע פּרינציפּען, אין די אינטערעסען פון זיין רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

ווען אַלעקסאַנדער בערקמאַן איז באַפרייט געוואָרען האָבען די אַנאַרכיסטען אַראַנזשירט פאַר איהם אַן אויפנאַמע, אַ מאַסמיטינג אין גרענד סענטראַל פּאַלאַס. איך בין אנוועזענד געווען אין דער „פאָרווערטס״־רעדאַקציע ווען אַ קאָמיטע איז געקומען איינלאַדען אַב. קאַהאַן ער זאָל זיין איינער פון די רעדנער ביים מיטינג. ער האָט גלייך די איינלאַדונג אָנגענומען. ביים מיטינג איז אויך אויפ־געטראָטען אַ צווייטער אידישער סאָציאַליסטישער פיהרער, מ. זאַמעטקין.

ביידע, קאַהאַן און זאַמעטקין, זיינען געווען פאַרביסענע געגנער פון דעם אַנאַרכיסטישען געדאַנק און נאָך גרעסערע געגנער פון טעראָר־אַקטען. זיי האָבען יאָהרען־לאַנג באַקעמפט דעם אַנאַרכיזם און די אַנאַרכיסטען האָבען באַקעמפט דעם סאָציאַליזם. דאָך איז עס מעגליך געווען פאַר קאַהאַנ'ען און פאַר זאַמעטקינ'ען זיך צו באַ־טייליגען אין אַ דעמאָנסטראַציע פאַר אַן אַנאַרכיסטישען פיהרער, וואָס איז אַראַנזשירט געוואָרען פון אַנאַרכיסטען. דאָס ערקלעהרט זיך דערמיט, וואָס אין יענער צייט האָט געהערשט אַ געוויסע נאָענט־קייט, אַ משפחה־געפיהל, צווישען אַלע ראַדיקאַלע באַוועגונגען, אָפּ־

געזעהן פון דעם וואָס זיי האָבען זיך געוואַלדיג אונטערשיידט אין זייערע פּרינציפּען און אין זייערע פּראָגראַמען.

* * *

אַ צווייטערביישפּיל פון דעם איז פאָרגעקומען מיט אַ צענדליג יאָהר שפּעטער. דאָס איז געווען אין יאָהר 1918. מייער לאָנדאָן איז דאַן געלאָפען פאַר אַ דריטען טערמין צום קאָנגרעס; און עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען קריגען דעם אינדאָרסמענט און מיטהילף פון די פועלי ציוניסטען. אין אַלע פריערדיגע קאַמפּעינס האָבען די פועלי ציוניסטען געשטיצט די קאַנדידאַטען פון דעם סאָצאַליסטישען טיקעט און זיי האָבען דאָס געוואָלט טאָן אויך דעם מאָל. זיי האָבען אָבער געפאָדערט, אַז מייער לאָנדאָן זאָל זיי געבען אַ פאַרשפּרעכען, אַז ער וועט שטיצען אַ רעזאָלוציע אין קאָנגרעס צו גונסטען דער באַלפור דעקלאַראַציע. זיי האָבען זיך געווענדעט צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי וועגען דעם און די פּאַרטיי האָט זיי אָפּגעשיקט צו לאָנדאָנ׳ען. לאָנדאָן האָט די פאָדערונג צוריקגעוויזען. איז צונויפגעשטעלט געוואָרען אַ ספּעציעלע קאָמיטע צו געהן רעדען מיט לאָנדאָנ׳ען און זוכען צו געפינען אַן אויסגלייך צווישען איהם און די פועלי ציון. איך בין געווען איינער פון דער קאָמיטע. צוזאַמען מיט מיר זיינען געגאַנגען פאָרשטעהער פון די פועלי ציון. איך האָב פאָרטראָטען דעם „פאָרווערטס“.

די קאָמיטע האָט ביי לאָנדאָנ׳ען ניט געקענט פועל׳ן אַז ער זאָל ענדערען זיין שטעלונג. די פועלי ציון זיינען אָבער ניט אַרויסגעטראָטען געגען איהם און אַ סך פון זיי האָבען זיך באַטייליגט אין זיין קאַמפּעין. טראָץ דעם וואָס די פיהרערשאַפט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אויף דער אידישער גאַס איז דאַמאָלסט געווען געגנעריש געשטימט צום ציוניזם און טראָץ דעם וואָס די פועלי ציוניסטען זיינען געקומען אין אָפטע קאָנפליקטען מיט דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָבען זיי געאַרבייט צוזאַמען אין קאַמפּעינס און אונטערנעמונגען אין וועלכע די פראַגע פון ציוניזם איז ניט געווען פאַרבונדען. אַלס ראַדיקאַלען האָבען די

סאָציאַליסטען און די פּועלי ציוניסטען געפיהלט, אַז זיי געהערען צו דער זעלבער משפחה.

* * *

מיט דעם אויפקום פון קאָמוניזם האָט זיך די לאַגע אינגאַנצען געביטען. די קאָמוניסטען האָבען קיינמאָל ניט אַנערקענט, אַז זיי געהערען צו דער זעלבער משפחה ווי די אַנדערע ראַדיקאַלע באַוועגונגען. זיי האָבען געמאַכט ספּעציעלע אָנשטרענגונגען אָפּצושטויסען פון זיך די אַנדערע ראַדיקאַלע גרופּעס וואָס ווייטער. פאַר די סאָציאַליסטען האָבען זיי ניט געהאַט קיין אַנדער נאָמען ווי „סאָציאַל פאַשיסטען". אין רוסלאַנד האָבען זיי די סאָציאַליסטען פאַרפאָלגט און איוסגעראָטען מיט גרעסערער גרויזאַמקייט ווי זיי האָבען אָנגעווענדעט געגען די ערגסטע רעאַקציאָנערען.

צום אומגליק האָט עס געדויערט אַ לאַנגע צייט איידער די סאָציאַליסטען און אַנדערע ראַדיקאַלען האָבען זיך איבערצייגט, אַז די קאָמוניסטען געהערען ניט צו דער אַלגעמיינער ראַדיקאַלער משפחה. זיי האָבען געמיינט, אַז מען קען זיך באַציען צו די קאָמוניסטען אַזוי ווי צו „אייגענע געגנער", זיך קריגען מיט זיי איבער געוויסע ענינים און מיטאַרבייטען מיט זיי אין אַנדערע ענינים. זיי האָבען זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז אַ באַוועגונג אָדער אַ פּאַרטיי וואָס פּאָזירט אַלס עקסטרעם לינק זאָל זוכען צו פאַרניכטען אַלע אַנדערע ראַדיקאַלע באַוועגונגען בלויז דערפאַר וואָס זיי לאָזען זיך ניט פאַרשלינגען פון איהר.

דערפאַר האָט עס פּאַסירט, אַז יעדעס מאָל וואָס די קאָמוניסטען האָבען פּרובירט אַריינצונאַרען די סאָציאַליסטען מיט אַ פאָרשלאַג פון אַ „פאַראייניגטען פראָנט", האָט זיך דאָס זיי ביז אַ געוויסען גראַד איינגעגעבען. אין די סאָציאַליסטישע רייען זיינען שטענדיג געווען מיטגלידער וואָס האָבען זיך געלאָזט פאַרפיהרען, ווייל זיי האָבען זיך ניט געקענט באַפרייען פון דעם אַלטען געפיהל, אַז אַלע ראַדיקאַלען געהערען צו איין משפחה און אַז מען קען געפינען כאָטש אַ שטיקעל באָדען אויף וועלכען אַלע קענען שטעהן צוזאַמען.

קאַפּיטעל צוואַנציג

בן־ציון מיימאָן

(דער וואַשינגטאָנער קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס״)

אויף די ווענט אין דער געביידע פון דעם באַריהמטען נאַציאָנאַ־לען פּרעסע־קלוב אין וואַשינגטאָן זיינען איינגעפּאַסט פּלאַקאַטען (מאַטריצען) פון די וויכטיגסטע צייטונגען אין לאַנד. צווישען די לאַנגע שורות פּלאַקאַטען געפינט זיך בלויז איינע אין אַ פרעמד־שפּראַ־כיגע, די איינע איז דער „פאָרווערטס״.

צו דעם נאַציאָנאַלען פּרעסע־קלוב געהערען די וואַשינגטאָנער קאָרעספּאָנדענטען פון אַלע צייטונגען, וואָס זיינען פאַרטראָטען אין וואַשינגטאָן. צו ווערען אַ מיטגליד אין דעם פּרעסע־קלוב איז ניט אַזוי לייכט. דער קאַנדידאַט און זיין צייטונג מוזען ביידע נאָכקומען אַ געוויסען זשורנאַליסטישען און עטישען סטאַנדאַרט. דער נאַ־ציאָנאַלער פּרעסע־קלוב איז מעהר ווי אַ פאַרבאַנד פון צייטונגס־לייט. ער איז אַ וויכטיגע פּאָליטישע טריבונע. יעדער דיפּלאָמאַטישער גאַסט, וואָס באַזוכט וואַשינגטאָן אויף אַ שליחות פון אַ פרעמדער רעגירונג, האַלט עס פאַר זיין פליכט צו אַדרעסירען דעם פּרעסע־קלוב און צו ענטפערען אויף פראַגען וואָס די צייטונגס־לייט שטעלען איהם נאָך דער רעדע.

די „פאָרווערטס״־רעדאַקציע האָט געהאַט אַ ספּעציעלען קאָרעס־פּאָנדענט אין וואַשינגטאָן פון 1915 ביז 1939. פאַרנומען דעם פּאָס־טען די אַלע יאָהרען האָט אונזער מיטאַרבייטער בן ציון מיימאָן. ווען ער האָט אין 1939 פאַרלאָזען וואַשינגטאָן צו פאַרנעמען אַ אַנדער פּאָסטען אין דער רעדאַקציע אין ניו יאָרק, איז ער געווען

איינער פון די באַליבטסטע און געאַכטעטסטע מיטגלידער פון דעם נאַציאָנאַלען פּרעסע־קלוב. ער האָט געצעהלט צווישען זיינע אינטימסטע פריינד די וועטעראַנען פון דער וואַשינגטאָנער קאָרעספּאָנדענטען־משפחה, מיטגלידער פוןביידע צווייגען פון קאָנגרעס — „האַוז אָוו רעפּרעזענטאַטיווס" און סענאַט; געוועזענע און געגענוואַרטיגע מיטגלידער פון קאַבינעט און פון פאַרשידענע רעגירונגס־דעפּאַרטמענטס, ריכטער פון די העכסטע געריכטען, באַאַמטע אין ווהאַיט־האַוז, און אַזוי ווייטער און ווייטער. זיין מיטגלידערשאַפט אין פּרעסע־קלוב האָט ער ניט אויפגעגעבען די אַלע יאָהרען וואָס ער איז געווען אין ניו יאָרק. און ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין וואַשינגטאָן מיט איניגע יאָהר צוריק, האָט ער באַנייט זיין פריינדשאַפט מיט פיל פון די אַמאָליגע קאָלעגען און רעגירונגס־באַאמטע. בן ציון מיימאן איז היינט, ווי אַמאָל, איינער פון די באַקאַנטסטע פּנים׳ער אין דעם נאַציאָנאַלען פּרעסע־קלוב.

* * *

דער יאָהר 1915, ווען בן ציון מיימאן האָט אָנגעהויבען זיין קאַריערע אַלס וואַשינגטאָנער קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס", איז געווען אַ וויכטיגע דאַטע אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער אַרבייטער־באַוועגונג. אין יענעם יאָהר איז מייער לאָנדאָן צום ערשטען מאָל איינגעשוואָרען געוואָרען אַלס דער סאָציאַליסטישער קאָנגרעסמאַן פון דער ניו יאָרקער איסט סאַיד. מייער לאָנדאָן איז געווען דער קאַנדידאַט פון „פאָרווערטס" און פון די אידישע יוניאָנס און פון דעם אַרבייטער רינג. ער איז געווען אַ מיטגליד פון „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאָן און פלעגט פון צייט צו צייט שרייבען אין דער צייטונג. ער איז אויך געווען דער לאָיער פון אַרבייטער רינג און אַ בויער און פיהרער פון אַ צאָל אידישע יוניאָנס. זיין ערוועהלונג אין דעם עלעקשאָן פון 1914 האָט געוועקט פרייד און שטאָלץ אין די הערצער פון הונדערטער טויזענטער אידישע אַרבייטער און פאָרטגעשריטענע אידען אין אַלגעמיין. זיי האָבען עס באַטראַכט פאַר דער גרעסטער דערגרייכונג אין זייער פּאָליטישען לעבען.

איינע פון די הויפט־אויפגאַבען, וואָס בן־ציון מיימאָן האָט געהאַט אַלס „פאָרווערטס"־קאָרעספּאָנדענט אין וואַשינגטאָן, איז געווען טאַקע נאָכצופאָלגען די אַרבייט פון קאָנגרעסמאַן מייער לאָנדאָן און דערצעהלען וועגען דעם די לעזער פון אונזער צייטונג. און די אויפגאַבע האָט בן־ציון מיימאָן דורכגעפירט גלענצענד. זיינע אינטימע פאַרבינדונגען מיט די קאָרעספּאָנדענטען פון אַנדערע צייטונגען און זיין באַקאַנטשאַפט מיט די וויכטיגע פיגורען אין קאָנגרעס און אין פאַרשידענע רעגירונגס־צווייגען, און אויך אין די פּאָליטישע פּאַרטייען, האָט מעגליך געמאַכט פאַר מיימאָנ׳ען צו געבען אַ ריכטיגע שילדערונג און אָפּשאַצונג פון דעם אָרט וואָס לאָנדאָן האָט פאַרנומען אין קאָנגרעס. די לעזער פון „פאָרווערטס" האָבען פון מיימאָנ׳ס אָפטע בריף געלערענט ניט נאָר וועגען לאָנדאָנ׳ס אַרבייט אין קאָנגרעס, וועגען זיינע „בילס", רעדעס און זיינע טעטיגקייטען אין די קאָמיטעס. זיי האָבען זיך אויך פון זיינע בריף דערוואוסט ווי אַזוי לאָנדאָנ׳ס קאָלעגען קוקען אויף איהם, וואָס די פּרעסע פון לאַנד שרייבט וועגען איהם, וואָס מען טראַכט און וואָס מען זאָגט וועגען איהם אין די ענגע הויכע פּאָליטישע קרייזען. אין דעם פּרט איז מיימאָן געווען אַ גרויסע הילף צו לאָנדאָנ׳ען. די אינפאָרמאַציע וואָס מיימאָן האָט געזאַמעלט דורך זיינע פאַרבינדונגען, איז שטאַרק צוניץ געקומען לאָנדאָנ׳ען אין מאַנעווורירען זיין אַרבייט אין קאָנגרעס.

מיט׳ן לויף פון צייט האָט מיימאָן אויסגעברייטערט זיין אַרבייט פאַר׳ן „פאָרווערטס". ער האָט געשריבען וועגען אַלע וויכטיגע געשעהענישען אין וואַשינגטאָן. מען דאַרף אין זינען האָבען, אַז אין 1915 האָבען זיך אָנגעהויבען יענע דיפּלאָמאַטישע קאָנפליקטען צווישען וואַשינגטאָן און בערלין, וועלכע האָבען געפיהרט צו דעם אַז אַמעריקע האָט מיט צוויי יאָהר שפּעטער געמוזט אַריינטרעטען אין דער מלחמה אויף דער זייט פון די עלאַיס. די צייט איז געווען אַ קאָכיגע, אַ נערוועזע, אַ צוטומעלטע. די ווהאַיט־האַוז און דער קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן זיינען געווען דער צענטער פון דעם קאָך און נערוועזיטעט. און איןביידע פּלעצער איז מיימאָן געווען אַן אָפטער גאַסט און אַן אָנפּאַרטרויטער מענש, אַזוי ווי די אַנדערע

אנערקענטע וואַשינגטאָנער קאָרעספּאָנדענטען. אַלץ, וואָס ער האָט דאָן געשריבען אין „פאָרווערטס", איז געווען באַזירט אויף אינ־פאָרמאַציע פון די ערשטע קוואַלען און אויף אינטימסטע באָאָב־אַכטונגען.

אויב איהר וועט אַמאָל בלעטערען דעם „פאָרווערטס" פון די צוואַנציגער און דרייסיגער יאָהרען, וועט איהר דאָרט געפינען אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען מאַנכע אונטערגעשריבען „בן ציון" און אַנדערע „ב. מיימאָן", וואָס האָבען אַ פּערמאַנענטען ווערט און וואָס קענען זיין נוצליך פאַר דעם שרייבער פון געשיכטע, סאַי אַמערי־קאַנישע, סאַי אידישע. אויפ'ן צעטעל פון די אַרטיקלען זיינען דאָ פּאָרטרעטען פון היסטאָרישע פּערזענליכקייטען און אינטערוויוס וועגען די וויכטיגסטע פּראָבלעמען פון יענער צייט און וועגען אידישע אנגעלעגענהייטען.

די גרעסטע סענסאַציע פאַר סאָציאַליסטען און פּראָגרעסיווע מענשען אין 1921 איז געווען די באַפרייאונג פון דעבס'ן פון טורמע. וואו ער איז פאַרשיקט געוואָרען אויף אַ טערמין פון 10 יאָהר פאַר זיינע רעדעס געגען דער מלחמה. באַגנאַדיגט האָט איהם גראַדע אַ קאָנסערוואַטיווער פּרעזידענט, פּרעזידענט האַרדינג. מיט דער גע־שיכטע האָט געקאָכט דאָס לאַנד מאָנאַטען־לאַנג. פריהער האָט האַר־דינג געשיקט נאָך דעבס'ן אין פּריזאָן, ער זאָל קומען אין ווהאַיט־האַוז איהם זעהן. די איינלאַדונג אַליין איז שוין געווען אַ גענוגענדע איבעררעשונג. אַב. קאַהאַן האָט געהייסען מיימאָנ'ען גלייך אָפּ־פאָרען צו דעבס'ן אין פּריזאָן אין אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיאַ, און האָבען מיט איהם אַ געשפּרעך און דערנאָך באַגלייטען איהם קיין וואַשינגטאָן אויף זיין רייזע צום פּרעזידענט. עס פאַרשטעהט זיך, אַז מיימאָן וואָלט די מיסיע ניט געקענט דורכפיהרען ווי געהעריג איז, ווען ער וואָלט ניט געהאַט די נויטיגע פאַרבינדונגען אין דזשאָסטיס דע־פּאַרטמענט פון וואַשינגטאָן און אַ צוטריט צום פּרעזידענט, אין ווהאַיט־האַוז. די אַרטיקלען, וואָס ער האָט געדרוקט אין „פאָר־ווערטס" פון דער רייזע, זיינען געווען אַ טריאומף פון זשורנאַליזם סאַי פאַר מיימאָנ'ען און סאַי פאַר דעם „פאָרווערטס".

אין די אַכט יאָהר וואָס די רעפּובליקאַנער האָבען געהערשט אין

וואַשינגטאָן, די יאָהרען פון האַרדינג, קולידזש און הואווער, האָט מיימאַן געהערט צו דער גרופּע קאָרעספּאָנדענטען, וועלכע האָבען פאַרטראָטען די צייטונגען פון דער אָפּאָזיציע. דאָך זיינען פאַר איהם געווען אָפען די טירען פון די רעגירונגס־אָפּיסעס, און אַזוי ווי אין דעם פאַל מיט דעבס'ן, האָט ער באַקומען די אַלע פּריווי־לעגיעס צו וועלכע צייטונגס־פאַרשטעהער זיינען באַרעכטיגט. מיט דער ערוועהלונג פון פּרעזידענט רוזוועלט איז ער געוואָרען מעהר ווי בלויז „אַן אָפיציעלער צייטונגס־מענש". ער איז אנערקענט גע־וואָרען פון דער אַדמיניסטראַציע אַלס אַן אייגענער, אַן אייגענער אויך ביי רוזוועלט'ן אין ווהאַיט־האַוז. ווען רוזוועלט איז נאָמינירט געוואָרען צום צווייטען מאָל, ביי דער פילאַדעלפיער קאָנווענשאָן אין 1936, און ער האָט געדאַרפט אָפּפאָרען אַהין האַלטען זיין „עק־סעפּטענס ספּיטש", איז מיימאַן איינגעלאַדען געוואָרען מיטצופאָרען אויפן „פּרעזיעדנט'ס טרעין". ער איז אויסגעקליבען געוואָרען אַלס איינער פון אַ קליינער גרופּע קאָרעספּאָנדענטען צו וועמען דער כבוד איז צוגעטיילט געוואָרען.

מיר, אין דער רעדאַקציע, האָבען געוואוסט וועגען מיימאַנ'ס אָפטע באַזוכען אין ווייסען הויז. ער פלעגט אונז דערצעהלען וועגען זיינע באָאָבאַכטונגען און באַגעגענישען דאָרטען. ער האָט זעהר ליב געהאַט רוזוועלט'ן און האָט ליב געהאַט צו רעדען וועגען איהם.

מיר, וואָס האָבען געקענט מיימאנ'ען זעהר גוט, האָבען גע־וואוסט אַז יעדעס וואָרט וואָס ער זאָגט איז אמת, ווייל מיימאן איז די עהרליכקייט אַליין.

אין פאַרבינדונג מיט דעם האָט זיך ביי מיר אין זכרון פאַר־וואַלגערט אַן ערינערונג וואָס איך וויל דאָ איבערגעבען. דאָס האָט פּאַסירט, דאַכט מיר, אין רוזוועלט'ס צווייטען טערמין. אין ווהאַיט־האַוז פלעגען דאַמאָלסט פאָרקומען אָפטע פּרעסע־קאָנפערענ־צען צווישען דעם פּרעזידענט און די וואַשינגטאָנער קאָרעספּאָנדענ־טען. די קאָנפערענצען זיינען געוואָרען באַרימט צוליב דעם אינ־טערעסאַנטען און קלוגען אויסטויש פון מיינונגען צווישען רוזוועלט'ן און די צייטונגסלייט. די פּרעסע פון גאַנצען לאַנד האָט אָפּגע־געבען לאַנגע קאָלומס באַריכטען פון יעדער קאָנפערענץ.

האָט זיך אַ מואווי־קאָמפּאַני מיישב געווען, אַז עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו פאָטאָגראַפירען איינע פון די קאָנפערענצען, יענע מאָמענטען, פאַרשטעהט זיך, וואָס לאָזען זיך פאָטאָגראַפירען.

זיץ איך איינמאָל אין אַ מואווי ווען דאָס בילד איז געוויזען געוואָרען. די ערשטע סצענע האָט פאָרגעשטעלט ווי די קאָרעספּאָנ־דענטען פאַרזאַמלען זיך צו געהן צו דער קאָנפערענץ אין ווהאַיט־האַוז. דערנאָך זעהט מען ווי זיי שפּאַצירען אויף די ווהאַיט־האַוז „גראונדס” און צו דער טיר וואָס פיהרט צו דעם קאָנפערענץ־צימער. איך האָב זיך גלייכגילטיג צוגעקוקט. פּלוצלינג האָב איך דערפיהלט אַ וואַרימען ציטער. איך האָב דערזעהן ווי מיימאַן געהט אַרומגערינגעלט פון אַנדערע קאָרעספּאָנדענטען. און באַלד האָט זיך באַוויזען אַ „קלאָוז־אַפּ”, וואָס האָט אויסגעטיילט עטליכע געשטאַל־טען, מען זאָל זיי קענען בעסער זעהן. און איינער פון די געשטאַל־טען איז געווען בן־ציון מיימאָן. ער איז געגאַנגען מיט זיין שטעקען אונטער׳ן אָרים, מיט פעסטע טריט און מיט זיין וואַרימען שמייכעל אויפ׳ן פּנים. דאָס בילד שטעהט מיר נאָך היינט פאַר די אויגען.

קאַפּיטעל איין־און־צוואַנציג

די סאָציאַליסטישע קאַמפּעינס אין די אידישע קוואַרטאַלען

אין קיין טייל פון דער שטאַט ניו יאָרק זיינען די פּאָליטישע קאַמפּעינס ניט געווען אַזוי שטורמיש, פּאַרבענרייך און אינטערע־סאַנט, ווי אויף דער אַמאָליגער איסט־סאַיד און אין אַנדערע אידישע קוואַרטאַלען. דאָס איז געווען אין דער צייט ווען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז געגאַנגען באַרג אַרויף און די אידישע אַרבייטערשאַפט און אינטעליגענץ זיינען געשטאַנען אונטער איהר איינפלוס. און דאָס זיינען טאַקע געווען די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען און זייערע אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבען געמאַכט די קאַמפּעינס אַזוי לעבעדיג און אַזוי ווירקזאַם. אין די צווייי מאָנאַטען, פון לעיבאָר־דעי, אָנהויב סעפּטעמבער, ביז עלעקשאָן־טאָג, אָנהויב נאָוועמבער, האָבען די גאַ־סען פון די אידישע דיסטריקטען געקאָכט מיט סאָציאַליסטישע אָפּען־עיר מיטינגען, מיט דעמאָנסטראַציעס אין די האָלס, מיט מאַרשען און פּאַראַדען און אַנדערע קאַמפּעין־טעטיגקייטען. אין די ערב־עלעק־שאָן טעג זיינען טויזענטער אידישע פאַמיליעס געווען וואַך גאַנצע נעכט. די טעאַטערס האָבען דאַמאָלסט געהאַט זייערע ערגסטע איינגאַמעס און די סטאָרס האָבען כמעט ניט געטאָן קיין ביזנעס. עס איז געווען הימעל און ערד און קאַמפּעין.

אַ סך יאָהרען פלעגען זיך די קאַמפּעינס ענדיגען מיט אַ קאַצענ־יאמער פאַר די סאָציאַליסטען. אין פאַרלויף פון די קאַמפּעין וואָכען פלעגט עס אויסווייזען, אַז קיין אַנדערע ווי סאָציאַליסטישע איינ־וואוינער זיינען אין די דיסטריקטען גאָר ניטאָ. די אַנדערע פּאַר־טייען פלעגען זיך כמעט ניט באַווייזען אויף דער גאַס. אויף דער איסט סאַיד איז געווען אַ טראַדיציע, אַז דעם שבת אָוועגט פאַר׳ן

עלעקשאָן־טאָג פלעגט דורכגעפיהרט ווערען אַ פּאַראַד פון דעם דזשאָן פ. עהוירן טעמעני־קלוב אויף איסט בראָדוועי. די טעמעני לייט פלעגען מאַרשירען מיט פאַקעלן און מיט פויקען און טרו־מייטערס. דער „באָס", דזשאָן פ. עהוירן, פלעגט געהן דער ערשטער, אויסגעפּוצט אין אַ צילינדער מיט אַ לענטע אויפ'ן ברוסט און אַ שטעקען אין האַנט. אַלע זיינען זיי געגאַנגען מיט פעסטע טריט, פּרעהליכע און לוסטיגע, ווייל זיי האָבען געוואוסט אַז דער עלעק־שאָן איז זייערער, אַז וואָס עס זאָל ניט געשעהן וועלען זייערע קאַנדידאַטען ערוועהלט ווערען.

און אַזוי פלגט עס טאַקע זיין, ניט נאָר אויף דער איסט־סאַיד, נאָר אין אַלע אידישע דיסטריקטען וואו די סאָציאַליסטען האָבען וואָכען־לאַנג געשטורעמט מיט פּראָפּאגאנדע און וואו די לופט איז געווען פול מיט זייערע רעדעס און מיט די הורא־געשרייען פאַר זייערע קאַנדידאַטען. נאָכדעם ווי מען האָט איבערגעצעהלט די שטימען פלעגט זיך אַרויסווייזען, אַז געזיגט האָט טעמעני אָדער אין אַן אויסנאַם־פאַל דער רעפּובליקאַנער טיקעט, קיינמאָל ניט דער סאָציאַליסטישער.

די סאָציאַליסטען זיינען, פאַרשטעהט זיך, געווען אַנטוישט און דערדריקט, אָבער זיי האָבען ניט פאַרלאָרען דעם מוט. פאַר־קערט, נאָך יעדען דורכפאַל פלעגען זיי זיך פאַרשווערען אָנ־צוהויבען איבעראַניים מיט מעהר פעסטקייט און אַנטשלאָסענקייט. זיי האָבען ניט פאַרלאָרען זייער מוט, ווייל זיי האָבען געוואוסט, אַז זייער אַרבייט איז ניט געווען אַרויסגעוואָרפען, אַז זיי האָבען דאָך געמאַכט פאָרשריט. אין אַ סך פאַלען האָט פּאַסירט, אַז די סאָציאַלי־סטען האָבען געקראָגען מעהר שטימען ווי טעמעני, נאָר די צעהלער האָבען זיי באַ'גנב'עט און באַשווינדעלט. זיי זיינען געווען איבער־צייגט, אַז ס'איז בלויז אַ פראַגע פון מעהר אָנשטרענגונג, מעהר וואַכזאַמקייט, מעהר מיליטאַנטישקייט און דער זיג וועט זיין זייערער.

אין 1914 איז געבראָכען געוואָרען דאָס אייז. דאָס אייז איז געבראָכען געוואָרען מיט אַ קראַך, וואָס האָט אויפגערודערט ניט נאָר ניו יאָרק, נאָר דאָס גאַנצע לאַנד. אין יענעם עלעקשאָן האָט די

איסט־סאַיד ערוועהלט אַ סאָציאַליסטישען קאָנגרעסמאַן, מייער לאָנדאָן. און נאָכדעם איז געקומען איין סענסאַציע נאָך דער צווייטער. בראָנזוויל האָט ערוועהלט דעם ערשטען סאָציאַליסטישען אַסעמבלימאַן, אייברעהעם שיפּלאַקאָוו, אין 1915. מיט אַ יאָהר שפּעטער איז דאָס זעלבע געשעהן אין וויליאַמסבורג, וואו די סאָציאַליסטען האָבען ערוועהלט דזשעי ווייטהאָרן צו דער אַסעמבלי. און אין 1917 איז פאָרגעקומען דער סאָציאַליסטישער שטורעם אין אַלע אידישע קוואַרטאַלען. עס זיינען דאַן ערוועהלט געוואָרען צען סאָציאַליסטישע אַסעמבליליייט, זיבען אַלדערמען און אַ סאָציאַליסטישער ריכטער (דזשעיקאָב פּענקין). די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט ענדליך איינגענומען אַלע אידישע דיסטריקטען, פון וויליאַמסבורג ביז בראָנזוויל, פון דער איסט סאַיד דורך האַרלעם ביז בראָנקס.

דער צענטער פון די אַלע סאָציאַליסטישע קאַמפּעינס איז געווען דער „פאָרווערטס". אין די קאַמפּעין־וואָכען האָט די צייטונג ניט געשפּאָרט קיין נייעס, אַרטיקלען, אַדווערטאַיזמענטס, וואָס האָבען געהאַט אַ שייכות מיט די קאַמפּעין־טעטיגקייטען. עס זיינען געווען טעג, ווען דער סאָציאַליסטישער קאַמפּעין פלעגט פאַרטונקלען די אַנדערע נייעס פון טאָג. מען דאַרף האָבען אין זינען, אַז אייניגע פון די קאַמפּעינס זיינען פאָרגעקומען אין די יאָהרען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דער עולם האָט געוואַרט מיט גרויס נייגעריגקייט אויף נייעס פון די פראָנטען; דער קאַמפּעין האָט אָבער גענומען די אויבערהאַנט.

דאָס האָט אָבער דעם „פאָרווערטס" ניט געשעדיגט. פאַרקערט, דאָס האָט איהם צוגעגעבען פּרעסטיזש און צוגעצויגען לעזער, ווייל די ברייטע מאַסען זיינען געווען טיף פאַראינטערעסירט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אין דעם פּאָליטישען קאַמף וואָס די באַוועגונג האָט אָנגעפירט. פאַר די קאַמפּעינס האָבען געאַרבייט ניט נאָר די פּאַרטיי און ניט נאָר די יוניאָנס און אַנדערע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס, נאָר אויך מיטעלקלאַס מענשען און גרויפּעס און אַפילו רייכערע אידען. די סאָציאַליסטישע קאַמפּעינס האָבען געטראָגען דעם כאַראַקטער פון פאָלקס־באַוועגונגען.

פאַר די מיטאַרבעטער פון דער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע זיינען די קאַמפּעין־וואָכען געווען זעהר, זעהר שווערע. אַ סך פון זיי האָבען אויסער זייער אַרבייט אין דער רעדאַקציע געמוזט אויך העלפען אין דעם קאַמפּעין מיט רעדעס און אין קאָמיטעס. עס פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרען פריי, אָהן באַלוינונג. דאָס איז אויך געווען דער פאַל מיט אַנגעשטעלטע אין אַנדערע אָפּטיילונגען פון דער צייטונג, וועלכע פלעגען בייטאָג טאָן זייער געוויינטלעכע אַרבייט און ביינאַכט זיך אָפּגעבען מיט דעם קאַמפּעין. לאָמיר דאָ אָנגעבען צוויי ביישפּילען:

אין 1918 בין איך געלאָפען אַלס קאַנדידאַט פאַר אַסעמבלימאַן אין וויליאַמסבורג, און חנא גאָטעספעלד, וועלכער איז דאַמאָלסט געווען אַ נייעס־שרייבער אין דער רעדאַקציע, האָט זיך אַליין אָנגעבאָטען צו פיהרען די פּובליסיטי פון מיין קאַמפּעין. ער פלעגט אַרבייטען טאָג און נאַכט, זיבען טעג אַ וואָך. אויסער זיין רעגולערער אַרבייט אין נייעס־דעפּאַרטמענט פלעגט ער שרייבען ליפלעטס, גיין צו די מיטינגען, באַזוכען פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס צו קריגען אינדאָרסמענטס און אַמאָל אויך צו קריגעןביישטייערונגען. ער איז געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין דער אַרבייט, אַז ער איז געווען זיכער אַז איך וועל ערוועהלט ווערען. און ווען איך בין דורכגעפאַלען, איז ער געווען דער אומגליקליכסטער מענש אויף דער איסט־סאַיד; ער האָט זיך ניט געקענט פאַרשטעלען, אַז דאָס וועט קענען פּאַסירען. ער האָט אויך באַטראַכט מיין נידערלאַגע פאַר אַ פּערזענליכער באַליידיגונג פאַר איהם.

אַ צווייטען ביישפּיל פון אומערמידליכע קאַמפּעין־אַרבייטער פון „פאָרווערטס" מענשען האָט געגעבען לואיס שייפּער, וועלכער איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבען. געווען איז דאָס אין די באַרימטע מייער לאָנדאָן קאַמפּעינס אין 1912, 1914 און 1916. לואיס שייפּער איז דאַמאָלסט געווען דער מענעדזשער פון דער „צוקונפט", וואָס איז דאַן אַרויסגעגעבען געוואָרען פון דער „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאָן אונטער דער רעדאַקציע פון אברהם ליעסין. לואיס שייפּער האָט אַלס צוגאָב פון פאַרוואַלטען די „צוקונפט"

אויך אָנגעפיהרט די לאָנדאָן־קאַמפּעינס. און זיין אַרבייט האָט פיל בייגעטראָגען צו דעם זיג פון מייער לאָנדאָן אין 1914 און 1916.

איינע פון די פיטשורס פון דעם לאָנדאָן קאַמפּעין וואָס האָט געמאַכט אַ פוראָר איז געווען שייפּער׳ס אַן איינפּאַל. ער האָט די פיטשור אויסגעפּרובירט צום ערשטען מאָל אין 1912, און זי האָט דאַמאָלסט אַזוי שטאַרק אויסגענומען, אַז ער האָט זי באַנוצט אויך אין 1914. די פיטשור איז באַשטאַנען אין אָפּדרוקען אין „פאָר־ווערטס" די נעמען און אַדרעסען פון אַלע רעדזשיסטרירטע סיטי־זענס אין לאָנדאָנ׳ס דיסטריקט צוזאַמען מיט אַן אַפּיל צו די „פאָר־ווערטס" לעזער, אַז זיי זאָלען באַזוכען די בירגער און רעדען מיט זיי וועגען שטימען פאַר מייער לאָנדאָן. דער אָפּרוף איז געווען אַ געוואַלדיגער און האָט געבראַכט זעהר גוטע רעזולטאַטען.

די פיטשור האָט אָפּגעקאָסט דעם „פאָרווערטס" אַ היפּשע סומע געלט. קיינער האָט איהם ניט באַצאָהלט פאַר דער אַרבייט פון זעצען און דרוקען די נעמען און פאַר די פּאַפּיר וואָס די טויזענטער נעמען האָבען פאַרנומען. די הוצאה איז געווען אַ קליינער טייל פון דעם וואָס דער „פאָרווערטס" האָט בייגעשטייערט דירעקט און אומדירעקט צו סאָציאַליסטישע קאַמפּעינס. די דירעקטע ביישטייע־רונג איז באַשטאַנען, ערשטענס, פון קעש געלט, וואָס די „פאָר־ווערטס" אַסאָסיאיישאָן פלעגט יעדען יאָהר באַוויליגען צו דעם סאָציאַליסטישען קאַמפּעין אין אַלגעמיין און צו די סאָציאַליסטישע קאַמפּעינס פון יעדען אידישען דיסטריקט באַזונדער. און אָפט פלעגט פּאַסירען, אַז מען האָט זיך געווענדעט צום „פאָרווערטס" פאַר אַ ביישטייערונג פאַר סאָציאַליסטישע קאַמפּעינס אין אַנדערע שטעט, וואו עס זיינען געווען גוטע אויסזיכטען צו דערוועהלען אַ קאַנדידאַט. דער „פאָרווערטס" האָט, דאַכט מיר, קיינמאָל אַזאַ ווענ־דונג ניט צוריקגעוויזען.

צווייטענס, האָט דער „פאָרווערטס" געדרוקט פרייע אַדווערטאַיז־מענטס און אַנדערע פּובליסיטי פאַר דעם קאַמפּעין, וואָס האָט איהם געקאָסט גרויסע סומען געלט. ער האָט אויך געמאַכט אַנדערע אויסגאַבען צו העלפען דעם קאַמפּעין, סאַי אין דער רעדאַקציע און סאַי אין דעם ביזנעס־דעפּאַרטמענט.

די אומדירעקטע ביישטייערונג פון „פאָרווערטס״ צו די סאָ־ציאַליסטישע קאַמפּעינס איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער האָט זיך אנטזאגט צו דרוקען די אַדווערטאַיזמענטס פון די אַנדערע פּאַרטייען און זייערע קנאַדידאַטען. דאָס איז פאַר׳ן „פאָרווערטס״ געווען אַ פאַרלוסט פון פילע טויזענטער דאָלערס יעדען יאָהר. און דערפאַר וואָס מיר האָבען זיך אַנטזאגט צו דרוקען די אַדווער־טאַיזמענטס פון די אַנדערע פאַרטייען האָט דער „פאָרווערטס״ ניט געקענט באַקומען די רעגירונגס אַדווערטאַיזמענטס נאָכ׳ן עלעקשאַן. כאָטש ער איז געווען באַרעכטיגט צו דעם מעהר ווי די אַנדערע אידישע צייטונגען פשוט דערפאַר וואָס זיין צירקולאַציע איז געווען אַ סך אַ גרעסערע ווי זייערע. די רעגירונגס באַאמטע, וועלכע האָבען געהערט צו די אַנדערע פאַרטייען, האָבען באָיקאָטירט דעם „פאָרווערטס״ דערפאַר וואָס דער „פאָרווערטס״ האָט זיי באָיקאָ־טירט אין עלעקשאַן צייט.

ביים „פאָרווערטס״ איז עס געווען אַ פראַגע פון פּרינציפּ. ער האָט געהאַלטען, אַז די פאַרטייען וועלכע ער באַקעמפט אין זיינע עדיטאָריעלע קאָלומס טאָרען ניט קריגען די מעגליכקייט צו פיהרען פּראָפּאגאנדע אין זיינע אַדווערטאַיזמענט קאָלומס. ער האָט אויך געוואוסט, אַז עס זיינען פאַראַן לעזער וואָס קענען זיך ניט פאַנאַנ־דערקלייבען אין דעם אונטערשיד צווישען עדיטאָריעלע שטאָף און אַדווערטאַיזינג שטאָף. דעם זעלבען פּרינציפּ ווענדעט דער „פאָרווערטס״ אָן אין באַצוג צו יוניאָנס. אין צייט פון סטרייקס אַנטזאגט זיך דער „פאָרווערטס״ צו דרוקען אַדווערטאַיזמענטס פון די באַלעבאַטים — ניט בלויז אַזוינע אַדווערטאַיזמענטס אין וועלכע די באַלעבאַטים זוכען סקעבס אָדער סטרייקברעכער, נאָר אפילו אַזוינע אַדווערטאַיזמענטס אין וועלכע באַלעבאַטים פּרובירען פאַר־צולעגען זייערע טענות און רעכטפערטיגען זייער שטעלונג געגען די יוניאָנס.

דער „פאָרווערטס״ באַטראַכט פּאָליטישע קאַמפּעינס און סטרייקס ווי מלחמות צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט און אין צייט פון מלחמה קען מען זיך ניט ערלויבען צו זיין צו־טאָלעראַנט צום שונא.

קאַפּיטעל צוויי־און־צוואַנציג

מ. אַשעראָוויטש, שלמה בן ישראל און דזשעי גרעיסאָן

ווי אַזוי ווערט מען אַ שרייבער אין אַ ציטונג? ווי אַזוי קריגט מען אַ דזשאַב אין אַ רעדאַקציע? אויב איהר וועט פּרוּבירען קריגען אַן ענטפער אויף דער פראַגע ביי די שרייבער גופא, ביי די וואָס האָבען געהאַט די ערפאַהרונג פון קריגען אַזוינע דזשאַבס, וועט איהר ווערען צומישט. איהר וועט אויסגעפינען, אַז אַ היפּשע צאָל, ציטונגס־מיטאַרבייטער האָבען געהאַט גאַנץ אַנדערע אַמביציעס, אַז מאַנכע זיינען געוואָרען שרייבער צופעליג און אַז אַנדערע האָבען אַנטדעקט אין זיך זייערע אמת׳ע פעהיגקייטען און נייגונגען אַלס שרייבער נאָכדעם ווי זיי האָבען באַקומען זייערע שטעלעס.

צו אילוסטרירען וואָס איך האָב אויבען געזאָגט, וויל איך דערצעהלען די געשיכטע פון אייניגע „פאָרווערטס״־מיטאַרבייטער, ווי אַזוי זיי זיינען אַריינגעטראָטען אין דער רעדאַקציע.

איך וויל אָנהויבען פון דזשעי גרעיסאָן, וועלכער איז אָנגעקומען אין „פאָרווערטס״ מיט קנאַפּע דרייסיג יאָהר צוריק. (זיין אמת׳ער נאָמען איז געווען י. אַבראַמאָוויטש און אונטער דעם נאָמען האָט ער געשריבען דעם ערשטען צענדליג יאָהר. ער האָט איהם דערנאָך פאַרביטען אויף „גרעיסאָן״ כדי די לעזער זאָלען איהם ניט צוזאַמענפלאָנטערען מיט ר. אַבראַמאָוויטש).

דזשעי גרעיסאָן איז איינער פון די פעהיגסטע ציטונגסלייט אין דער אידישער פרעסע. אַלס רעפּאָרטער, אַלס שרייבער פון

„היומען אינטערעסט סטאָריס״ זיינען פאַראַן זעהר ווייניג שרייבער אין די אידישע צייטונגען וואָס קענען זיך מיט איהם פאַרגלייכען. אין פאַרלויף פון די יאָהרען וואָס ער איז אין „פאָרווערטס״ האָט ער אָנגעשריבען צענדליגע אויב ניט הונדערטער אַזוינע רעפּאָרטס, וואָס האָבען אַרויסגערופען באַוואונדערונג ניט בלויז צווישען די לעזער נאָר אויך אין דער פּראָפּעסיע. ער איז אַ פולשטענדיג „אַמעריקאַניזירטער שרייבער״. מיט דעם מיין איך צו זאָגען, אַז ער קען אַמעריקע; ער פאַרשטעהט דעם גייסט פון דעם עכטען אַמעריקאַנער, די אַנשויאונגען פון דעם עכטען אַמעריקאַנער, זיינע באַציהונגען צו ערענסטע פּראָבלעמען און צו פאַרוויילונגען, ספּאָרטס און אַזוי ווייטער. און דאָס פיהלט מען אין אַלץ וואָס גרעיסאָן שרייבט.

און אָט דער דזשעי גרעיסאָן, וועלכער איז אַזאַ אויסגעצייכענטער צייטונגסמאַן, האָט אין זיינע יונגע יאָהרען געהאַט גאַנץ אַנדערע אַמביציעס. ער האָט גע׳חלומ׳ט צו ווערען אַ מאַלער, אַ קאַרטוניסט, און ער האָט אַ שטיק צייט געשטודירט אין אַ קונסט־שולע אין אָדעס, און ווען ער איז געקומען אין אַמעריקע האָט ער פאַרגעזעצט זיין שטודיום אין דער קונסט־שולע פון עדיוקיישאָנעל אַלאַיענס.

אַז ער האָט טאַלאַנט צו שרייבען האָט ער אויסגעפונען דורך אַ צופאַל. פּאַסירט האָט עס אַזוי: אין 1924 איז אין ניו יאָרק אָנגעקומען דער קאַזאַצקער אַטאַמאַן סעמיאָנאָוו, וועלכער האָט מיט איינינגע יאָהר פריהער טעראָריזירט אַלע וועלכע פלעגען דאַרפען פאַרבייפאָהרען מאַנדזשוריע און האָט געטויט טויזענטער מענשען און אַ סך אידען צווישען זיי. זיין אָנקומען אַהער האָט אַרויסגערופען אַ שטורעם פון פּראָטעסטען צווישען די אידען אין ניו יאָרק און אַלס רעזולטאַט איז ער פאַרהאַלטען געוואָרען און איינגעשפּאַרט געוואָרען אין דעם דאַמאַלסטדיגען „לודלאָוו סטריט דזשעיל״. דער אידישער קוואָרטאַל האָט געקאָכט מיט דער געשיכטע.

האָט גרעיסאָן זיך דערמאָנט וועגען זיין אייגענער ערפאַהרונג מיט דעם אַטאַמאַן סעמיאָנאָוו, ווייל בשעת גרעיסאָן איז געלאָפען פון רוסלאַנד קיין אַמעריקע דורך סיביר איז ער פאַרהאַלטען געוואָרען פון די סעמיאָנאָווצעס. ער איז אַרעסטירט געוואָרען צו־

זאַמען מיט אַ צאָהל געוועזענע סאָלדאַטען פון קאָזאַצקען רעגי־מענט, אין וועלכען גרעיסאָן האָט געדינט און וועלכען זיי האָבען פאַרלאָזען נאָכדעם ווי דער רעגימענט איז אַריבער צו די באָל־שעוויקעס. אַ דריטעל פון די פאַרהאַלטענע האָט סעמיאָנאָוו גלייך דערשאָסען און גרעיסאָן איז געוועזען פון די מזל׳דיגע וואָס זיינען באַפרייט געוואָרען, נאָכדעם ווי אַן אויספאָרשונג האָט פעסטגע־שטעלט אַז זיי זיינען קיינמאָל ניט געווען פאַרבונדען מיט די באָל־שעוויקעס.

ווען סעמיאָנאָוו איז אָנגעקומען אין ניו יאָרק האָט גרעיסאָן אָנגעשריבען די געשיכטע פון זיין דראַמאַטישער איבערלעבונג מיט די סעמיאָנאָווצעס און עס אַריינגעשיקט אין „פאָרווערטס״. מיר האָבען עס, פאַרשטעהט זיך, גלייך אָפּגעדרוקט — אַ סעריע פון דריי אַרטיקלען, וועלכע האָבען געמאַכט אַ פוראָר. די געשיכטע האָט זיך געלייענט ווי אַ „טרילער״, אָנגעפּיקעוועט מיט דראַמע און שפּאַנונג און פול מיט לעבעדיגע איינצעלהייטען. מיר אין דער רעדאַקציע האָבען אין דעם שרייבער פון די אַרטיקלען גלייך דער־קענט אַ געבאָרענעם צייטונגסמאַן.

קורץ נאָכדעם איז גרעיסאָן איינגעלאַדען געוואָרען צו ווערען אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע, וואו ער איז פאַרבליבען ביז היינטיגען טאָג. וואָס גרעיסאָן טראַכט ביי זיך אין האַרצען ווייס איך ניט. עס קען זיין אַז איהם בענקט זיך נאָך זיין „ערשטער געליבטע״, די קונסט פון מאַלעריי. פון צייט צו צייט כאַפּט איהם נאָך איצט אָן אַ חשק אַ שטיף צו טאָן מיט אַ קאַרטון וועגען אַ קאָלעגע, וועלכער איז שטענדיג זעהר געלונגען. העכסט וואָר־שיינליך וואָלט ער אויסגעוואָקסען אַ קאַרטוניסט, ווען ער וואָלט זיין שטודיום פאַרטגעזעצט. פאַר דעם „פאָרווערטס״ איז אָבער געווען אַ געווינס וואָס ער האָט דאָס ניט געטאָן, וואָס ער האָט ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון צו ווערען אַ שרייבער, ווען ער האָט די איינלאַדונג באַקומען פון דעם רעדאַקטאָר פון דער צייטונג.

* * *

איינע פון די מערקווירדיגסטע ערשיינונגען אין דער אַמערי־קאַנער פרעסע איז דער פאַקט, אַז פילע פון די פראָמינענטסטע

פובליציסטען, קאָלומניסטען און פּאָליטישע קאָרעספּאָנדענטען האָבען אָנגעהויבען זייערע צייטונגס־קאַריערעס אַלס ספּאָרט־רעפּאָרטערס. צו דעם צעטעל געהערען אַזוינע באַרימטע שרייבער, ווי העיוואוד ברון, וועסטברוק פּעגלער, דזשעימס רעסטאָן און אַנדערע. זייער אַמביציע אין דער יוגענט איז געווען צו שרייבען וועגען פּראַיז־פּאַיטס, בעיזבאָל־געימס, פערד־רעיסעס, און שפּעטער האָבען זיי אויסגעפונען אַז זייער אמת׳ער אינטערעס ליגט גאָר אין דיפּלאָמאַטישע סכסוכים צווישען אַמעריקע און סאָוועט־רוסלאַנד, אָדער אין די פאַרפּלאָנטערטע פּאָליטישע קאָנפליקטען צווישען דעם פּרעזידענט און דעם קאָנגרעס.

אין דער אידישער פּרעסע איז אַזאַ ערשיינונג, פאַרשטעהט זיך, ניט מעגליך. ביי אונז אָבער פּאַסירט עטוואָס ענליכעס. צווישען אונזערע וויכטיגסטע שרייבער איבער וועלט־פּאָליטיק און אַמעריקאַנער און אידישע ענינים זיינען פאַראַן אַזוינע וואָס האָבען געמאַכט זייער „דעביו״ אין דער צייטונג מיט ערצעהלונגען און ראָמאַנען. אין די ערשטע יאָהרען פון זייער מיטאַרבייטערשאַפט האָבען ניט זיי און ניט דער רעדאַקטאָר זיך פאָרגעשטעלט, אַז זיי וועלען קענען באַהאַנדלען אַן ערנסטע פּאָליטישע טעמע אָדער קענען אָנשרייבען אַ לייט־אַרטיקעל איבער אַ פּאַסירונג אין דער וועלט־פּאָליטיק. שפּעטער האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען אַז דאָס איז אַ טעות. אייניגע פון אָט די אַמאָליגע „פיקשאָן״ שרייבער זיינען איצט צווישען אונזערע בעסטע און פעהיגסטע פּובליציסטען.

די צוויי בעסטע ביישפּילען זיינען מ. אָשעראָוויטש און שלמה בן ישראל.

מ. אָשעראָוויטש האָט דעביוטירט אין „פאָרווערטס״ מיט דערצעהלונגען. דאָס איז געווען פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ער איז נאָך געווען אַ גרינער און האָט געמאַכט אַ לעבען פון אַרבייטען אין אַ שאַפּ. שפּעטער אַביסעל האָט איהם אב. קאַהאַן אַריינגענומען אין דער רעדאַקציע צו שרייבען נייעס און לייכטע אַרטיקלען. ביסלעכווייז אָט מען איהם אָנפאַרטרויט וויכטיגערע און שווערערע אַרבייט, און ער האָט געצויגען אויפמערקזאַמקייט מיט אַלץ וואָס ער האָט געשריבען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז

ער באַזיצט אַ טיפֿען און ברייטען וויסען אין אידישער געשיכטע און אויך אין וועלט־געשיכטע, און אַז ער ציהט זיין וויסען פון די בעסטע אידישע, העברעאישע, רוסישע און ענגלישע קוואַלען, וועלכע ער לייענט אין אָריגינאַל. די לייענער פון „פאָרווערטס" געדענקען מעהר ניט אָשעראָוויטש'ן אַלס שרייבער פון דערצעהלונגען; זיי געדענקען איהם אַלס פאַרפאַסער פון היסטאָרישע ראָמאַנען, פון לאַנגע סעריעס אַרטיקלען איבער מאָמענטען אין אידישער געשיכטע, און אָפּהאַנדלונגען איבער היסטאָרישע פּערזענליכקייטען און אי־דישע שטעט און שטעטלעך — סעריעס וואָס זיינען שפּעטער אי־בערגעדרוקט געוואָרען אין ביכער און וואָס זיינען פאַרבליבען ווי אַ וויכטיגער ביי־טראָג צו דער אידישער ליטעראַטור פון געשיכטע. אויסער דעם איז אָשעראָוויטש איינער פון אונזערע אָנגעזעהענסטע פּובליציסטען, וואָס שרייבט אָפט איבער פּאָליטישע און אידישע געשעהענישען און פּראָבלעמען פון טאָג.

מיט שלמה בן ישראל האָט פּאַסירט עטוואָס ענליכעס. אין 1940 האָט ער געבראַכט אין דער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע אַ קורצען ראָמאַן, וועלכען מיר האָבען אָפּגעדרוקט. ער איז אונז דאַמאָלסט געווען אינגאַנצען פרעמד. געוואוינט האָט ער אין באָסטאָן, וואו ער איז געווען באַשעפטיגט אַלס לערער אין אַ העברעאישער שולע. מיר האָבען בלויז געוואוסט וועגען איהם, אַז ער האָט פריהער געוואוינט אַ סך יאָהרען אין ארץ ישראל און אַז ער שטאַמט פון אַ רבנ'ישער פאַמיליע.

אין די נעקסטע פינף יאָהר האָט שלמה בן ישראל קיין אַנדער זאַך ווי ראָמאַנען ניט געשריבען אין „פאָרווערטס". ער האָט אַריינ־געפירט דעם דעטעקטיוו ראָמאַן, מיט דעם ארץ ישראל דעטעקטיוו טידהאר אַלס הויפּט־העלד. שלמה בן ישראל איז באַוואוסט געוואָרען אַלס דער שרייבער פון דעטעקטיוו מעשיות און זיין נאָמען איז ביים „פאָרווערטס"־עולם געוואָרען צונויפגעפּאָרט מיט די נעמען פון דער דעטעקטיוו משפחה: ירמיהו, סענדער, טידהאר, סעדיה און דער קלוגער הונט „גיבור".

און דאַן איז פּלוצלינג פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש אין שלמה בן ישראל'ס שרייבער־קאַריערע. ער האָט געמאַכט אַ רייזע

אין ארץ ישראל און באַזוכט אַ צאָהל אַראַבישע לענדער. פּאַסירט האָט עס אין יאָהר 1945. די רייזע האָט ער אונטערנומען פאַר צוויי צייטונגען, פאַר'ן „פאָרווערטס״ און פאַר דער ענגלישער צייטונג „גלאָוב״ אין באָסטאָן. מיר אין „פאָרווערטס״ האָבען דאַמאָלסט ניט געהאַט קיין אַנונג וועגען זיינע פעהיגקייטען אַלס אַ פּובליציסט און קאָרעספּאָנדענט. מיר האָבען „איינגעשטעלט״, „גענומען אַ טשענס״ און באַצאָלט אונזער חלק פון די רייזע־קאָסטען.

און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז מיר האָבען געכאַפּט אַ ווילדע מציאה און אויך געמאַכט אַ גרויסען געווינס פאַר דער רעדאַקציע. די קאָרעספּאָנדענציעס, וואָס שלמה בן ישראל האָט אונז דאַמאָלסט צוגעשיקט פון ארץ ישראל, עגיפּטען און קאַסאַ־בלאַנקאַ אין מאַראָקאָ, זיינען ווערט געווען אַ סך מעהר ווי מיר האָבען זיך מיט איהם באַדונגען. דאָס איז געווען אָבער גאָרניט אין פאַרגלייך מיט דער אַנטדעקונג, אַז שלמה בן ישראל באַזיצט אַ גרויסע פּובליציסטישע קראַפט, וואָס קען אויסגענוצט ווערען פאַר דער צייטונג.

און זייט דאַן ווערט שלמה בן ישראל טאַקע אויסגענוצט פאַר דעם צוועק. ער שרייבט זיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען אונטער'ן נאָמען „שלמה איזראַעלי״ און מיר זיינען זיכער, אַז ער איז איינער פון די מייסט־געלייענטע שרייבער אין דער צייטונג. אין די פאַר־גאַנגענע עטליכע יאָהר דינט ער אַלס איינער פון אונזערע צוויי קאָרעספּאָנדענטען אין דער יו־ען (דער צווייטער איז לעאָן קרי־שטאַל). די רעפּאָרטס וואָס די צוויי „פאָרווערטס״ מיטאַרבייטער שטעלען־צו אין דער צייטונג קענען זיך פאַרגלייכען מיט די סאַמע בעסטע אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע.

פאַר שלמה בן ישראל איז עס געווען אַ באַפרידיגונג צו וויסען, אַז די „פּאַטריאָטען״, וואָס ער האָט זיך איינגעשאַפט מיט זיינע דעטעקטיוו־ראָמאַנען, בענקען נאָך איהם און מאָנען ביי אונז ער זאָל די ראָמאַנען ווייטער שרייבען. פון צייט צו צייט „צווינגען״ מיר איהם ער זאָל דעם פאַרלאַנג נאָכקומען, כאָטש דאָס קומט איהם אָן ניט אַזוי לייכט, פּשוט אויס מאַנגעל אין צייט.

קאַפּיטעל דריי־און־צוואַנציג

דר. ל. פאַגעלמאַן און יעקב רייך

דר. ל. פאַגעלמאַן און יעקב רייך, האָבען אָנגעהויבען שרייבען אין „פאָרווערטס" אין אָנפאַנג פון די צוואַנציגער יאָהרען. יעקב רייך איז געוואָרען אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע און ל. פאַגעלמאַן איז אַ צייט־לאַנג געווען אַ דרויסענדיגער מיטאַרבייטער. אין דער רע־דאַקציע איז ער אַריינגעטראָטען אַלס אַ פולשטענדיגער מיטגליד ערשט אין 1927. היינט איז דר. פאַגעלמאַן דער געהילפס־רעדאַק־טאָר און יעקב רייך איז איינער פון אונזערע סאַמע וויכטיגסטע שרייבער.

איך דערמאָן זיי ביידע צוזאַמען, ווייל עס איז פאַראַן אַ גע־וויסע ענליכקייט אין זייערע קאַריערעס און אין זייערע שריפט־שטעלערישע טאַלאַנטען.

ביידע שטאַמען זיי פון קליינע שטעטלעך אין מינסקער גובער־ניע (פאַגעלמאַן פון ניעסוויזש און רייך פון פעטריקאָוו). ביידע זיינען זיי צו דער אידישער פּרעסע, צום „פאָרווערטס", געקומען פון דער גוי'אישער וועלט, דורך די טויערען פון קאַלעדזשעס און אוניווערזיטעטען. ביידע באַזיצען בעלעטריסטישען טאַלאַנט, כאָטש זייער הויפּט־אַרבייט פאַר דער צייטונג באַשטעהט פון פובליציס־טיק, פון שרייבען איבער פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און געזעלשאַפט־ליכע ענינים. ביידע זיינען צווישען אונזערע בעסטע מבינים אויף ליטעראַטור און די בעסטע רעצענזענטען און קריטיקער פון ביכער און דראַמע.

ל. פאַגעלמאַן האָט פאַרענדיגט אַ רוסישע גימנאַזיע אין וואַר־שע מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל, און דאָס האָט פאַר איהם געעפענט

די טיר צום אוניווערזיטעט, וואו ער האָט אויסגעשטודירט אויף אַדוואָקאַט. געווען איז עס נאָך פאַר דער רעוואָלוציע, ווען אַ אידי־שער סטודענט האָט געמוזט שטאַרק זיך אויסצייכענען צו קענען אַנקומען אין אַן אוניווערזיטעט, איבערהויפּט נאָך ווען ער איז געווען אָרים.

אין זיינע סטודענטען־יאָהרען און אויך שפּעטער, ווען ער האָט שוין פּראַקטיצירט לאָא אין אַלטען פּעטראָגראַד, האָט פּאָגעלמאַן „אונטערגעזינדיגט" מיט שרייבען. ער האָט דאַמאָלסט געדרוקט דערצעהלונגען און אַרטיקלען אין אנערקענטע רוסישע צייטשריפ־טען. טיף אין האַרצען האָט ער באַהאַלטען אַן אַמביציע צו ווערען מיט דער צייט אַ פּראָפעסיאָנעלער שריפטשטעלער, הויפּטזעכליך אויף רוסיש, פאַרשטעהט זיך. און וואַרשיינליך וואָלט ער זיין אַמביציע פאַרווירקליכט, ווען עס וואָלט זיך ניט אונטערגערוקט די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע. די רעוואָלוציע האָט געמאַכט אַ סוף צו זיין לאָיערשער קאַריערע; און זיינע ליטעראַרישע נייגונגען און קענטעניש זיינען איהם דערוויל אויף אַזוי וויט צוניץ געקו־מען מיט דעם, וואָס זיי האָבען איהם געגעבען די מעגליכקייט אָנ־צונעמען אַ שטעלע אַלס לערער פון רוסישער ליטעראַטור אין אַ גימנאַזיע.

אין 1921 האָבען פּאָגעלמאַן און זיין פרוי פאַרלאָזען רוסלאַנד און זיינען אָנגעקומען קיין אַמעריקע. דאָ האָט ער צום ערשטען מאָל גענומען שרייבען אויף אידיש. ער איז געוואָרען אַ דרויסענ־דיגער מיטאַרבייטער אין דער „צייט", וואָס די פּועלי ציוניסטען האָבען דאַמאָלסט אַרויסגעגעבען. זיינע אַרטיקלען האָבען געצויגען אויפמערקזאַמקייט, סאַי מיט דעם סטיל, און סאַי מיט'ן אינהאַלט. דעם נעקסטען יאָהר האָט דער „פאָרווערטס" געדרוקט זיינע אַ סעריע אַרטיקלען וועגען זיינע איבערלעבונגען און באָאָבאַכטונגען אונטער די באָלשעוויקעס. אין יענע יאָהרען האָט כמעט אַלץ וואָס איז געשריבען געוואָרען וועגען סאָוועט רוסלאַנד געטראָגען דעם כאַראַקטער פון פּאָלעמיק אָדער פּראָפּאַגאַנדע. מיר דוכט, אַז פּאָגעלמאַן איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך באַמיהט צו געבען דעם אידישען לעזער אַן עכטע, אויפריכטיגע שילדערונג

פון דעם לעבען אונטער די באָלשעוויקעס. ער האָט דערצעהלט וועגען פאַסירונגען און געשעהענישען אין דעם טאָג־טעגליכען לע־בען, וועלכען ער האָט אַליין בייגעוואוינט אָדער אין וועלכע ער האָט זיך אַליין באַטייליגט. אין די שילדערונגען זיינען געווען פאַר־אייניגט פאָגעלמאַנ'ס בעלעטריסטישער טאַלאַנט און זיינע זשורנאַ־ליסטישע פעהיגקייטען. די סעריע אַרטיקלען האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. אַ שאָד וואָס זיי זיינען קיינמאָל ניט אַרויס אין בוך־פאָרם. זיי האָבען אויך עטאַבלירט פאָגעלמאַנ'ען אַלס אַ נייע, וויכטיגע קראַפט אין דער אידישער פרעסע.

די נעקסטע עטליכע יאָהר האָט פאָגעלמאַן פאָרגעזעצט אַלס דרויסענדיגער מיטאַרבייטער פון „פאָרווערטס". זיינע אַרטיקלען פלעגען דערשיינען הויפּטזעכליך אין די זונטאָג־נומערען; ער האָט געשריבען וועגען געשיכטע, ליטעראַטור, באַריהמטע פערזענליכ־קייטען און אַזוי ווייטער. אין דער רעדאַקציע האָט ער דאַמאָלסט ניט געקענט אַריינטרעטען, ווייל ער האָט שטודירט פאַר לאָיער אין פאָרדהעם אוניווערזיטעט. ער האָט דאַמאָלסט געטראַכט וועגען פּראַקטיצירען אין אַמעריקע דיזעלבע פּראָפעסיע ווי אין רוסלאַנד.

נאָכדעם ווי ער האָט פאַרענדיגט זיין לאָאָ־קורס און האָט באַ־קומען זיין דיפּלאָמע, איז פאַר איהם געשטאַנען די ברירה ענט־וועדער צו פּראַקטיצירען לאָאָ אָדער ווערען אַ מיטגליד פון דער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע, און ער האָט אויסגעקליבען דאָס צווייטע. דאָס האָט פּאַסירט אין יאָהר 1927 און זייט דאַמאָלסט איז ל. פאָ־געלמאַן מיט אונז. און ווי איך האָב שוין אויבען געזאָגט, פאַר־נעמט ער איצט כמעט דעם סאַמע אויבען־אָן אין דער רעדאַקציע. ער איז דער געהילפס־רעדאַקטאָר.

* * *

יעקב רייכ'ס קאַריערע איז דורכאויס אַן „אַמעריקאַנישע". זיינע עלטערען האָבען איהם געבראַכט אין אַמעריקע ווען ער איז אַלט געווען דרייצעהן יאָהר. דערצויגען געוואָרען איז ער אין עטליכע אַמעריקאַנער שטעט און שטעטלאַך און האָט געענדיגט האַי־סקול אין אַ שטעטעל לעבען באָסטאָן. וועגען ווערען אַ אידישער שרייבער

איז איהם קיינמאָל דאַמאָלסט ניט איינגעפאַלען. ער האָט יאָ געַ־טראַכט וועגען שרייבעריי און האָט זיך באַטייליגט אין די סטו־דענטישע זשורנאַלען, וואו זיינע זאַכען האָבען געצויגען אויפ־מערקזאַמקייט. ווען ער האָט פאַרענדיגט האַי־סקול האָט ער באַ־קומען אַ סקאַלערשיפּ אין האַרוואַרד קאַלעדזש. און דאָרטען האָבען זיך זיינע שרייבערישע אַמביציעס מעהר אַנטוויקעלט.

געבראַכט צום „פאָרווערטס" האָט איהם זיין סאָציאַליזם. אידיש האָט ער גוט געקענט, ווייל ביי איהם אין הויז האָט מען גערעדט דעם זעלבען אידישען לשון ווי אין פעטריקאָוו, פון וואַנען די פאַמיליע איז געקומען אַהער. פלעגט ער לייענען דעם „פאָרווערטס" צוליב די אַרטיקלען וועגען דער סאָציאַליסטישער און אַרבייטער־באַוועגונג. נאָכדעם ווי ער האָט פאַרענדיגט זיין שטודיום, איז ער געקומען קיין ניו יאָרק און האָט זיך באַקענט מיט דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג, און דורך איהר איז ער צוגעקומען צום „פאָרווערטס". די ערשטע אויפגאַבע וואָס קאַהאַן האָט איהם גע־געבען איז געווען צו „דעקען" מייער לאָנדאָנ׳ס לעצטען קאַמפּעין פאַר קאָנגרעס, אין דעם עלעקשאָן פון 1922.

אין דער רעדאַקציע איז יעקב רייך געשטיגען שנעל. ער האָט פאַרנומען די אַמטען פון סיטי עדיטאָר און לעיבאָר עדיטאָר. ער האָט געשריבען איבער פּראָבלעמען און געשעהענישען אין דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק און דער אַמעריקאַנער אַרבייטער־באַוועגונג. ער האָט אויך ניט פאַרנאַכלעסיגט זיין בעלעטריסטישען טאַלאַנט און פון צייט צו צייט פלעגט ער אָפּדרוקען פעליעטאָנען און קורצע און לענגערע דערצעהלונגען. און אַמאָל פלעגט זיך איהם אויך פאַרוועלען אָנצושרייבען אַ קריטיק איבער אַ בוך אָדער איבער אַ פּיעסע. אין אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן אויף יעדען געביט, האָט ער זיך אויסגעצייכענט.

דאָס מערקווירדיגסטע אין יעקב רייכ׳ס שאַפונגען איז זיין אידישע שפּראַך, אידישער „סטיל", וואָס איז אַזוי געראָטען. מיר אין דער רעדאַקציע קענען זיך פון דעם ניט אָפּוואונדערען. ווי איך האָב אויבען אָנגעוויזען, איז רייך געקומען קיין אַמעריקע כמעט נאָך אַלס קינד. אין דעם יענקישען שטעטעלע, וואו ער האָט

געוואוינט און וואו ער איז געגאַנגען אין סקול, איז געווען אַ שוואַכער אידישער לעבען. ווי אַזוי האָט ער איינגעהאַלטען אין זכרון דעם אידישען אידיאַם, דעם אידישען קנייטש, די אידישע פאַרב וואָס מאַכען זיינע אַרטיקלען אַזוי אָנציענד, אַזוי געשמאַק פאַר דעם לעזער?

אַ גאַנצען באַזונדערען אַרטיקעל האָט מען געקענט אָנשרייבען וועגען רייכ'ס קאַריערע אַלס ענגלישער שרייבער. פאַר די מעהר־סטע אונזערע לעזער וועט עס זיין אַן איבעררעשונג צו הערען, אַז אין דער זעלבער צייט וואָס יעקב רייך פאַרנעמט אַזאַ הויכען אָרט אין דער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע האָט ער איינגעשאַפט פאַר זיך אַ רעפּוטאַציע אַלס אַן ענגלישער זשורנאַליסט און שריפטשטעלער. ער האָט עס געטאָן אין דער שטיל, אומבאַמערקטערהייט. און יעדעס מאָל, וואָס ער האָט געמאַכט אַ שריט פאָרווערטס, איז דאָס פאַר אונז אין דער רעדאַקציע געווען אַן איבעררעשונג, אַ סענסאַציע.

איך ערינער זיך דעם ערשטען פאַל. דאָס איז געווען, גלויב איך, אין אָנהויב פון די דרייסיגער יאָהרען. העיוואוד ברון איז דאַמאָלסט געווען די פּראָמינענטסטע פיגור אין דער ניו יאָרקער צייטונגס־וועלט. זיין טעגליכער קאָלום אין דער „וואָירלד" איז געלייענט געוואָרען פון יעדען פּראָגרעסיווען מענשען און אויך פון יעדען צייטונגס־מאַן און שריפטשטעלער אַלס אַ מוסטער פון שאַרפ־זין, פיינעם הומאָר, סאַטירע און וואונדערבאַרען סטיל. פון צייט צו צייט פלעגט העיוואוד ברון אָפּדרוקען אין זיין קאָלום בריף פון לעזער. דאָס זיינען ניט געווען קיין אַבי בריף פון אַבי לעזער — בלויז טאַלאַנטפולע בריף, וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט ליטעראַרישער פאָרם און רייכען אינהאַלט. האָבען געהאַט די זכיה געדרוקט צו ווערען אין ברונ'ס קאָלום. די מערסטע בריף, וואָס פלעגען דאָרט ערשיינען, זיינען צוגעשיקט געוואָרען פון באַ־וואוסטע שריפטשטעלער, פון באַרימטע מענשען, וואָס האָבען באַ־לאַנגט צום זעלבען חדר ווי ברון.

איינמאָל האָבען מיר, עפּענענדיג די „וואָירלד", דערזעהן, אַז העיוואוד ברונ'ס גאַנצער קאָלום איז פאַרנומען מיט אַ בריף פון „דזשעק ריטש" (אונזער יעקב רייך). דאָס איז געווען דאָס ערשטע

מאָל וואָס אונז איז אויסגעקומען צו לייענען זיינעם אַן אַרטיקעל אויף ענגליש. מיר זיינען איבערראַשט געוואָרען פון דעם פיינעם סטיל און מיר האָבען פאַר זיך דערזעהן אַ נייעם רייך, אַ פיינעם ענגלישען שרייבער, אַ מיטגליד פון העיוואוד ברונ׳ס קרייז.

דעם צווייטען שריט אין דער ריכטונג האָט יעקב רייך געמאַכט ווען ער איז געוואָרען דער רעדאַקטאָר פון דעם מאַנאַטליכען זשור־נאַל פון דער העט, קעפּ און מילינערי יוניאָן. די אַרבייט האָט ער געטאָן אין דער שטיל, אין אָווענט אָדער אין די ליידיגע טעג ווען ער איז געווען פריי פון זיין אַרבייט אין „פּאָרווערטס״. און דאַן איז געקומען די צווייטע סענסאַציע. אין אַ שעהנעם טאָג האָבען די צייטונגען געבראַכט די נייעס, אַז די קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקאַן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר האָט באַעהרט דזשעק ריטש׳ן מיט אַן אויסצייכענונג פאַר רעדאַקטירען די בעסטע יוניאָן־צייטונג אין גאַנץ אַמעריקע. אין פאַרגלייך מיט אַנדערע יוניאָנס איז די העטערס און קעפּמעיקערס יוניאָן זעהר אָרים. דאָס געלט וואָס ז קען אויסגעבען פאַר דער רעדאַקציע פון איהר צייטונג איז נישטיג אין פאַרגלייך מיט די סומען וואָס אַנדערע, גרויסע, מעכטיגע יוניאָנס קענען אויסגעבען און גיבען טאַקע אויס. דאָך, מיט זיינע קליינע אָרימע מיטלען, האָט יעקב רייך באַוויזען אַרויסצוגעבען די בעסטע יוניאָן־צייטונג, בעסער אין אינהאַלט, אינטערעסאַנטער און וואָ־גיגער ווי אַלע אַנדערע יוניאָן־צייטונגען!

און דאָס האָט ניט פּאַסירט איינמאָל. רייך האָט אַזוינע אויס־צייכענונגען פאַר זיין יוניאָן־צייטונג באַקומען אויך אין די שפּע־טערדיגע יאָהרען.

דעם העכסטען פּונקט אין זיין ענגלישער קאַריערע האָט יעקב רייך דערגרייכט אין די לעצטע עטליכע יאָהר. ער האָט זיך אָנ־געהויבען צו דרוקען אין דער „סאַטורדעי איוונינג פּאָוסט״.

צו דרוקען זיך אין „סאַטורדעי איוונינג פּאָוסט״ איז די אַמ־ביציע, אָדער בעסער געזאָגט, דער טרוים פון יעדען זשורנאַליסט און פיקשאָן־שרייבער אין אַמעריקע. בלויז געצעהלטע שרייבער פאַרווירקליכען די אַמביציע. איך וויים ניט צי יעקב רייך האָט וועגען דעם גע׳חלומ׳ט אין זיינע אינגערע יאָהרען. אפשר האָט ער

דאָס אפילו ניט געוואַגט. אָבער זיינע אַרטיקלען זיינען דאָרט גע־דרוקט געוואָרען. פאַר דעם לעצטען אַרטיקעל האָט ער באַקומען אַ טשעק וואָס איז די גרויס ווי צען וואָכען ווענדזשעס אין „פאָר־ווערטס".

דער ערפאָלג, וואָס יעקב רייך האָט אַלס ענגלישער שרייבער, האָט ניט געענדערט זיין באַציהונג צום „פאָרווערטס". ער איז היינט, ווי פריהער, אין די גאָר יונגע יאָהרען, איינער פון די איבערגעבענסטע און טרייסטע מיטאַרבייטער אונזערע. מיט אומ־געפער אַ יאָהר צוריק האָט ער געקראָגען אַן אָנבאָט איבערצו־נעמען די רעדאַקציע פון אַ גאָר גרויסער יוניאָן־צייטונג. ער האָט דעם אָנבאָט נישט אָנגענומען, ווייל ער האָט ניט געוואָלט פאַרלאָזען דעם „פאָרווערטס", כאָטש דאָרט וואָלט ער געקראָגען אַ סך א בעסערען געהאַלט.

קאַפּיטעל פיר־און־צוואַנציג

חיים ליבערמאַן און ג. זאַלאַטאַוויץ

ביים אָנהויב פון זיין קאַריערע באַטראַכט זיך יעדער שרייבער פאַר אַ קינסטלער. מיט דעם לויף פון דער צייט הויבט ער זיך אָן באַטראַכטען אַלץ מעהר און מעהר ווי אַ פּשוט׳ער אַרבייטער. באַזונדערס איז עס דער פאַל מיט אַ צייטונגס־שרייבער, וועלכער איז אונטערגעוואָרפען די זעלבע באַדינגונגען און דער זעלבער דיסציפּלין ווי די אַרבייטער אין די אַנדערע אָפּטיילונגען פון דער צייטונג, די ביזנעס און די מעכאַנישע אָפּטיילונגען. דער צייטונגס־שרייבער מוז פאַרברענגען אין דער רעדאַקציע אַ געוויסע צאָל שטונדען אָדער ער מוז צושטעלען אַ געוויסע צאָל אַרטיקלען אין פאַרלויף פון דער וואָך. אין די לעצטע יאָהרען זיינען געשאַפען געוואָרען יוניאָנס פון צייטונגס־שרייבער, וועלכע דינגען זיך מיט די אַרויסגעבער איבער אַזוינע פּשוט׳ע זאַכען ווי אַרבייטס־שטונדען, וועידזשעס, סטאַנדאַרד אָוו פּראָדאָקשאָן, וואַקעישאָנס און אַזוי ווייטער. גאַנץ אָפט קומט זיי אויס צו מאַכען פאַרגלייכונגען צווישען זייערע באַדינגונגען מיט די באַדינגונגען פון די זעצער אָדער פּרעסלייט אָדער די דראַייווערס פון דעליווערי טראָקס. דאָס אַלץ ברענגט מיט, אַז ביים צייטונגס־שרייבער זאָל זיך אַנטוויקלען די פּסיכאָלאָגיע פון אַ געוועהנליכען אַרבייטער.

עס זיינען אָבער פאַראַן אויסנאַמען. אין יעדער רעדאַקציע איז דאָ אַ צאָל מיטאַרבייטער וועלכע פאַרלירען קיינמאָל ניט די „שרייבערישע פּסיכאָלאָגיע״, די שרייבערישע געפיהלען, מיט וועלכע ווי האָבען אָנגעהויבען. ביי זיי ווערט דאָס שרייבען קיינמאָל ניט רעדוצירט צו אַ מלאכה, צו אַ פליכט. יעדעס מאָל וואָס זיי זעצען

זיך שרייבען אַן אַרטיקעל זעהען זיי פאַר די אויגען דעם עולם וואָס וועט איהם לייענען און זיי ווערען דורכגעדרונגען מיט אַ געפיהל פון פאַראַנטוואָרטליכקייט און מיט דער אַמביציע צו פאַנגען ענטוועדער דעם מארך אָדער דאָס האַרץ פון דעם עולם.

אין דער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע איז פאַראַן אַ היפשע צאָל פון דעם סאָרט מיטאַרבייטער. וועגען צוויי פון זיי וויל איך דער־צעהלען אַביסעל אויספירליך אין אָט־דעם קאַפּיטל. זיי זיינען חיים ליבערמאַן און ב. זאַלאָוויץ.

חיים ליבערמאַן איז אין די יונגע יאָהרען געוועזן אַ לעהרער אין אידישע שולען. פון נאַטור און טעמפּעראַמענט איז ער אָבער ניט קיין לערער נאָר אַ קעמפער. איך שטעל מיר פאָר, אַז אַפילו דאַמאָלסט ווען ער האָט זיך אָפּגעגעבען מיט לערערײ האָט ער עס געטאָן דערפאַר ווייל ער האָט די אַרבייט באַטראַכט ווי אַ קרייצצוג פאַר „אידישער וועלטליכער בילדונג און קינדער ערציהונג".

ווען ליבערמאַן איז אָנגעקומען אַרבייטען אין „פאָרווערטס" אין 1924 האָט ער שוין געהאַט אַ רעפּוטאַציע אַלס אַ שאַרפער פּאָלע־מיקער און האָט זיך שוין געהאַט איינגעשאַפט אַ רעכט ביסעל שונאים צווישען די שרייבערישע גדולים. די גרעסטע פּובליציסטי־שע שלאַכט האָט ער געהאַט אָנגעפירט געגען דר. חיים זשיטלאָווסקי אין דער פּועלי ציוניסטישער צייטונג „די צייט", וואו ער איז געוועזן אַ מיטאַרבייטער. אין „פאָרווערטס" האָט ער די ערשטע עטליכע יאָהר ניט געהאַט קיין געלעגענהייט צו פיהרען קאַמפען און פּאָ־לעמיק. דאָס איז פאַר איהם געוועזן אַ גליק. ווארים אין די „שטילע יאָהרען" האָט ער זיך ערוואָרבען אַ ברייטען קרייז לעזער שרייבענ־דיג איבער אידישע און וועלטליכע טעמעס פון טאָג. ער האָט די־לעזער צוגעצויגען מיט זיין טעמפּעראַמענט, מיט זיין שאַרפזין און מיט זיין פיינעם סטיל.

אַ פּאָלעמישע פיגור איז ליבערמאַן געוואָרען ווען ער האָט אָנגעהויבען אַרויסצואווייזען אין זיינע אַרטיקלען רעליגיעזע נוי־גונגען. פון צייט צו צייט פלעגען זיך אין זיינע אַרטיקלען באַווייזען געדאַנקען וואָס זיינען געווען פרעמד דעם „פאָרווערטס" — גע־דאַנקען וועגען טראַדיציעס און פיהרונגען וועלכע זיינען פון פריי־

געזאָגענע אידען שוין לאַנג פאַרוואָרפען געוואָרען. ער האָט אויך אָפט אַריינגעפלאָכטען אין זיינע אַרטיקלען ציטאַטען פון „הייליגע ספרים” וואָס האָבען געטראָגען אַ רעליגיעזען כאַראַקטער. די אַר־טיקלען האָבען געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון צוויי קלאַסען עקסטרעמיסטען צווישען אונזערע לעזער: די עקסטרעם פרומע און די עקסטרעם פרייע. די ערשטע האָבען די אַרטיקלען אויפגענומען מיט באַגייסטערונג און ביי די לעצטע האָבען זיי אַרויסגערופען פּראָטעסטען. עס זיינען געווען וואָכען ווען די רעדאַקציע און די „פּאָרווערטס” אַסאָסיאיישאָן האָבען געקאָכט מיט ליבערמאַנ׳ס קאָ־לומס.

עס דאַרף אָבער געזאָגט ווערען, אַז פאַר יעדען קאָלום וואָס האָט דערוועקט צאָרען ביי געוויסע לעזער האָט ליבערמאַן אָנגע־שריבען פינף אָדער צען וואָס האָבען ביי די זעלבע לעזער אַרויס־גערופען באַוואונדערונג. זיינע קאָלומס וועגען קאָמוניזם, זיין פּאָ־לעמיק מיט שלום אַש׳ן, זיינע אַרטיקלען וועגען דער אידישער קאַ־טאַסטראָפע פריהער אין די נאַצישע לענדער און שפּעטער אין די לענדער הינטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג — די און פיל־פיל אַנ־דערע האָבען זיך איינגעקריצט אין די מוחות פון צענדליגער טוי־זענטער אידען, און אַ סך פון זיי וועלען בלייבען קלאַסיש אין דער געשיכטע פון אידישען זשורנאַליזם.

ביי חיים ליבערמאַן איז דאָס שרייבען ניט קיין מלאכה נאָר אַ דינסט. דאָס אויפשרייבען פון אַן אַרטיקעל נעמט ביי איהם אַ סך וועניגער צייט און ענערגיע ווי דאָס צוגרייטען און אָנזאַמלען פון דעם מאַטעריאַל. עס זיינען געווען פאַלען ווען ער האָט אָפּגע־געבען עטליכע וואָכען אויף צוגרייטען דעם שטאָף פאַר איינעם אָדער צוויי קאָלומס. עס איז דערפאַר קיין וואונדער ניט וואָס ער גאַרט צו וויסען וואָס פאַר אַן איינדרוק זיין אַרטיקעל מאַכט. ער וויל מען זאָל איהם לייענען; דאָס איז די איינציגע באַלוינונג וואָס קען איהם באַפרידיגען. איך זאָג דאָס דאָ כדי די פאַרעהרער ליבער־מאַנ׳ס זאָלען וויסען, אַז מיט די בריף וואָס זיי שרייבען איהם (און ליבערמאַן באַקומט זעהר אַ סך בריף) גיבען זיי איהם דעם שכר וואָס איז ביי אים אַממייסטענס אָנגעלעגט.

נ. זאַלאָוויץ איז אויך אַ גרויסער בריה אין פּאָלעמיק, אין דיסקוסיעס און דעבאַטעס. ווי זיינע אַלטע פריינד דערצעהלען, פלעגט ער אין די גאָר יונגע יאָהרען ליב האָבען צו באַטייליגען זיך אין עפענטליכע דעבאַטעס איבער פּאָליטישע פראַגען, און ער פלעגט אימער מאַכען אַ היט. אויך איצטער איז זעהר גרינג אַריינצוציהען זאַלאָוויטש׳ן אין אַ דיסקוסיע, און קוים פאַנגט ער אָן צו דעבאַטירען, לאָזט ער ניט אָפּ ביז ער פיהלט אַז ער האָט דעם געגנער באַזיגט. אָבער מערקווירדיג, די ליידענשאַפט צו דעבאַטירען קומט ביי איהם צום אויסדרוק בלויז מינדליך, אין געשפּרעכען מיט פריינד אָדער אין געזעלשאַפט. ווען ער שרייבט, מיידט ער כמעט שטענדיג אויס פּאָלעמיק אָדער דיסקוסיעס. מיט דער פעדער איז ער מייסטענס אַ לערער, אַן אויפקלעהרער, אַ קולטור־טרעגער. אַפילו ווען ער באַהאַנדעלט אַ טעמע איבער וועלכער עס קומען פאָר דעבאַטעס, טוט ער עס ניט ווי איינער פון די דעבאַטאַנטען, נאָר ווי איינער וואָס שטעהט ענטוועדער איבער זיי אָדער אָן אַ זייט.

דער דורכשניטליכער שרייבער אין אַ רעדאַקציע איז ניט אי־בערקלייבעריש מיט די טעמעס. ער איז כמעט שטענדיג גרייט צו שרייבען איבער די טעמעס וואָס דער רעדאַקטאָר לעגט איהם פאָר. אויב ער איז מיט אַ געוויסער טעמע ניט אַזוי גוט באַקאַנט, טוט ער וואָס ער קען, באַנוגענט ער זיך מיט אַ שוואַכערען אַרטיקעל. מיט זאַלאָוויטש׳ן איז ניט אַזוי; ער וועט קיינמאָל ניט אָננעמען אַ טעמע סיידען זי איז איהם צום האַרצען, סיידען ער פיהלט אַז ער קען וועגען דער טעמע אַרויסגעבען אַן אַרטיקעל וואָס זאָל איהם צו־פרידענשטעלען. ער וועט די טעמע צוריקווייזען אַפילו אויב דער רעדאַקטאָר ערלויבט איהם צו דרוקען דעם אַרטיקעל אָהן אַ נאָמען אָדער אונטער אַ פאַרשטעלטען נאָמען.

נ. זאַלאָוויץ שרייבט קיינמאָל ניט אָהן זיין נאָמען. אין דעם פּרט איז ער, דוכט מיר, דער איינציגער אויסנאָם אין דער רע־דאַקציע. ווי די לעזער ווייסען, ווערען די לייט־אַרטיקלען געדרוקט אָהן אונטערשריפטען. דאָס איז ניט דערפאַר וואָס זיי אַלע ווערען געשריבען פון דעם רעדאַקטאָר, נאָר דערפאַר וואָס אין זיי ווערט אויסגעדריקט די פּאָליסי פון דער צייטונג אַלס אַ גאַנצע און ניט

פון אַן איינצעלנעם שרייבער. געשריבען ווערען די לייט־אַרטיקלען פון פאַרשידענע מיטאַרבייטער. אויפ׳ן צעטעל פון די לייט־אַרטיקעל שרייבער אין „פאָרווערטס״ געפינען זיך די נעמען פון די וויכטיגסטע מיטאַרבייטער; איינער שרייבט אָפטער, אַ צווייטער זעלטענער, אָבער אַלע האָבען זיי אַ חלק אין דער אָפטיילונג פון דער צייטונג.

אַלע אויסער ב. זאַלאָוויץ. ער אַנטזאָגט זיך צו שרייבען לייט־אַרטיקלען, ווען אפילו ער ווייס אַז ער איז דער פּאַסיגסטער צו באַהאַנדלען די טעמע. און די אורזאַך איז וואָס ער וויל ניט שרייבען אָהן זיין נאָמען.

פאַר׳ן רעדאַקטאָר איז דאָס ניט אַזוי גוט. אָבער פון דער צווייטער זייט באַווייזט עס מיט וואָס פאַר אַ ווירדע און שטאָלץ זאַלאָוויץ באַציט זיך צו זיין שרייבען. זאַלאָוויץ האָט ליב צו שרייבען. ער רעכענט זיך קיינמאָל ניט מיט צייט אָדער מיט אַרבייטס־קוואָטאָס. ער איז איינער פון די געציילטע אין דער רעדאַקציע וואָס גיט דורכ׳ן יאָהר מעהר אַרטיקלען ווי ער דאַרף געבען. דאָס שרייבען איז ביי איהם אַ גייסטיגע באַפרידיגונג, אַ פאַרגעניגען.

און אַזוי ווי ביי ליבערמאַנ׳ען איז אויך ביי זאַלאָוויצ׳ן די הויפּט־באַלוינונג די אויפנאַמע וואָס זיינע אַרטיקלען באַקומען ביי די לעזער. זאַלאָוויץ באַקומט אָפט בריף פון פאַרעהרער. די בריף זיינען ניט סתם קאָמפּלימענטען אָדער דאַנק־אויסדרוקען; די מערסטע פון זיי דריקען אויס געדאַנקען אין פאַרבינדונג מיט דער טעמע פון דעם אַרטיקעל אָדער זיי לייגען־צו געוויסע אינפאָרמאַציע צו באַפעסטיגען די מיינונגען און שלוסען אין דעם באַטרעפענדען אַרטיקעל. עס פאַרשטעהט זיך, אַז בריף פון דעם סאָרט קענען געשריבען ווערען בלויז פון לעזער מיט אַ העכערען גראַד בילדונג און אַ העכערער אינטעליגענץ. און דאָס איז פאַר זאַלאָוויצ׳ן אַ קוואַל פון פרייד און שטאָלץ. ער פיהלט, אַז ער האָט אַן עולם וואָס שאַצט אָפּ זיין אַרבייט, וואָס פאַרשטעהט איהם און לערענט פון איהם. קיין גרעסערע באַפרידיגונג קען קיין שרייבער זיך ניט ווינשען.

ב. זאַלאָוויץ איז געקומען אין אַמעריקע אַלס קינד און איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרען אויף דער אַמאָליגער איסט סאַיד. דאָרט

האָט ער באַקומען זיין אַמעריקאַנער און זיין אידישע ערציהונג און אויסבילדונג. ער האָט אָנגעהויבען צו שרייבען אין די אידישע צייטונגען ווען ער איז נאָך געווען זעהר יונג. איידער ער איז אָנגעקומען אין „פאָרווערטס" האָט ער זיך אָפּגעגעבען הויפּטזעכ־ליך מיט רעפּאָרטאַזש. זיינע פילע פעהיגקייטען און זיין טאַלאַנט האָט ער אַרויסגעוויזען ערשט אין אונזער צייטונג, וואו ער האָט באַ־קומען די מעגליכקייט צו שרייבען איבער טעמעס וואָס זיינען איהם צום האַרצען, איבער טעמעס אין וועלכע ער האָט געקענט אויס־נוצען זיין ברייטען און טיפען וויסען פון געשיכטע, פּאָליטישע און סאָציאַלע וויסענשאַפטען און ליטעראַטור.

איך האָב פריהער געזאָגט, אַז זאַלאָוויץ האָט קיינמאָל ניט פאַרלאָרען זיין ליבע צום שרייבען. ער האָט אויך ניט פאַרלאָרען זיין דורשט צום לערנען. ער לערענט ניט בלויז דאָס נייע וואָס ווערט געשאַפען, נאָר אויך דאָס אַלטע וואָס ווערט פון די מעהרסטע פאַרנאַכלעסיגט און פאַרגעסען. און דערפאַר פיהלט זיך אין זיינע אַרטיקלען אי פרישקייט און נייקייט, אי סאָלידקייט און געלייטערט־קייט.

קאַפּיטעל פינף־און־צוואַנציק

די לייט־אַרטיקלען — ווער שרייבט זיי?

ווער שרייבט די לייט־אַרטיקלען אין דער צייטונג? דער דורכשניטליכער לעזער איז אונטער דעם איינדרוק, אַז אַלע לייט־אַרטיקלען ווערען געשריבען פון דעם רעדאַקטאָר. דאָס איז אַזוי אין זעלטענע אויסנאַמס־פאַלען. מיט יאָהרען צוריק האָט מיר אַ מיטאַרבייטער פון „מאָרגען זשורנאַל" דערצעהלט, אַז דער דאַמאָלסטדיגער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, פּיטער וויערניק, פלעגט שרייבען אַלע עדיטאָריעלס. אפשר האָט עס פּיטער וויערניק געקענט טאָן, ווייל ער איז געווען פריי פון אַלע אַנדערע רעדאַקציאָנעלע „קאָפּ־דרעהענישען". זיין רעדאַקציע איז פאַקטיש געפיהרט געוואָרען פון זיין פעהיגען געהילף, י. פישמאַן. פאַר אַ רעדאַקטאָר, וואָס גיט זיך אַליין אָפּ מיט דער פאַרוואַלטונג פון זיין צייטונג, איז אוממעגליך צו נעמען אויף זיך די שווערע אויפגאַבע פון שרייבען אַלע לייט־אַרטיקלען.

אויסער דעם וואָלט די צייטונג געליטען פון דעם. די עדיטאָריעלס דאַרפען זיך אָפּרופען אויף פאַרשידענע און פאַרשידענאַרטיגע געשעהענישען און פּראָבלעמען פון טאָג. היינט מוז דער עדיטאָריעל רעאַגירען אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלער פּאַסירונג, מאָרגען אויף אַ היימישער געשעהעניש און איבערמאָרגען אויף אַן ענין וואָס האָט צו טאָן מיט לאָקאַלער, שטאָטישער פּאָליטיק. עדיטאָריעלס דאַרפען זיך אָפּרופען אויף געשעהענישען וואָס האָבען צו טאָן מיט אַרבייט, מיט וויסענשאַפט, מיט קונסט און ליטעראַטור און אַמאָל אפילו מיט אַ סענסאַציע פון „היומען אינטערעסט". אַמאָל בעט זיך אַ וואָגיגער, ערנסטער לייט־אַרטיקעל;

אַמאָל — אַ לייכטער, אַ שפּילעוודיגער. אַ רעדאַקטאָר, וואָס באַזיצט געגוג וויסען און געגוג טאַלאַנט צו קענען דאָס אַליין טאָן, איז זעהר, זעהר שווער צו געפינען.

אין די מערסטע צייטונגען ווערען די לייט־אַרטיקלען געשרי־בען פון עטליכע מיטאַרבייטער. דער רעדאַקטאָר איז, פאַרשטעהט זיך, איינער פון זיי. אין „פאָרווערטס" איז אַלע מאָל געווען אַזוי. ווען איך בין אָנגעקומען אין דער רעדאַקציע מיט איבער פערציג יאָהר צוריק זיינען די מערסטע לייט־אַרטיקלען געשריבען געוואָ־רען פון ב. פייגענבוים. מאַנכעסמאָל פלעגט אויך אַב. קאַהאַן אָנשרייבען אַ לייט־אַרטיקעל. קורץ נאָך מיין אָנקומען האָב איך אויך אָנגעהויבען זיך צו באַטייליגען אין שרייבען עדיטאָריעלס. דאָס זעלבע האָט געטאָן ה. בורגין.

אין די גאָר ערשטע יאָהרען פון „פאָרווערטס" פלעגען די לייט־אַרטיקלען טראָגען דעם אונטערשריפט פון דעם שרייבער. ווען אב. קאַהאַן האָט צום צווייטען מאָל איבערגענומען די רעדאַקציע, אין 1902, האָט ער איינגעפירט אַ רייע „רעפאָרמען", אין גייסט פון דער אַמעריקאַנער פרעסע. איינע פון זיי איז געווען, אַז לייט־אַרטיקלען זאָלען ניט טראָגען קיין אונטערשריפט. אַן אַלטער מיטגליד פון „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאָן האָט מיר דערצעהלט, אַז די „רעפאָרם" האָט געפירט צו דעם ערשטען קאָנפליקט צווישען אב. קאַהאַן און א. ליעסין. ליעסין האָט געפאָדערט, אַז זיינע עדיטאָריעלס זאָלען טראָגען זיין נאָמען; קאַהאַן האָט ניט געוואָלט מאַכען קיין אויסנאַם. אין די ערשטע וואָכען פון מיין מיטאַר־בייטערשאַפט אין דער רעדאַקציע איז איינמאָל ערשינען אַ לייט־אַרטיקעל אונטערגעשריבען פון „ה. בורגין". האָב איך געמיינט, אַז דער שרייבער איז אין דעם פּרט פריי צו טאָן וואָס ער וויל; און ווען קאַהאַן האָט מיר אַביסעל שפּעטער געהייסען אָנשרייבען מיין ערשטען לייט־אַרטיקעל האָב איך נאָכגעטאָן בורגינ'ס ביי־שפּיל און אונטערגעשריבען מיין נאָמען. און אַזוי איז דער עדי־טאָריעל טאַקע אָפּגעדרוקט געוואָרען. ערשט אויף מאָרגען בין איך געוואויר געוואָרען פון דעם רעדאַקציאָנס סעקרעטאַר, לעאָן גאָט־

ליעב, אַז דאָס איז פאַרבאָטען. ווען בורגין און איך וואָלטען ניט געוועז קיין גרינע אין דער רעדאַקציע וואָלטען מיר עס געוואוסט.

דער מנהג, אַז לייט־אַרטיקלען זאָלען ניט טראָגען קיין אונ־טערשריפט פון אַן איינצעלנעם שרייבער, האָט אַ גוטע באַגרינדונג און איז אויך פּראַקטיש פאַר דער רעדאַקציע. דער לייט־אַרטיקעל דאַרף אויסדריקען די פּאָליסי פון דער צייטונג. פאַר די מיינונגען פון דעם לייט־אַרטיקעל איז פאַראַנטוואָרטליך די גאַנצע צייטונג די רעדאַקציע און די אַרויסגעבער. און כדי דער לעזער זאָל פיהלען דעם געוויכט פון דעם לייט־אַרטיקעל, מוז ער האָבען דעם איינ־דרוק, אַז די מיינונגען קומען פון דעם הויפּט „וואָרט־זאָגער" פון דער צייטונג. דער לעזער וועט אַזאַ איינדרוק ניט קענען האָבען אויב אויף דעם לייט־אַרטיקעל וועט זיין אונטערגעשריבען איין נאָ־מען. מעגליך, אַז דער נאָמען פון דעם הויפּט־רעדאַקטאָר וואָלט יע געשאַפען אַזאַ איינדרוק; אָבער, ווי שוין געזאָגט, איז ניט מעגליך פאַר דעם רעדאַקטאָר אַליין צו שרייבען אַלע לייט־אַרטיקלען. דער־פאַר איז בעסער און פּראַקטישער, אַז אַלע לייט־אַרטיקלען זאָלען זיין „אַנאָנים", אָהן אַ נאָמען.

דער שרייבער האָט אַן אַנדער צוגאַנג צו אַ לייט־אַרטיקעל ווי צו אַן „אייגענעם אַרטיקעל". ער ווייס, אַז מיט זיין לייט־אַרטיקעל מוז ער זיין מעהר פאָרזיכטיג, ער מוז זיין אָפּגעהיט מיט יעדען וואָרט. ער מוז אויך אָנהאַלטען אַ געוויסען טאָן, אַ טאָן פון וויר־דיגקייט און וואָגיקייט. אַ טעות אין אַ לייטאַרטיקעל רעפלעקטירט אויף דער גאַנצער צייטונג און שטעלט אין אַ פאַרלעגענהייט די גאַנצע רעדאַקציע.

שרייבער, וואָס זיינען צו „אינדיווידואַליסטיש", וואָס קענען ניט באַהערשען זייערע געפיהלען און איינצאַמען זייערע געדאַנקען, קענען ניט אַלעמאָל אָנפאַרטרויט ווערען מיט שרייבען אַן עדי־טאָריעל, אַפילו ווען זיי זיינען אין עצם איינפאַרשטאַנען מיט די פּאָליסיס פון דער צייטונג. זיי קענען זיך אַרויסכאַפּען מיט אַ צו־שאַרפען וואָרט אָדער צו־עקסטרעמער פראַזע. דערפאַר מוז דער רעדאַקטאָר זיין שטענדיג אויף דער וואַך. עס פּאַסירען פאַלען ווען

דער רעדאַקטאָר איז געצוואונגען צו מאַכען ענדערונגען אָדער אינ־גאַנצען איבערשרייבען אַ לייט־אַרטיקעל.

די צאָל מיטאַרבייטער וואָס שרייבען רעגעלמעסיג די לייט־אַרטיקלען אין „פאָרווערטס" איז היינט גרעסער ווי ווען עס איז פריהער. ווי איך האָב פריהער געזאָגט, איז גאָר אַמאָל, ווען איך בין אָנגעקומען אין „פאָרווערטס", געווען איין הויפּט עדיטאָריעל־שרייבער (ב. פייגענבוים) מיט אַ פּאָר „אַרויסהעלפער" (בורגין און איך). אב. קאַהאַן אַליין פלעגט אויך שרייבען אַ לייט־אַרטיקעל אין אויסנאַמס־פאַלען. די סיסטעם איז אָנגעהאַלטען געוואָרען אַ לאַנגע צייט.

שפּעטער זיינען געווען יאָהרען ווען צביון האָט געשריבען פיר עדיטאָריעלס אַ וואָך; די איבעריגע דריי פלעג איך שרייבען. צביון האָט אָבער געהאַט זעהר אַ סך טראָבעל, אָדער בעסער געזאָגט, דער רעדאַקטאָר האָט געהאַט טראָבעל מיט אים. דאָס איז געווען אין די יאָהרען ווען אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי זיינען פאָרגעקומען קאָנפליקטען און שפּאַלטונגען און ווען דער „פאָרווערטס" האָט באַקעמפט די מעטאָדען פון דער פּאַרטיי און איהר שטעלונג צו דער רוזוועלט אַדמיניסטראַציע פון איין זייט און צו סאָוועט־רוסלאַנד פון דער צווייטער זייט. צביון איז דאַמאָלסט ניט געווען אינגאַנצען איינפאַרשטאַנען מיט די פּאָליסיס פון דער צייטונג און ער האָט געמוזט אויסמיידען צו שרייבען וועגען זיי אין זיינע לייט־אַרטיק־לען. עס פלעגט אָפט פּאַסירען, אַז אַנשטאָט צו שרייבען וועגען דער וויכטיגסטער געשעהעניש פון טאָג, פלעגט צביון אויסקלייבען פּאָר דער טעמע פון זיין אַרטיקעל אַ ווייטע, טעאָרעטישע פראַגע וועגען דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג אָדער וועגען אַן אַלגע־מיינער אַרבייטער פּראָבלעם. דער לייט־אַרטיקעל האָט געמעגט זיין אינטערעסאַנט (אַלץ וואָס צביון שרייבט איז אינטערעסאַנט), אָבער אין דעם באַטרעפענדען מאָמענט האָט דער לעזער ערוואַרט אַן עדיטאָריעל אויף אַ גאַנץ אַנדער טעמע, אויף אַ טעמע וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו אַ וויכטיגער פּאַסירונג פון טאָג און וואָס צביון האָט באַוואוסטזיניג אויסגעמידען.

צביון האָט דערפאַר געבעטען מען זאָל איהם באַפרייען פון

שרייבען לייט־אַרטיקלען און דער רעדאַקטאָר האָט זיין פאַרלאַנג באַוויליגט.

וואָס איז מכח די לייענער פון לייט־אַרטיקלען? ווי גרויס איז זייער צאָל?

וועגען דעם זיינען שטענדיג אָנגעגאַנגען דעבאַטעס אין שרייבערישע קרייזען. איין מיינונג איז געווען, אַז דער לייט־אַרטיקעל האָט די קלענסטע צאָל לייענער; אַז בלויז די גאָר, גאָר ערנסטע קוקען אַריין אין דעם עדיטאָריעל. אַן אַנדער מיינונג איז געווען מעהר ליבעראַל; זי האָט געגעבען דעם לייט־אַרטיקעל אַ גרויסען פראָצענט פון די „בעסערע לייענער". קיין וויסענשאַפטליכע אויספאָרשונג איז וועגען דעם קיינמאָל ניט געמאַכט געוואָרען און עס איז דערפאַר ניט מעגליך צו זאָגען באַשטימט וועלכע מיינונג קומט נעהענטער צום אמת.

העכסט וואַרשיינליך האָט דער לייט־אַרטיקעל דעם זעלבען שיקזאַל ווי די אַנדערע אַרטיקלען אין דער צייטונג. אויב ער איז אויפגעשריבען גוט און באַהאַנדעלט אַ לעבעדיגע טעמע ווערט ער געלייענט מעהר, ווי ווען ער איז שווער געשריבען און ווען די טעמע איז אַ ווייטע אָדער אַ טעאָרעטישע. פון מיין אייגענער ערפאַהרונג וויים איך, אַז יעדעס מאָל ווען אין „פאָרווערטס" ערשיינט אַ געלונגענער לייט־אַרטיקעל, אַ לייט־אַרטיקעל וואָס צייכענט זיך אויס מיט געדאַנקען אָדער מיט סטיל, הערט זיך באַלד אַן אָפּרוף פון דעם עולם; עס קומען־אָן בריף מיט קאָמפּלימענטען און אפילו טעלעפאָן־קאָלס. אין אַזוינע פאַלען פּרובירען די נאָענטע מענשען אין און אַרום דער רעדאַקציע אויסגעפינען ווער עס האָט געשריבען דעם לייט־אַרטיקעל, ווּעמען עס קומט דער קרעדיט פאַר דער „גוטער שטיקעל אַרבייט.

דער אונטערגעשריבענער אַרטיקעל האָט אַ מעלה און אַ חסרון אין פאַרגלייך מיט דעם עדיטאָריעל. די מעלה איז, וואָס די „פּאַטריאָטען" פון דעם באַטרעפענדען שרייבער וועלען לייענען דעם אַרטיקעל וואָס די טעמע זאָל ניט זיין. דער חסרון איז, וואָס די לעזער וועלכע זיינען גלייכגילטיג צום באַטרעפענדען שרייבער וועלען פאַרקוקען דעם אַרטיקעל ווי גוט און ווי געלונגען ער זאָל ניט זיין. מיט דעם

לייט־אַרטיקעל פּאַסירט עס ניט. דער לייט־אַרטיקעל שטעהט אויף זיינע אייגענע פיס. ער ווערט געאורטיילט דורכאויס לויט זיינע אייגענע מעלות און חסרונות.

ווי מען גיט איבער פון פאַרשידענע קוועלען, ווערט דער לייט־אַרטיקעל היינט געלייענט מעהר ווי אַמאָל. דאָס איז דער פאַל ניט בלויז אין דער אידישער פּרעסע נאָר אויך אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע. וואַרשיינליך איז דאָס דערפאַר, וואָס דער קרייז פון ערנ־סטערע לעזער האָט זיך פאַרגרעסערט און אויך דערפאַר וואָס אין די לעצטע יאָהרען זיינען די פּראָבלעמען פון טאָג אַזוינע וויכטיגע אַז וועניג לעזער קענען זיי פאַרבייגעהן גלייכגילטיג. די מעהרסטע זוכען באַלייכטונגען און מיינונגען פון קוואַלען וואָס זיי באַטראַכטען אַלס קאָמפּעטענט דאָס צו געבען. אין דער צייטונג איז דער לייט־אַרטיקעל דער ווינקעל וואו מ׳געפינט אַזוינע קאָמפּעטענטע און בעסט־דורכגעטראַכטע מיינונגען.

אין די עטליכע צעהנדליג יאָהר וואָס איך בין פאַרבונדען מיט דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס" האָט דער לייט־אַרטיקעל דורכ־געמאַכט פאַרשידענע דערפאַרונגען. עס זיינען געווען יאָהרען ווען ער איז פאַרנאַכלעסיגט געוואָרען, ווען דער רעדאַקטאָר האָט זיך וועניג „געבאַדערט" מיט איהם, און עס זיינען געווען יאָהרען ווען דער לייט־אַרטיקעל איז פאַרזיכטיג אָפּגעהיט געוואָרען. דאָס איז ניט געווען דער רעזולטאַט פון סתם קאַפּריזען פון דעם רעדאַק־טאָר; דאָס איז געקומען פון געוויסע אומשטענדען אין דער רע־דאַקציע גופא. אין די לעצטע יאָהרען ווערען די לייט־אַרטיקלען געשריבען פון אונזערע חשוב׳סטע און פעהיגסטע מיטאַרבייטער, וועלכע באַטראַכטען דעם טייל פון זייער אַרבייט אַלס דעם פאַר־אַנטוואָרטליכסטען און וויכטיגסטען.

קאַפּיטעל זעקס־און־צוואַנציג

י. י. זינגער

די ליטעראַרישע קאַריערע פון י. י. זינגער שטעלט מיט זיך פּאָר אַ מערקווירדיגען קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון „פאָר־ווערטס”, ווי אויך אין דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור. די איינצעלהייטען פון דעם ווערען דערצעהלט אויספירליך פון קאָלעגע מ. אַשעראָוויטש אין זיין געשיכטע פון „פאָרווערטס”, וואָס מיר האָבען געדרוקט מיט עטליכע יאָהר צוריק. י. י. זינגער האָט זיך באַוויזען אויף דער ליטעראַרישער אַרענע אין 1921, ווען ער האָט אָפּגעדרוקט זיין ערשטע נאָוועלע „פערל” אין אַ זשורנאַל אין וואַרשע. די נאָוועלע, וועלכע איז געווען אַ קונסטווערק פון ערשטען ראַנג, האָט זינגער נאָך מיט אַ יאָהר פריהער פאָרגעלייענט פאַר אַ גרופּע באַוואוסטע אידישע ליטעראַטען אין מאָסקווע און זיי אַלע האָבען איהר אַראָפּגעריסען און אויסגעלאַכט. (צווישען דער גרופּע איז געווען דוד בערגעלסאָן און א. ליטוואַקאָוו). אין וואַרשע, וואו זינגער האָט זיך באַזעצט אַביסעל שפּעטער, איז איהם געלונגען צו קריגען פּלאַץ פאַר דער נאָוועלע אין אַ זשורנאַל. אָבער דאָרט איז זי אויך פאַרשוויגען געוואָרען פון די קריטיקער. קיין האָנאָראַר האָט ער פאַר איהר אויך ניט באַקומען.

און דאַן האָט פּאַסירט אַ נס. אַב. קאַהאַן האָט געלייענט די נאָוועלע אין דעם זשורנאַל און איז פון איהר געוואָרען אַנטציקט. ער האָט זי איבערגעדרוקט אין „פאָרווערטס” און געשיקט דעם אומבאַקאַנטען זינגער'ן אַ בריף מיט קאָמפּלימענטען, איינ־שליסענדיג אַ טשעק פאַר הונדערט דאָלער. ער האָט איהם אויך איינגעלאַדען צו ווערען אַ מיטאַרבייטער אין „פאָרווערטס”. אין אַן

אַרטיקעל, וואָס זינגער האָט מיט 20 יאָהר שפּעטער אָפּגעדרוקט אין „פאָרווערטס", דערצעהלט ער וועגן דעם עפּיזאָד און מאַכט דערביי די פאָלגענדע באַמערקונג: „אב. קאַהאַן איז געווען דער ערשטער מענש וואָס האָט מיר געגעבען פאַר מיין אַרבייט אַנערקענונג און באַלוינונג".

אין די ערשטע יאָהרען פון זיין פאַרבינדונג מיט'ן „פאָר־ווערטס" האָט י. י. זינגער געדרוקט כמעט אויסשליסליך קאָרעס־פּאָנדענציעס פון וואַרשע און אַנדערע פּוילישע שטעט. קיין בעלע־טריסטיק האָט ער דאַמאָלסט ניט געשאַפען צוליב דער פיינטליכער אַטמאָספערע מיט וועלכער ער איז געווען אַרומגערינגעלט אין די ליטעראַרישע קרייזען אין וועלכע ער האָט פאַרקערט. ער האָט אויף זיך געהאַט גענומען אַ נדר ניט צו שרייבען קיין בעלעטריסטיק און ער האָט זיך אָפּגעגעבען בלויז מיט זשורנאַליסטיק און רעפּאָרטאַזש. ערשט ווען אב. קאַהאַן האָט איהם באַגעגענט פערזענליך אויף איינער פון זיינע רייזעס אין אייראָפּע, איז איהם געלונגען צו ווירקען אויף זינגער'ן ער זאָל ברעכען זיין נדר. און פון דאַן האָט זיך געעפענט דער קוואַל פון זינגער'ס ריזיגען טאַלאַנט. ער האָט געשאַפען איין קונסטווערק נאָך דעם אַנדערען: „יאָשע קאַלב", „די ברידער אַשכנזי", „חבר נחמן", „די פאַמיליע קאַרנאָווסקי" און אַ רייע קורצע און לענגערע דערצעהלונגען, וואָס בילדען היינט איינעם פון די הערליכסטע קאַפּיטלען פון דער אידישער קלאַסישער ליטעראַטור.

ווען ניט אַב. קאַהאַן און ווען ניט דער „פאָרווערטס" וואָלט דער קינסטלער זינגער אונטערגעגאַנגען גלייך ווי ער האָט גענומען שטעלען זיינע ערשטע טריט. זינגער איז געראַטעוועט געוואָרען דורך אַ נס, און דער נס איז געווען אַב. קאַהאַן.

* * *

ווי געזאָגט, האָט זינגער אַליין דאָס אנערקענט. ער האָט וועגען דעם גערעדט אָפען ביי פילע געלעגענהייטען. און אין 1942, ווען עס איז געפייערט געוואָרען אַ קאַהאַן יובילעי, האָט ער וועגען דעם געשריבען אין „פאָרווערטס". אויך קאַהאַנ'ען איז די געשיכטע פאַרבליבען אין זכרון און ער האָט דאָס איבערדערצעהלט פיל מאָל.

קאַהאַן האָט באַטראַכט זינגער׳ן פאַר׳ן גרעסטען טאַלאַנט אין דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור. ער האָט איהם געשטעלט העכער פון אַש׳ן. און עס פאַרשטעהט זיך, אַז ער האָט שטאָלצירט דערמיט וואָס ער האָט זינגער׳ן פאַקטיש אַנטדעקט און וואָס ער האָט איהם געראַטעוועט פאַר דער אידישער ליטעראַטור.

און דאָך, טראָץ דער אנערקענונג פון איינעם צום צווייטען און טראָץ דער דאַנקבאַרקייט פון איינעם צום אַנדערען, האָט זיך צווישען זיי קיינמאָל נישט אַנטוויקעלט קיין וואַרימע פריינדשאַפט. זיי זיינען קיינמאָל ניט צוגעקומען נאָענט איינער צום אַנדערען. עס זיינען געווען צייטען ווען זיי פלעגען זיך האַלטען ווי פרעמדע, כמעט ברוגז׳ע. עס זיינען געווען פאַלען ווען עס זיינן שיער ניט פאַרגעקומען צוזאַמענשטויסען צווישען זיי. וואָס איז געווען די אור־זאַך?

י. י. זינגער איז געווען אַ זעהר סענסיטיווער מענש. און אב. קאַהאַן האָט זיך קיינמאָל ניט גענומען די מיה צו זיין פאָרזיכטיג אָדער „דיפלאָמאַטיש״, מיט סענסיטיווע מענשען. בכלל האָט אב. קאַהאַן ניט געקענט באַהאַלטען זיינע געפיהלען און מיינונגען. דערצו איז ער געווען כמעט צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי זינגער און ער האָט געפיהלט, אַז ער מעג צו איהםריידען ווי אַ פאָטער אָדער ווי אַ זיידע צו אַן אייניקעל. זינגער האָט עס ניט פאַרשטאַנען.

כל זמן זינגער איז געווען אין וואַרשע איז זיין הויפט־אַרבייט פאַר דעם „פאָרווערטס״ באַשטאַנען פון שרייבען קאָרעספּאָנדענציעס. ער האָט באַנוצט אַ פאַרשטעלטען נאָמען, „ז. קופּער״. קיין בעלע־טריסטיק האָט ער דאַמאָלסט, דוכט מיר, גאָרניט געשריבען. דאָס איז געווען די צייט פון דעם „נדר״, וואָס איך האָב פריהער דערמאָנט. אב. קאַהאַן האָט איהם אויך דאַמאָלסט געשיקט אויף אַ רייזע אין סאָוועט רוסלאַנד, פון וואַנען ער האָט געשריבען אַ סעריע זעהר אינטערעסאַנטע בריף.

ווען זינגער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע, אין אָנהויב פון די דרייסיגער יאָהרען, איז אויפגעקומען די פראַגע פון זיין וויטער־דיגער אַרבייט פאַר דער צייטונג. אב. קאַהאַן האָט איהם דאַמאָלסט באַטראַכט ווי אַ זשורנאַליסט און האָט פאַר איהם געזוכט זשורנאַ־

ליסטישע אַרבייט. פון וואַרשע פלעגט זינגער צושיקען איינעם אָדער צוויי אַרטיקלען אַ וואָך. און דאָס געהאַלט, וואָס ער האָט באַקומען פאַר דער מאָס אַרבייט און פאַר פּוילען, איז געווען אַ גאַנץ פיינע. ווען כ'האָב זינגער'ן באַזוכט אין וואַרשע, ענדע יאָהר 1931, האָט ער מיר דערצעהלט, אַז אין די דאָרטיגע שרייבערישע קרייזען קוקט מען אויף איהם ווי אויף אַ גביר, און אַז דאָס פאַרשאַפט איהם אַמאָל אומאַנגענעמליכקייטען. יענער וואַרשעווער געהאַלט איז אָבער געווען צו־קליין פאַר ניו יאָרק; ער האָט ערוואַרטעט אַ גאַנץ באַ־דייטענדע העכערונג.

ווען די אַלע זאַכען זיינען אין אָנהויב פון זיין אָנקומען אַהער געווען אַביסעל רייבונגען, אַביסעל טראָבעל. און דאָס האָט גע־ווירקט אויף זינגער'ס באַציהונגען צו אב. קאַהאַן. געענדיגט האָט זיך עס מיט אַ „פולשטענדיגען זיג", אַזוי צו זאָגען, פאַר זינגער'ן. ער איז אַריבער פון זשורנאַליסטיק אויף בעלעטריסטיק. ער איז אַריינגעטראָטען אין דעם קלאַס פון שלום אַש און ז. שניאור מיט אַלע זייערע פּריווילעגיעס און מיט אומגעפער דעם זעלבען גע־האַלט. עס פאַרשטעהט זיך, אַז די אמת'ע אורזאַך פאַרוואָס ער האָט באַקומען אַלץ וואָס ער האָט געפאָדערט איז געווען וואָס אב. קאַהאַן האָט אויך אָפּגעשאַצט זיין טאַלאַנט און איז געווען איבער־צייגט, אַז מען קען פון איהם ערוואַרטען גרויסע קונסטווערק, וואָס וועלען זיין אַ ברכה פאַר'ן „פאָרווערטס" און פאַר דער אידישער ליטעראַטור.

אַב. קאַהאַנ'ס ערוואַרטונג איז פאַרווירקליכט געוואָרען. אין די נעקסטע צעהן יאָהר האָט זינגער אָנגעשריבען און אָפּגעדרוקט אין „פאָרווערטס" אַ רייע ראָמאַנען און דערצעהלונגען וואָס האָט איהם באַרימט געמאַכט ניט נאָר אין דער אידישער נאָר אויך אין דער וועלט־ליטעראַטור.

דער „פאָרווערטס" האָט שטאָלצירט מיט זינגער'ן, און אַב. קאַהאַן האָט ניט אויפגעהערט וועגען איהם צו שרייבען און איהם צו ריהמען. דאָך זיינען זיי פערזענליך אַלץ ניט צוגעקומען נאָענט איינער צום אַנדערען. זינגער איז געווען אַ לוסטיגער מענש, אַ

צוגעלאָזענער צו זיינע קאָלעגען אין דער רעדאַקציע. ער פלעגט ליב האָבן צו פאַרברייגגען, און ער האָט פאַרמאָגט אַ ים מיט וויצען, מיט וועלכע ער פלעגט אונטערהאַלטען די אַרומיגע. ווען מען פלעגט איהם דערזעהן אַריינקומען אין דער רעדאַקציע פלעגט ווערען פרעהליכער אויפ׳ן האַרץ. יעדעס מאָל וואָס איך דערמאָן זיך וועגען איהם, זעה איך ווי ער שטעהט אין מיטען גרויסען צימער פון דער רעדאַקציע, אָנגעשפּאַרט אָן אַ דעסק, רעדט און לאַכט און אַלע אַרום איהם לאַכען־מיט. די סצענע, וואָס האָט זיך אַזוי איינגעקריצט אין מיין זכרון, האָט זיך אָפּגעשפּילט שפּעט נאָכמיטאָג אַ טאָג פאַר זיין פלוצלונגען טויט.

איך בין זיכער, אַז ווען קאַהאַן און זינגער וואָלטען זיך דער־נעהענטערט איינער צום אַנדערען, וואָלטען זיי געוואָרען הייסע פריינד. קאַהאַן האָט ליב געהאַט צו פאַרברייגגען מיט אַזוינע מענשען ווי זינגער. אַז זינגער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער פּערזענליכקייט פון אַב. קאַהאַן ווייס איך פון אַ געשפּרעך, וואָס איך האָב געהאַט מיט זינגער׳ן קורץ פאַר זיין טויט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט אַ געדאַנק צו שרייבען אַ ראָמאַן וועגען דער אידישער איסט סאַיד, וועגען „איסט בראָד־וועי״, מיט אַב. קאַהאַן אַלס די צענטראַלע פיגור.

עפּעס האָט זיך דער שיקזאַל פאַרלעגט ניט צו דערלאָזען, אַז די צוויי מענשען זאָלען צוקומען נעהענטער, איינער צום צווייטען. אַלע ווילע פלעגט עפּעס פּאַסירען וואָס האָט זיי צעריצט — קליי־ניגקייטען, נאַרישקייטען; אָבער דאָס איז געווען גענוג, אַז די קאַלטקייט זאָל ווייטער אָנהאַלטען. אָט, צום ביישפּיל, האָט פּאַסירט אַזאַ פאַל: זינגער האָט דאַמאָלסט געוואוינט אין לאָס אַנדזשעלעס צוליב׳ן געזונט. דער „פאָרווערטס״ האָט אָנגעהויבען צו דרוקען זיינעם אַ נייעם ראָמאַן און די קאָפּיע פלעגט אָנקומען דורך פּאָסט. אַב. קאַהאַן האָט געהאַט אַ טבע צו לייענען דעם מאַנוסקריפּט פון די ערשטע קאַפּיטלען פון אַ נייעם ווערק אין „פאָרווערטס״. האָט ער אין דעם פאַל געלייענט די אָנגעקומענע פאָרזעצונגען פון זינ־גער׳ס נייעם ראָמאַן, און לייענענדיג האָט ער געמאַכט געוויסע אויס־בעסערונגען אין סטיל. די אויסבעסערונגען זיינען באַשטאַנען פון

פאַרטייטשען, אין קלאַמערען, די ווערטער וועלכע קאַהאַן האָט געהאַלטען פאַר צו־שווער.

איין טאָג איז אָנגעקומען אַ בייזע טעלעגראַמע פון זינגער'ן מיט אַ שאַרפען פּראָטעסט געגען די „אויסבעסערונגען". ער האָט, נאַטירליך, ניט געוואוסט ווער עס האָט געמאַכט די אויסבעסערונגען. צום גליק איז די טעלעגראַמע אַריינגעפאַלען צו מיר אין די הענט איידער קאַהאַן האָט זי געזעהן. איך האָב גערעדט מיט קאַהאַנ'ען וועגען דעם ענין, איהם דערקלערט, אַז זינגער פיהלט שלעכט וואָס זיין מאַנוסקריפּט ווערט פאַרריכט. איך ווייס ניט וואָס קאַהאַן האָט געטראַכט אין האַרצען; אָבער פון יענעם טאָג אָן האָט ער מעהר דעם מאַנוסקריפּט ניט געטשעפּעט.

אויך איבער דעם לעצטען ניט־פאַרענדיגטען ווערק פון זינגער'ן איז פאָרגעקומען אַ שטיקעל סכסוך צווישען איהם און קאַהאַן. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דעם נאָמען. דאָס ווערק איז געווען אַ מין אויטאָביאָגראַפיע, אַ שילדערונג פון דער הויז אין וועלכער זינגער איז דערצויגען געוואָרען. געשריבען דאָס ווערק האָט זינגער נאָכדעם ווי מען האָט זיך שוין אנגעהויבען צו דערוויסען וועגען דעם גרויסען חורבן פון פּוילישען אידענטום. האָט זינגער געוואָלט אָנרופען דאָס ווערק „פון אַ לעבען וואָס איז מעהר ניטאָ". קאַהאַנ'ען איז דער נאָמען ניט געפעלען. איך בין חושד, אַז קאַהאַן האָט זיך אַביסעל געשראָקען פאַר זינגער'ס גאַנצען פּלאַן. ער האָט בעסער געוואָלט, אַז זינגער זאָל שרייבען אַ נייעם ראָמאַן פון זעלבען סאָרט ווי די פריהערדיגע, אין וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזען אַזאַ געוואַלדיגען טאַלאַנט. ריידענדיג וועגען דעם, האָט מיר זינגער דאַן ערקלערט, אַז אין דער שטימונג אין וועלכער ער געפינט זיך (צוליב דעם אידישען קורבן) קען ער וועגען קיין אַנדער זאַך ניט טראַכטען ווי נאָר פון „דעם לעבען וואָס איז שוין מעהר ניטאָ". קאַהאַן האָט, פאַרשטעהט זיך, צוגעשטימט צו זינגער'ס באַשלוס. ער האָט אָבער געהאַלטען, אַז דער נאָמען וועט אָפּשרעקען אַ סך לעזער און ער האָט פאָרגעשלאָגען דעם נאָמען „פּאַסירונגען פון לעבען". אונטער דעם נאָמען איז דאָס ערשינען אין „פאָרווערטס". אָבער זינגער האָט געפיהלט שלעכט וועגען דעם.

קאַפּיטעל זיבען־און־צוואַנציג

ד. שוב און ל. הענדין

די קאָמוניסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע האָט געמאַכט איהר גרעסטען פאַרשריט און פאַרצייכענט איהרע העכסטע דערפאָלגען אין די דרייסיגער יאָהרען, די יאָהרען פון קריזיס. אין יענער צייט האָט די באַוועגונג אַריינגעדרונגען אין די קאַלעדזשעס און האַי־סקולס; זי האָט געגרינדעט איהרע געהיימע קעמערלעך אין פיל יוניאָנס און אין דער מואווי־ טעאַטער־ און ביכער־אינדוסטריען. דאָס איז געווען די צייט פון די „פאַראייניגטע פראָנטען”, דער אינ־סטרומענט מיט וועלכען די קאָמוניסטען האָבען געשפּאָלטען און דעמאָראַליזירט פּראָגרעסיווע און אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבען זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען צום קאָמוניסטישען קאָנ־טראָל.

אַם־שטאַרקסטען האָבען די קאָמוניסטען דאַמאָלסט געבושע־וועט אויף דער אידישער גאַס. עס איז ניט געווען קיין איין איינציגע אידישע יוניאָן וואָס האָט ניט געפיהלט דעם ביטערען טעם פון קאָמוניסטישע אַטאַקעס, סאַי פון אינעווענייג און סאַי פון דרויסען. אויך אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט זיך דאַמאָלסט אַריינ־געכאַפּט דער פּראָ־סאָוועטישער גיפט, וואָס האָט זי צעטרייסעלט און צעשפּאָלטען. אין יענע יאָהרען האָט עס פּאַסירט, אַז קאָמו־ניסטישע מיטלויפער האָבען זיך באַפעסטיגט אין הויכע און ני־דעריגע פּאָסטענס פון אַלערליי אידישע פילאַנטראָפּישע, נאַציאָנאַלע און רעליף אָרגאַניזאַציעס פון וועלכע מען איז נאָך ביז היינט ניט אינגאַנצען פּטור געוואָרען.

דער קאַמף געגען דער מכה פון קאָמוניזם אויף דער אידישער

גאָס אין יענע שווערע יאָהרען איז געפיהרט געוואָרען הויפּטזעכ־ליך דורכ'ן „פאָרווערטס". אַרום „פאָרווערטס" האָבען זיך גרופּירט די אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס, יוניאָנס און אינסטיטוציעס וואָס האָבען זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען צום קאָמוניזם. און אויב עס איז געלונגען צו ראַטעווען אַ באַדייטענדען טייל פון זיי, איז עס צו פאַרדאַנקען דער געוואַלדיגער הילף וואָס דער „פאָרווערטס" האָט זיי געגעבען, מאַטעריעל און מאָראַליש, זיי זאָלען זיך קענען פאַרטיידיגען און צוריקשלאָגען די אַטאַקעס.

אין דעם קאַמף געגען קאָמוניזם האָבען אנטייל גענומען אַלע שרייבער פון „פאָרווערטס" — פון דעם רעדאַקטאָר אַב. קאַהאַן ביז דעם אינגסטען מיטגליד אויפ'ן סטעף. יעדער איז געשטאַנען אויף דער וואַך, יעדערער האָט געטאָן זיין פליכט. עס זיינען אָבער געווען געוויסע מיטאַרבייטער ביי וועמען דער קאַמף מיט די קאָמוניסטען איז געווען דער עיקר, ווייל זיי זיינען געווען פאַרבונדען מיט יענע אָפּטיילונגען פון דער צייטונג, וואו די מלחמה איז שטענדיג אָנגעגאַנגען. וועגען צוויי פון די מיטאַרבייטער וויל איך דערצעהלען אין דעם איצטיגען קאַפּיטעל. זיי זיינען ד. שוב און דר. ל. הענדין.

ד. שוב האָט זיין קאַמף געגען קאָמוניזם געפיהרט כמעט אויסשליסליך אַלס סאָציאַליסט, אַלס סאָציאַל־דעמאָקראַט. זיין סטראַטעגיע איז געגאַנגען הויפּטזעכליך אויף די ליניעס פון טעאָרע־טישען און היסטאָרישען סאָציאַליזם. ל. הענדין האָט זיין קאַמף גע־פיהרט כמעט אינגאַנצען אַלס אַ פּראַקטישער טוער אין דער אַר־בייטער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג. זיין סטראַטעגיע איז גע־גאַנגען אויף די ליניעס פון לויפענדע געשעהענישען אין דער אַר־בייטער און סאָציאַליסטישער באַוועגונגען.

ד. שוב האָט זיין גאַנצען לעבען געשטודירט די טעאָריע און די געשיכטע פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם און פון דער רוסישער רעוואָלוציע פון איהרע פריהעסטע צייטען ביז היינט. אין אַמעריקע זיינען דאָ ווייניג מענשען וואָס קענען זיך פאַרגלייכען מיט איהם אין דער באַהאַוועטנקייט אין די וויסענ־שאַפטען וואָס האָבען אַ שייכות מיט דער באָלשעוויסטישער באַווע־

גונג, מיט דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע און מיט'ן סאָוועטישען רעזשים. זיין בוך „לעניז" (אויף ענגליש), ווערט באַנוצט אין קאָלע־דזשעס און אוניווערזיטעטען אַלס קוואַל, אויף וועלכען מען קען זיך אַבסאָלוט פאַרלאָזען. אין די רעדאַקציעס פון די אַמעריקאַנער צייטונגען איז ד. שוב באַוואוסט אַלס איינער צו וועמען מען קען זיך ווענדען נאָך פאַרלעסליכער אינפאָרמאַציע וועגען אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט קאָמוניזם אין רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער. און אַזוינע ווענדונגען קומען־אָן צו איהם גאַנץ אָפט.

אין די קריטישע דרייסיגער יאָהרען האָט שוב געווידמעט אַ סך פון זיינע אַרטיקלען אויפצוקלעהרען די לעזער פון „פאָרווערטס" דעם אונטערשייד צווישען סאָציאַליזם און קאָמוניזם, אויפצודעקען די ליגענס און בלבולים וואָס די קאָמוניסטען האָבען פאַרשפרייט געגען די סאָציאַליסטישע באַוועגונגען אין פאַרשידענע לענדער און צו געבען אינפאָרמאַציע און באַלויכטונגען וועגען די קאָמוניסטישע פאַרברעכענס אין סאָוועטען־רוסלאַנד און וועגען די פּערזענליכקייטען וואָס זיינען געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר די פאַרברעכענס. איך וויל דאָ אונטערשטרייכען, אַז אין יענע יאָהרען איז געווען אומ־געהייער שווער צו קריגען נויטיגע ערלעכע אינפאָרמאַציע, אומפּאַר־טייאישע באַריכטען וועגען דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אויסלאַנד, ווייל די אַמעריקאַנער צייטונגס־קאָרעספּאָנדענטען און די נייעס־אַגענטורען זיינען געווען פאַרפּעסטעט מיט קאָמוניסטישע מיטלויפער און סימפּאַטיקער. ד. שוב האָט זיין אינפאָרמאַציע גע־נומען פון די ערשטע קוואַלען. ער האָט באַקומען די סאָציאַליסטישע פּרעסע פון פאַרשידענע לענדער אין אייראָפּע און ער איז אויך געשטאַנען אין שטענדיגען קאָנטאַקט מיט די וויכטיגסטע סאָציאַ־ליסטישע פיהרער אין אייראָפּע און מיט באַרימטע רוסישע סאָ־ציאַליסטען און רעוואָלוציאָנערען וואָס האָבען זיך געראַטעוועט פון די באָלשעוויקעס. איהם איז דאָ אויך צוניץ געקומען זיין ברייטער וויסען פון דער טעאָריע און געשיכטע פון סאָציאַליזם. די פּאַר־פירערישע און ליגנערישע באַריכטען און קאָרעספּאָנדענציעס, וואָס האָבען דאַמאָלסט פאַרפלייצט די אַמעריקאַנער צייטונגען, האָבען איהם ניט געקענט אָפּנאַרען. ער האָט די ליגענס און פעלשונגען גלייך

דערקענט און האָט געוואוסט ווי אַזוי זיי אויפצודעקען פאַר די לעזער. די מערסטע לייט־אַרטיקלען אין „פאָרווערטס“ וועגן די אַלע פראַגען זיינען דאַמאָלסט געשריבען געוואָרען פון ד. שוב.

אין יענע יאָהרען איז אין דער ניו יאָרק „טאַימס“ געווען אַ ספּעץ איבער קאָמוניזם און סאָוועט רוסלאַנד אַ שרייבער מיט'ן נאָמען דזשאָזעף שעפּלין. שעפּלין איז געווען אַ רוסישער איד, וועלכער איז געקומען יונג אין אַמעריקע, ער איז אָבער דערצויגען געוואָרען אויף רוסיש און האָט געקענט גוט די רוסישע שפּראַך. ער איז אויך געווען אַן איבערגעבענער סאָציאַל־דעמאָקראַט און אַ פאַרברענטער געגנער פון קאָמוניזם און באָלשעוויזם. עס זיינען געווען צייטען ווען דזשאָזעף שעפּלין איז געווען די איינציגע שטאַרקע האַנט אין דער „טאַימס“־רעדאַקציע וואָס האָט ניט דערלאָזט אַז די צייטונג, וועלכע איז די וויכטיגסטע און איינפלוסרייכסטע אין אַמעריקע, זאָל פאַרפיהרט ווערען אויף די קרומע וועגען פון פראָ־סאָוועטיזם. און דזשאָזעף שעפּלין פון דער „טאַימס“ האָט געאַרבייט האַנט אין האַנט מיט ד. שוב'ן פון „פאָרווערטס“. זיי פלעגען זיך אָפט אויסטוישען מיט זייער אינפאָרמאַציע און מיט זייערע אויפקלעהרונגען.

און איצט וועגען דר. ל. הענדין און זיין ראָלע אין קאַמף געגען קאָמוניזם.

פאַסירט האָט עס אין יאָהר 1929. אין דער „פאָרווערטס“־רעדאַקציע איז אַרויפגעקומען גענאָסע מאַיער גיליס און האָט דער־צעהלט, אַז דר. ל. הענדין האָט פאַרלאָזט די קאָמוניסטישע באַוועגונג און אַז ער וויל זיך זעהן מיט מענשען פון „פאָרווערטס“. אַ טאָג אָדער צוויי שפּעטער האָבען דריי פון אונז, גיליס, כאַנין און איך, זיך געטראָפען מיט הענדינ'ען אין אַ קאַפע אויף עלען סטריט. מיר האָבען פאַרבראַכט אַ פּאָר שטונדען. הענדין האָט אונז דער־צעהלט וועגען די אינטריגעס אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, די רייסערייען צווישען די גרופּעס און די דיקטאַטאָרישע באַפעלען פון מאָסקווע אין באַצוג די פיהרער און פיהרערשאַפט פון דער היגער פּאַרטיי. ער האָט אויך דערצעהלט וועגען די פּלענער וואָס די קאָמוניסטען מאַכען צו שפּאַלטען דעם אַרבייטער רינג און צו פאַרכאַפּען פאַרשידענע צווייגען פון דער אידישער אַרבייטער באַ־

ווענונג. און דער עיקר האָט ער אונז ערקלערט פאַרוואָס ער האָט באַשלאָסען איבערצורייסען מיט די קאָמוניסטען און אַרויסצוטרעטען עפענטליך געגען זיי.

דער רעזולטאַט פון דער באַגעגעניש איז געווען, אַז הענדין איז איינגעלאַדען געוואָרען פון אב. קאַהאַן צו שרייבען אַ סעריע אַר־טיקלען אין „פאָרווערטס" וועגען די אַלע זאַכען וואָס ער האָט אונז דערצעהלט.

מיט דעם האָט זיך אָנגעהויבען הענדין׳ס פאַרבינדונג מיט אונזער צייטונג. הענדין איז אין יענע יאָהרען נאָך ניט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלער שרייבער; ער האָט פּראַקטיצירט דענטיסטרי. אַלס אַ סאָציאַליסט פון רוסלאַנד איז ער אַריינגעטראָטען אין דער היגער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע גלייך ווי ער איז געקומען אַהער. ער איז אויך געווען טעטיג אין אַרבייטער רינג און אין דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אין פאַרבינ־דונג מיט די אַלע טעטיגקייטען פלעגט ער שרייבען אין די פאַר־שידענע באַוועגונג אָרגאַנען און פלעגט אויפטרעטען אַלס רעדנער און לעקטשורער, אויף אידיש און ענגליש. ער האָט געהאַט אַ גוטע רעפּוטאַציע אַלס אַ פעהיגער, ענערגישער און אויפריכטיגער טוער און פיהרער. דערפאַר איז זיין איבעררייס מיט די קאָמוניסטען געווען אַ געווינס פאַר אונז.

אין די נעקסטע עטליכע יאָהר האָט הענדין אָפּגעגעבען אַ סך צייט און מיה צו העלפען אונז אין דעם דאָפּעלטען קאַמף וואָס די רעכטע סאָציאַליסטען, מיט דעם „פאָרווערטס" אין שפּיץ, האָבען געפיהרט: אין דעם אויסערליכען קאַמף מיט די קאָמוניסטען און אין דעם אינערליכען קאַמף מיט די „טאָמאַסיסטען". דאָס איז געווען אין דער צייט ווען נאָרמאַן טאָמאַס האָט געפלירטעוועט מיט די קאָמוניסטען און זיך צוגעהערט צו זייערע געבלאָפטע פאַרשלאַגען וועגען אַ „פאַראייניגטען פראָנט". אין דער צייט ווען די „טאָמאַסי־סטען" האָבען נאָכגעבאַמקעט דאָס לידעלע פון די קאָמוניסטען, אַז רוזוועלט איז אַ פאַשיסט און אַז דער „ניו דיעל" איז אַ „פאַרשווע־רונג" צווישען וואָל סטריט און פּרעזידענט רוזוועלט איינצופירען אַ פאַשיסטישע דיקטאַטור אין אַמעריקע. די אידישע גאַס איז דאַ־

מאָלט געווען פאַרפּלייצט פון דער דאָפּעלטער פּראָ־קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. די כוחות פון די רעכטע זיינען געווען פאַרהעלטניס־מעסיג שוואַך, און הענדינ׳ס בייטראָג האָט זיך שטאַרק אָנגעזעהן. ער פלעגט אַרויסטרעטען אין דעבאַטעס מיט די לינקע און זיינע אַרגומענטען האָבען געמאַכט אַ טיפען איינדרוק אַ דאַנק דעם וואָס ער האָט זיך געשטיצט אויף זיין לאַנג־יאָהריגער פאַרבינדונג מיט די לינקע און קאָמוניסטען און אויף זיין גרינדליכער באַקאַנט־שאַפט מיט די קאָמוניסטישע מעטאָדען און דער פּסיכאָלאָגיע פון די קאָמוניסטישע פיהרער און פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

אָנגעקומען אין דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס" איז הענדין דורך אַ צופאַל. ער איז געווען אין אַן אָטאָמאָביל עקסידענט, פון וועלכען ער איז אַרויס מיט אַ צובראָכענער האַנט. נאָכדעם ווי די האַנט האָט זיך פאַרהיילט האָט ער איינגעזעהן, אַז איהם וועט זיין שווער ווייטער צו פּראַקטיצירען זיין פּראָפעסיע. אונזער מלחמה מיט די קאָמוניסטען און מיט די לינקע סאָציאַליסטען איז דאַמאָלסט געווען אין רעכטען ברען און דער „פאָרווערטס" האָט זיך געקענט באַנוצען מיט גוטע שרייבער וועלכע האָבען געקענט העלפען אין דעם קאַמף. דער שידוך איז דערפאַר געווען גוט פאַרביידע צדדים.

מיט אַ פּאָר יאָהר שפּעטער איז אין דער רעדאַקציע אָפּגעליידיגט געוואָרען דער פּאָסטען פון לעיבאָר עדיטאָר. הענדין איז אַריינגע־זעצט געוואָרען אין דעם וויכטיגען אַמט, וועלכען ער האָט פאַרנומען אַרום זיבען יאָהר.

די זיבען יאָהר זיינען געווען די אַנטשיידענע אין דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג אין אַמעריקע. אין די זיבען יאָהר איז אויסגעפאָכטען געוואָרען דער פאַרצווייפעלטער קאַמף צווישען די קאָמוניסטען און די אַנטי־קאָמוניסטען אין אַלע יוניאָנס. און אַזוי ווי דער „פאָרווערטס" האָט אין דעם קאַמף געשפּילט אַ געוואַלדיג גרויסע ראָלע, איז דער ערפאָלג אונזערער געווען פיל אָפּהענגיג אָן דעם ווי הענדין האָט פאַרוואַלטעט זיין לעיבאָר דע־פּאַרטמענט.

הענדין האָט געהאָלפען דעם אַנטי־קאָמוניסטישען פליגעל אין יעדער וויכטיגער אידישער יוניאָן אויסצואַרבייטען די סטראַטעגיע

פון קאַמף. אין דעם איז איהם צוניץ געקומען זיין פריהערדיגע נאָענטע באַקאַנטשאַפט מיט די פיהרער פון די קאָמוניסטען אין די יוניאָנס. זיין באַקאַנטשאַפט מיט זייערע כאַראַקטערען און מיט זייערע מעטאָדען. איהם איז אויך צוניץ געקומען זיין באַקאַנטשאַפט מיט די אידישע טרעידס און מיט דער פסיכאָלאָגיע פון דעם אידישען אַרבייטער און דעם אידישען ראַדיקאַל.

ווי די לעזער ווייסען, איז די אינוואַזיע פון די קאָמוניסטען אין די אידישע יוניאָנס אָפּגעשטעלט געוואָרען. זיי איז געלונגען צו פאַרכאַפּען בלויז עטליכע פון די קלענערע יוניאָנס, און אַפילו פון דאָרטען זיינען זיי אין די מעהרסטע פאַלען פאַרטריבען געוואָרען. אַ גאָר גרויסער טייל פון דעם קרעדיט פאַר דעם קומט דעם „פאָרווערטס״, אַלע זיינע מיטאַרבייטער וואָס האָבען גענומען אַן אַנטייל אין דעם קאַמף, און ספּעציעל דעם לעיבאָר דעפּאַרטמענט, וועלכער איז יענע יאָהרע אָנגעפיהרט געוואָרען פון ל. הענדין.

אין די לעצטע יאָהרען גיט זיך הענדין אָפּ אַממייסטענס מיט שרייבען אַרטיקלען און עדיטאָריעלס איבער פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און אַרבייטער פראַגען.

קאַפּיטעל אַכט־און־צוואַנציג

בריוו אין פאַרשידענע אָפּטיילונגען פון דער רעדאַקציע

אין דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס״ קומען אָן יעדען טאָג פון 50 ביז 100 בריוו. זיי זיינען אַדרעסירט צו די פאַרשידענע אָפּטיילונגען פון דער צייטונג: צום „בינטעל בריוו״, „פראַגען וועגען געזונט״, פראַגען וועגען סאָציאַלע אינשורענס, „פון פאָלק צו פאָלק״, „אַרבייטער פעידזש״, „געזעלשאַפטליכע פעידזש״, „בריוו־קאַסטען״ א. אז. וו. אַ טייל פון די בריוו זיינען אַדרעסירט צו פאַרשידענע שרייבער און באַציהען זיך אויף אַרטיקלען און מיינונגען וואָס די שרייבער האָבען אָפּגעדרוקט אין דער צייטונג.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז אָפּדרוקען אַלע בריוו וואָלט געווען אוממעגליך. מיר באַמיהען זיך אָבער צו ענטפערען אויף זיי, אויב ניט אין דער צייטונג, איז צו בריוו־שרייבער פערזענליך. בריוו מיט פראַגעס וועגען דאַטומס, אָנקומען פון שיפען, אַדרעסען פון אינסטיטוציעס און דאָס גלייכען ווערען געענטפערט דורך דער פּאָסט.

די גרויסע צאָל בריוו אין דער רעדאַקציע זיינען אין אַלגעמיין פאַר אונז אַ קוואַל פון באַפרידיגונג און ערמוטיגונג. זיי מאַכען אונז פיהלען, אַז די לעזער זיינען צוגעבונדען צו דער צייטונג און אַז אונזער אַרבייט ווערט פאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט. ס'פאַרשטעהט זיך, אַז צווישען דער גרויסער צאָהל בריוו זיינען פאַראַן אויסנאַמעס, אַזוינע וואָס קומען פון שונאים אָדער פון פאַנאַטיקער, וועלכע קענען ניט דולדען געוויסע מיינונגען, וואָס די צייטונג

דריקט אויס. די צאָהל פון אַזוינע בריף איז פאַרהעלטניסמעסיג זעהר קליין.

אַלס אילוסטראַציע וויל איך דערצעהלען וועגען צוויי בריף, וואָס זיינען אָנגעקומען מיט דער זעלבער פּאָסט. דאָס האָט פּאַסירט אין רעכטען ברען פון דעם פּראַימערי קאַמף צווישען טעפט און אייזענהאַוער. אין יענער צייט האָט זיך אויך אויף דער אַרענאַ פון פּאָליטיק באַוויזען מר. נאַגיב, דער איצטיגער דיקטאַטאָר פון עגיפּטען. די צוויי בריף האָבען געהאַט צו טאָן מיט די צוויי גע־שעהענישען.

דער ערשטער בריף האָט געבעטען די רעדאַקציע איבערגע־געבען אַ דאַנק אונזער מיטאַרבייטער ג. זאַלאָוויץ, וועלכער האָט דאַ־מאָלסט געשריבען כמעט יעדען טאָג וועגען דעם טעפט־אייזענהאַוער קאַמף אין די פּאַרשידענע סטעיטס. דער בריף שרייבער האָט דער־צעהלט, אַז זיינע קינדער האָבען פּאַרענדיגט קאָלעדזש און אַז ביי איהם אין הויז קומען אָפט פּאָר דיסקוסיעס צווישען די קינדער און זייערע חברים וועגען די פּראַימערי קאַמפּעינס. פון צייט צו צייט באַטייליגט ער זיך אויך אין די דיסקוסיעס און זיינע קינדער זאָגען איהם, אַז זיי זיינען איבעררעשט וואָס ער ווייס און פּאַרשטעהט אַזוי גוט די פּאָליטיק פון לאַנד, כאָטש ער איז קיינמאָל ניט געגאַנגען אין אַן אַמעריקאַנער סקול און קיינמאָל ניט געהאַט די געלעגענהייט צו לערנען וועגען דעם. זיין ענטפער צו די קינדער איז, אַז ער האָט זיין וויסען צו פּאַרדאַנקען די אַרטיקלען וואָס ער לייענט אין „פּאָרווערטס".

דער צווייטער בריף איז געווען פון אַ פּאַרקערטען סאָרט. דער שרייבער האָט אויסגעזידעלט די רעדאַקציע און פאַרבייגעהענדיג באַליידיגט די גאַנצע אידישע פּרעסע. זיין צאָרען האָט זיך גענומען פון דעם וואָס דער „פּאָרווערטס" האָט אויסגעלעגט דעם נאָמען פון דעם עגיפּטישען דיקטאַטאָר מיט אַ „גימעל". מיר האָבען איהם אָנגערופען „נאַגיב". דער בריף שרייבער האָט אונז אָנגערופען „וויסטע עם הארצים" און ערקלערט, אַז נאָר אין אַ אידישער צייטונג האָט אַזוינס געקענט פּאַסירען, ווייל „אידישע צייטונגען נעמען זייערע

לעזער אויף זיכער". דער נאָמען, האָט דער בריף שרייבער אונז געלערענט, איז ניט „נאַגיב", נאָר „נאַזשיב", און ער האָט אונז באַפוילען מיר זאָלען עס גלייך קאָרעגירען, ווייל זיין פאָטער לייענט דעם „פאָרווערטס" און ער וויל ניט מען זאָל פון איהם לאַכען.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז דער עם הארץ איז דאָ געווען ניט דער „פאָרווערטס", נאָר דער שרייבער פון בריף. דער עגיפּטישער דיק־טאַטאָר רופט זיך ניט „נאַזשיב", נאָר טאַקע „נאַגיב". מיר האָבען דעם בריף איגנאָרירט, אַזוי ווי מיר איגנאָרירען אַנדערע בריף, אין וועלכע די שרייבער ווייזען אַרויס גרינגשעצונג צו דער אידישער גאַס אין דער אידישער פּרעסע.

די ערגסטע און שענדליכע זידעל־בריף באַקומען מיר פון פאַנאַטיקער, וואָס געהערען צו די צוויי באַוועגונגען וואָס דער „פאָרווערטס" באַקעמפט — די קאָמוניסטישע און די אירגוניסטישע. זעלטען פּאַסירט עס, אַז פאַרטיידיגער פון די באַוועגונגען זאָלען שרייבען אָנשטענדיג און באַנוצען לאָגישע אַרגומענטען. כמעט אין אַלע פאַלען באַשטעהען זייערע בריף פון קללות און שימפעריי. אַ קרבן פון אַזאַ בריף בין איך געווען מיט אַ צייט צוריק. איך האָב אין מיינעם אַן אַרטיקעל דאַמאָלסט געשריבען, אַז דער „פאָרווערטס" איז אימער געווען געגען די טעראָר־אַקציעס פון די אירגוניסטען אין ישראל. האָב איך באַקומען אַ ניט־אונטערגעשרי־בענעם בריף אויף ענגליש (אַ זעהר שלעכטער ענגליש), וועלכער איז געווען פול מיט קללות. דער בריף האָט פאַרנומען ניט מעהר ווי אַנדערהאַלבען קורצע זייטלעך און דאָך איז דעם שרייבער גע־לונגען דאָרט אַריינצופּאַקען פינף מאָל די קללה „דראָפּ דעד".

פון די בריף אין דער רעדאַקציע דערוויסען מיר זיך ווי פאַר־שידענאַרטיג עס איז דער קרייז פון אונזערע לעזער. זיי געהערען צו אַלע שיכטען, צו אַלע קלאַסען און גרופּען אין דער אידישער גע־זעלשאַפט. מאַנכע פון זיי זיינען ערשט־אָנגעקומענע אין אַמעריקע, „גרינע"; אַנדערע זיינען שוין דאָ אַ האַלבען יאָהרהונדערט. מיר האָבען לעזער וואָס זיינען אַהער געקומען יונגע קינדער און פאַר־ענדיגט דאָ סקול, האַי־סקול און אַפילו אויסגעשטודירט אַ פּראָפע־

סיע אין אַ קאַלעדזש. מאַנכע פון אונזערע לעזער זיינען ספּעציאַ־ליסטען אין פאַרשידענע טרעידס און וויסענשאַפטען. מיר האָבען לעזער אין די פאַרוואָרפענסטע ווינקלען פון לאַנד, וואו זיי זיינען די איינציגע אידען און וואו עס איז ניטאָ קיין סימן פון אידען און אידישקייט. מאַנכע פון אונזערע לעזער זיינען אין זייערע געדאַנקען פאַרבונדען מיט דער אַלטער היים און גאַרען צו הערען און לייענען וועגען דעם לעבען און די מענשען וואָס זיי האָבען איבערגעלאָזען אויף יענער זייט ים; אַנדערע לעזער זיינן אין זייערע געדאַנקען און געפיהלען פולשטענדיגע אַמעריקאַנער.

דאָס אַלץ דערוויסען מיר זיך פון די בריף וואָס מיר באַקומען. אַ סך פון די בריף שרייבער דערצעהלען אַליין ווער זיי זיינען און וואָס זיי זיינען. אַנדערע פאַרשפּאַרען צו דערצעהלען. מען קען עס דערקענען פון דעם אינהאַלט פון זייערע בריף, פון די מיינונגען וואָס זיי דריקען אויס, און דער עיקר פון די רעקאָמענדאַציעס וואָס זיי מאַכען ווי אַזוי „אויסצובעסערען די צייטונג".

מיט אַ צייט צוריק האָט פּאַסירט, אַז אונזער מיטאַרבייטער שלמה בן ישראל האָט געשריבען וועגען זיינער אַן ערפאַהרונג אַלס אַ פיש־פאַנגער. ער האָט ליב צו געהן כאַפּען פיש און די ער־פאַהרונג, וועלכע ער האָט געשילדערט, האָט ער געהאַט אויף איינער פון זיינע „פישינג"־עקספּעדיציעס. ווען מיר האָבען דעם אַרטיקעל אָפּגעדרוקט האָבען מיר געדענקט, אַז ער וועט פאַראינטערעסירען אַ זעהר קליינע צאָהל לעזער. אויסגעלאָזען האָט זיך גאַנץ אַנדערש. מיר האָבען באַקומען פּעק מיט בריף פון פיש־פאַנגער וואָס לייענען דעם „פאָרווערטס", און זיי האָבען געבעטען, מען זאָל וועגען דעם ענין אָפטער שרייבען. אַלס רעזולטאַט האָבען מיר איינגעפירט דעם פיטשור „אידען כאַפּען פיש", וועלכער ערשיינט יעדע צוויי וואָכען און ווערט אָנגעפירט טאַקע פון שלמה בן ישראל. און ער באַקלאָגט זיך, אַז מען גיט צו־ווייניג פּלאַץ; אַז ער קריגט גענוג אינטערעסאַנטע בריף פון לעזער אָנצופילען גאַנצע קאָלומס יעדען טאָג.

פאַר דער רעדאַקציע איז דאָס געווען אַ גרויסע איבערראַשונג.

מיר האָבען זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז צווישען „פאָרווערטס״ לע־זער זיינען פאַראַן אַזויפיל אידען וואָס האָבען ניט נאָר ליב צו כאַפּען פיש, נאָר זיינען פאַר דעם באַגייסטערט ווי אַ ספּאָרט און וואָס זיינען אויך מומחים אין דער קונסט און וויסענשאַפט פון דעם ספּאָרט.

דורך אַ בריף אין דער רעדאַקציע האָבען מיר זיך אויך דער־וואוסט, אַז צווישען אונזערע לעזער געפינט זיך אַזאַ זעלטענהייט, ווי אַן עקספּערט אין דער געאָגראַפיע פון די אַלטע גאַסען אין ניו יאָרק. געשעהן איז עס אַזוי: נ. זאַלאָוויץ האָט אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקעל וועגען דער געשיכטע פון דער ערשטער שוהל אין ניו יאָרק, די פּאָרטוגעזישע שוהל „שערי ישראל״. אין דעם אַרטיקעל האָט ער דערצעהלט, אַז די ערשטע היים פון דער שוהל האָט זיך געפונען אויף אַ גאַס פון דער איסט סאַיד, וואָס האָט זיך גערופען „מיל סטריט״ און אַז די גאַס איז שוין מעהר ניטאָ. האָבען מיר באַקומען אַ בריף פון אַ לעזער, וועלכער האָט אונז אָנגעוויזען, אַז דאָס איז ניט אין גאַנצען ריכטיג. „דער נאָמען פון דער גאַס איז טאַקע מעהר ניטאָ, האָט ער געשריבען, אָבער די גאַס איז פאַראַן. זי טראָגט בלויז אַן אַנדער נאָמען. זי הייסט איצט „סאַוט וויליאַם סטריט״. וויפיל מענשען אין אונזער שטאָט וויסען פון אַזאַ פאַקט? זיכער ניט מעהר ווי אַ קליין הייפעלע און איינער פון דער הייפעלע איז אַ לעזער פון „פאָרווערטס״!

אַז מיר האָבען צווישען אונזערע לעזער אידען, וועלכע האָבען אַ גרינדליכען וויסען אין אַזוינע געגענשטאַנדען ווי אידישע גע־שיכטע, די געשיכטע פון סאָציאַליזם און דער אַרבייטער באַוועגונג אין אַמעריקע, די געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע און פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג אין רוסלאַנד, די געשיכטע פון ציוניזם און פון דעם אויפבוי פון ארץ ישראל — דאָס איז צו ערוואַרטען. זאָל פּאַסירען, אַז אַ שרייבער מאַכט דעם מינדעסטען טעות אין איינעם פון די געגענשטאַנדען, געפינט זיך גלייך אַ לעזער וואָס מאַכט איהם אויף דעם אויפמערקזאַם. מאַנכעס מאָל האָט יענער ניט אַפילו קיין געדולד צו שרייבען אַ בריף; ער רופט אָפּ גלייך אויפ׳ן טעלעפאָן. עס פאַרשטעהט זיך, אַז דער טעות

מאַכט אונז פיהלען שלעכט. אין דער זעלבער צייט זיינען מיר אויך שטאָלץ וואָס מיר האָבען אַזוינע לעזער.

אין די מעהרסטע פאַלען, ווען דער „פאָרווערטס״ דרוקט אַן אַרטיקעל וועגען אַ פראָמינענטער פערזאָן, אַ אידישער אָדער אַ קריסטליכער, הערען מיר באַלד ענטוועדער פון דער פערזאָן אַליין אָדער פון זיינע קרובים, שכנים און פריינט. זיי שרייבען אויסצודריקען אַ דאַנק אָדער צוצוגעבען איינצעלהייטען, אָדער נייע פאַקטען וועגען דער פערזאָן. מאַנכעס מאָל קומט דער אָפּרוף פון אַ קרייז אָדער פון אַ ווינקעל וואָס איז, דוכט זיך, ווייט פון אידען און נאָך ווייטער פון דער אידישער פּרעסע.

אַזאַ טשיקאַווער פאַל האָט פּאַסירט מיט אַ צייט צוריק. אין „פאָרווערטס״ איז ערשינען אַן אַרטיקעל פון נ. זאַלאָוויץ וועגען די „פיר באַרוך ברידער״. דעם אַרטיקעל האָט זאַלאָוויץ געשריבען נאָכדעם ווי צוויי ברידער פון דער באַרימטער אידישער פאַמיליע זיינען געשטאָרבען איינער נאָכ׳ן אַנדערען אין פאַרלויף פון עטליכע וואָכען. פאַרבליבען זיינען ניט מעהר ווי דער באַרימטער בערנאַרד באַרוך און סעילינג באַרוך, דער הויפּט פון אַ גרויסער פירמע אין וואָל סטריט.

דעם טאָג ווען דער אַרטיקעל איז ערשינען האָט געקלונגען דער טעלעפאָן אין זאַלאָוויץ׳ס צימער אין דער רעדאַקציע. געךופען האָט איהם אַ אידישער בראָוקער אויף וואָל סטריט, וועלכער האָט איהם דערצעהלט אָט וואָס: „ביי מיר אין אָפיס זיצט איצט סעילינג באַרוך. מיר האָבען איהם געוויזען דעם אַרטיקעל אין „פאָרווערטס״ און ער וויל מיט אייך רעדען״. דאַן האָט סעילינג באַרוך גענומען דעם טעלעפאָן און אויסגעדריקט זיין וואַרימען דאַנק פאַר דעם כבוד וואָס דער „פאָרווערטס״ האָט צוגעטיילט זיין פאַמיליע. סעילינג באַרוך לייענט ניט קיין אידיש, אָבער די בראָוקערס, ביי וועמען ער האָט זיך געפונען און וועלכע זיינען זיינע פריינט, זיינען „פאָרווערטס״-לעזער און זיי האָבען איהם איבערגעגעבען גענוי דעם אינהאַלט פון דעם אַרטיקעל.

וועגען די בריף, וואָס ווערען אַדרעסירט צו איינצעלנע שרייבער, קען געזאָגט ווערען דאָס זעלבע ווי וועגען די בריף צו דער

ראַדקציע. די מעהרסט פון זיי קומען פון פאַרעהרער, וועלכע ווי־לען אויסדריקען זייער אַכטונג און באַגייסטערונג פאַר דעם שריי־בער. אַ קליינע צאָהל קומען פון געגנער, אידעאישע אָדער פער־זענליכע, וואָס זוכען דעם שרייבער צו באַליידיגען און וועה טאָן. מאַנכע שרייבער נעמען זיך די מיה צו ענטפערען אויף די בריף וואָס זיי באַקומען, ספּעציעל אויף יענע בריף וואָס קומען פון פריינד און פאַרעהרער. מאַנכעס מאָל ווערען אַזוינע בריף איבער־געגעבען צו דער רעדאַקציע און זיי ערשיינען אין דער אָפּטיילונג „פון פאָלק צום פאָלק“.

קאַפּיטעל ניין־און־צוואַנציג

ר. אַבראַמאָוויטש

אויב איהר וועט אָנפרעגען אין דער רעדאַקציע פון „פאָר־ווערטס” און אין „פאָרווערטס” אַסאָסיאיישאָן וועלכער שרייבער דריקט־אויס אָם קלאָרסטען און אַם טיפסטען די פּאָליסי פון דער צייטונג אין באַצוג צו די פּראָבלעמען און געשעהענישען אין דער וועלט־פּאָליטיק, וועט דער ענטפער זיין — „ר. אַבראַמאָוויטש”.

די פּראָבלעמען און געשעהענישען פון דער וועלטפּאָליטיק וואָס האַלטען איצט געשפּאַנט די גאַנצע מענשהייט זיינען קאָנצענטרירט אַרום סאָוועט־רוסלאַנד און אַרום דעם קאָמינפאָרם; און עס זיינען דאָ ווייניג זשורנאַליסטען אין דער אידישער און אַמעריקאַנער פּרעסע וואָס האָבען געהאַט די מעגליכקייט צו לערנען וואָס סאָ־וועטיזם און קאָמוניזם זיינען אין דער ווירקליכקייט און וועלכע האָבען אָפּגעגעבען אַזוי פיל ענערגיע און צייט, נשמה און האַרץ אין דעם קאַמף געגען די צוויי מאָנסטערס פון צוואַנציגסטען יאָהר־הונדערט ווי דאָס איז געווען און איז נאָך היינט אונזער מיט־אַרבייטער, ר. אַבראַמאָוויטש.

ר. אַבראַמאָוויטש האָט אָנגעהויבען זיין קאַמף געגען באָלשע־וויזם נאָך אין יאָהר 1903, ווייל ער איז געווען געגען לענינ׳ס פּלע־נער פון דיקטאַטור אין דער פּאַרטיי און אין דער רעגירונג. אין 1917 איז ער גלייך אין ערשטען מאָמענט אַרויסגעטראָטען געגען די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבען זיך דאַמאָלסט נאָך ניט גערופען קאָמוניסטען. ווייל ער, ווי אַלע מענשעוויקעס, האָבען געהאַלטען, אַז רוסלאַנד איז נאָך ניט רייף פאַר אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג און מוז דורכגעהן דורך אַ פּעריאָד פון דעמאָקראַטישער

רעוואָלוציע און רעפּובליק. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז פּרובירען אַרויפצווינגען דעם סאָציאַליזם אויף דעם רוסישען פאָלק, וואָס איז ביז 80 פּראָצענט באַשטאַנען פון פּויערים, וועט מען קענען נאָר דורך בלוטיגער דיקטאַטור, און אַז דאָס וועט מיינען אַ קאַטאַסטראָפע פאַר רוסלאַנד.

ער האָט זיין פּאָזיציע געגען די באָלשעוויקעס ניט פאַרלאָזען אַפילו נאָכדעם ווי די באָלשעוויקעס האָבען פאַרכאַפּט די מאַכט און איינגעפיהרט זייער דיקטאַטור. ווען ער וואָלט אין רוסלאַנד פאַרבליבען עטוואָס לענגער, וואָלט ער וואַרשיינליך געטיילט דעם טרויעריגען שיקזאַל פון די אַנדערע פּראָמינענטע סאָציאַליסטען, וואָס האָבען זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען צו סטאַלינ׳ען. צום גליק האָט ער פאַרלאָזען רוסלאַנד איידער דער טעראָר האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט. ער איז אַרויסגעפאָרען ניט מיט דער אבזיכט צו אַנטלויפען פון די באָלשעוויקעס, נאָר כדי צו אָרגאַניזירען בעסער דעם ווידערשטאַנד געגען זיי. און די אַרבייט האָט ער פאָרגעזעצט פון דאַמאָלסט ביז היינט אין די פאַרשידענע לענדער, וואו ער האָט געלעבט, און אונטער די פאַרשידענע אומשטענדען, אין וועלכע ער האָט זיך געפונען.

אַריינגעטראָטען אין דער „פאָרווערטס“־רעדאַקציע איז אַבראַמאָוויטש, ווען ער איז געקומען אין אַמעריקע נאָך דעם צוזאַמענברוך אין זומער 1940. זייט דאַן איז ער אַ פּערמאַנענטער מיטגליד פון אונזער סטעף. ער שרייבט ניט נאָר די אַרטיקלען, וואָס ערשיינען אונטער זיין נאָמען, נאָר אויך עדיטאָריעלס.

אָבער אַבראַמאָוויטש׳עס פאַרבינדונג מיט דער צייטונג האָט זיך אָנגעהויבען אַ סך, אַ סך פריהער, איידער ער האָט זיך באַזעצט אין אַמעריקע. אין פאַרלויף פון די קנאַפּע צוואַנציג יאָהר, וואָס ער האָט געוואוינט אין אייראָפּע, איז ער דריי מאָל געקומען אַהער אויף „טורס“ אין די אינטערעסען פון די סאָציאַליסטישע באַוועגונגען אויףביידע זייטען ים, וועלכע האָבען געקעמפט געגען קאָמוניזם. זיינע אידישע מיטינגען פון די טורס זיינען אָרגאַנזשירט געוואָרען פון „פאָרווערטס“ און די אָרגאַניזאַציעס וואָס זיינען

פאַרבונדען מיט'ן „פאָרווערטס". דער „פאָרווערטס" האָט אָפּ־גענעבען אַ סך פלאַץ פאַר די רעדעס, וואָס ער האָט געהאַלטען ביי די מיטינגען, און פיל געשריבען וועגען איהם, וועגען זיין טעטיגקייט און זיינע פאַרדינסטען.

פון איירפּע פלעגט אַבראַמאָוויטש פון יאָהר 1922 אָן שיקען קאָרעספּאָנדענציעס צו דעם „פאָרווערטס" וועגען אינטערנאַציאָנאַ־לער פּאָליטיק און וועגען די פּראָבלעמען פון דער רוסישער רע־וואָלוציע און וועגען דער טעטיגקייט פון סאָציאַליסטישען אינ־טערנאַציאָנאַל.

עס דאַרף אָבער געזאָגט ווערען, אַז אין יענע יאָהרען זיינען די באַציהונגען צווישען אַבראַמאָוויטש'ן און דעם „פאָרווערטס", איך מיין די אידעאישע באַציהונגען, ניט געווען די זעלבע ווי זיי זיינען היינט. דעמאָלט וואָלט ניט געווען מעגליך צו זאָגען וועגען איהם דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט אין אָנהויב פון דעם קאַפּיטעל, אַז אַבראַמאָוויטש דריקט אויס אַמבעסטען די פּאָליסיס פון „פאָר־ווערטס". אין באַצוג צו וועלט־פּאָליטיק. פאַרבונדען דעם „פאָר־ווערטס" מיט אַבראַמאָוויטש'ן אין יענע יאָהרען האָט זייער גע־מיינשאַפטליכע שנאה צום קאָמוניזם און זייער געמיינשאַפטליכער קאַמף געגען דער סאָוועטישער דיקטאַטור. אין אַנדערע פראַגען פון וועלט־פּאָליטיק, ספּעציעל אין פראַגען, וואָס האָבען אָנגע־רירט די פּאָליסיס פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און סאָציאַלי־סטישער דיפּלאָמאַטיע, איז די שטעלונג פון „פאָרווערטס" אָפט געווען אַ גאַנץ אַנדערע און צייטענווייז אַ געגנערישע צו דער שטעלונג פון אַבראַמאָוויטש'ן.

ר. אַבראַמאָוויטש און דער „פאָרווערטס" האָבען ביידע גע־מוזט דורכמאַכען אַ לאַנגען קורס פון „אויסבילדונג", איידער זיי האָבען זיך דערנעהענטערט איינער צום אַנדערען און געקומען צו אַן אויסגלייך אין זייערע אָנשויאונגען וועגען דעם וואָס די פּראַקטישע אַרבייט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דער איצטיגער צייט דאַרף זיין.

אין די גאָר ערשטע יאָהרען נאָך דער באָלשעוויסטישער רע־וואָלוציע איז דער „פאָרווערטס" געווען לינקער ווי אַבראַמאָוויטש

אין זיין שטעלונג צום קאָמוניזם און צו סאָוועט־רוסלאַנד. אין די שפּעטערדיגע יאָהרען איז אַבראַמאָוויטש געווען לינקער ווי דער „פאָרווערטס" אין זיין שטעלונג צו די אויפגאַבען און פּראָגראַמען פון דעם סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל. דאָס ערקלערט זיך דערמיט, וואָס אין דיביידע פאַלען האָט זיך עס געהאַנדעלט ניט אַזוי וועגען אַבסטראַקטע אידעען, ווי וועגען פּראַקטישע טעטיג־קייטען. דער „פאָרווערטס" איז פון אָנפאַנג געווען „איינגעהאַלטען" אין זיין אורטייל וועגען באָלשעוויזם, ווייל מיר דאָ האָבען ניט געוואוסט און ניט געקענט וויסען פון דעם וואָס אין רוסלאַנד קומט ווירקליך פאָר. עס איז פאַר אונז געווען שווער זיך פאָרצושטעלען אַז אַלטע, באַוואוסטע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען אָנגעפיהרט מיט דער באָלשעוויסטישער באַוועגונג, זאָלען זיין פעהיג צו באַגעהן די פאַרברעכענס, אין וועלכע זיי זיינען באַשולדיגט געוואָרען. אַבראַמאָוויטש האָט אָבער דאָס אַלץ געזעהן מיט זיינע אייגענע אויגען. ער האָט דאָס אַליין דורכגעלעבט. ער האָט געוואוסט דעם גאַנצען שרעקליכען אמת.

אין דער מלחמה, איך מיין די ערשטע וועלט־מלחמה, האָט דער „פאָרווערטס" גענומען אַ „נאַציאָנאַלע" שטעלונג. אַבראַ־מאָוויטש׳עס שטעלונג איז געווען אַן „אינטערנאַציאָנאַלע". די „אינטערנאַציאָנאַליסטען" האָבען באַטראַכט די מלחמה אַלס אַן אימפּעריאַליסטישען קאָנפליקט צווישען צוויי גרופּעס קאַפּיטאַליסטי־שע מלוכות און האָבען געהאַלטען, אַז דער צוועק פון די סאָציאַ־ליסטען דאַרף זיין צו דערגרייכען אַ גיכען און יושר׳דיגען שלום, אָהן זיגער און באַזיגטע, אָהן אַנעקסיעס און קאָנטריבוציעס. די „נאַציאָנאַליסטען" האָבען געגלויבט, אַז אויב די סאָציאַליסטישע פאַרטייען וועלען פאָלגען די „אינטערנאַציאָנאַליסטען", וועלען די מלחמה געווינען די מעהר רעאַקציאָנערע מלוכות. דאָס איז קלאָר געוואָרען נאָכדעם ווי אַמעריקע איז אַריין אין קריג און אַלע דע־מאָקראַטישע לענדער זיינען געווען פאַראייניגט אין איין לאַגער. דער „פאָרווערטס" האָט געשטיצט אַמעריקע און דעם דעמאָקראַ־טישען לאַגער.

נאָך דער מלחמה האָט זיך אין אַלע סאָציאַליסטישע פּאַר־טייען אָנגעהויבען אַ שפּאַלטונג. די עיקר שפּאַלטונג איז געווען צווישען די „לינקע" און דער פּאַרטיי אַלס גאַנצע. די לינקע זיינען געווען די פּראָ־קאָמוניסטען, וואָס האָבען אונטער דער ווירקונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע אָנגענומען די פּלאַטפאָרמע פון קאָמינטערן מיט זיינע 21 פּונקטען, און אַוועק פון דעמאָקראַטישען סאָציאַליזם. אָבער אויך אין איהם, אין דעם געבליבענעם טייל פון דער פּאַרטיי, איז פאָרגעקומען אַ צעטיילונג צווישען רעכטע און „צענטריסטען". די צענטריסטען זיינען געווען געגנער פון קאָמוניזם, דעמאָקראַטען, אָבער בשעת די רעכטע האָבען דעם טראָפּ געלייגט אויף איינהאַלטען פּאָליטישע דעמאָקראַטישע אינסטיטו־ציעס, האָבען די צענטריסטען מעהר געטראַכט וועגען עראָבערען מעהר מאַכט פאַר דעם אַרבייטער־קלאַס, געווינען מעהר פּאָזיציעס פאַר׳ן סאָציאַליזם.

צו די צענטריסטען אין אינטערנאַציאָנאַל האָט באַלאַנגט אויך אַבראַמאָוויטש, צוזאַמען מיט פרידריך אַדלער, אָטאָ באַוער, לעאָן בלום און אַנדערע.

דער „פאָרווערטס" האָט באַקעמפט די לינקע און האָט ניט סימפּאַטיזירט מיט די צענטריסטען. זיין קאַמף געגען די לינקע האָט דער „פאָרווערטס" אָנגעהויבען אין דער היגער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. געווען איז דאָס אין דער צייט פון רוז־וועלט׳ס ערשטער אַדמיניסטראַציע, ווען עס איז אַנטשטאַנען די „רעוואָלוציע פון ניו דיל". די לינקע אין דער אַמעריקאַנער סאָ־ציאַליסטישער פּאַרטיי האָבען גערופען צום קאַמף געגען ניו דיל און געגען רוזוועלט׳ן. דער אינערליכער קאַמף אין דער פּאַרטיי האָט דערגרייכט אַ פּונקט, ווען די געגנער פון די לינקע האָבען קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי צו פאַרלאָזען די פּאַרטיי. און נאָכדעם ווי דאָס איז געשעהן, האָבען זיך די לינקע צוגערוקט אַלץ נעהענטער און נעהענטער צו די קאָמוניסטען.

מיר איז ניט באַקאַנט וואָס פאַר אַ שטעלונג אַבראַמאָוויטש האָט גענומען אין דעם קאַמף פון דער היגער סאָציאַליסטישער

באַוועגונג. אויף וויפיל איך האָב געהערט, האָט ער זיך אין פאַרלויף פון זיינע באַזוכען אין אַמעריקע (געלעבט האָט ער דע־מאָלט אין פראַנקרייך) באַמיהט צו דערגרייכען אַ קאָמפּראָמיס צווישען די ביידע פליגלען. דער „פאָרווערטס" האָט אָבער געשטיצט די רעכטע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אייראָפּע, אַזוי ווי אין אַמעריקע.

אין יענע יאָהרען האָט אַ פּאָר מאָל פּאַסירט, אַז אַבראַמאָוויטש'עס אַ קאָרעספּאָנדענץ פון אייראָפּע איז ניט געווען אין איינקלאַנג מיט דער „פאָרווערטס" פּאָליסי און איינמאָל איז וועגען דעם פאָרגע־קומען אַן אויסטויש פון בריף צווישען אַב. קאַהאַן און ר. אַבראַ־מאָוויטש. דאָס איז געווען נאָכ'ן זיג פון היטלער'ן אין דייטשלאַנד. אַבראַמאָוויטש האָט באַשולדיגט די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, אַז זיי זיינען ניט גענוג רעוואָלוציאָנעריש אין קאַמף געגען דעם דראָהענדען נאַציזם. אַב. קאַהאַן האָט אָבער ניט געהאַלטען, אַז מען דאַרף קריטיקירען די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען און האָט ניט געגלויבט, אַז אַ מעהר ראַדיקאַלע פּאָליטיק וואָלט געהאָלפען, גיכער וואָלט זי געשעדיגט דעם קאַמף געגען היטלער'ן. קאַהאַן איז געווען אַ מענש מיט אַ פעסטען כאַראַקטער און שטאַרקע מיינונגען און אַבראַ־מאָוויטש איז אין דער הינזיכט ענליך צו קאַהאַנ'ען, און דאָס האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין די בריף. צו קיין איבעררייס איז אָבער קיינמאָל ניט געקומען. ערשטענס, דערפאַר, ווייל זיי האָבען ביידע געהאָט דעם העכסטען רעספּעקט איינער צום אַנדערען; און צווייטענס, ווייל אין גרונט, אין תוך, האָבען זיי איינגעשטימט. נאָך אַלעמען איז דאָך דער עיקר ביי זיי געווען צו ראַטעווען די וועלט פון קאָמוניזם, און אין דעם קאַמף זיינען זיי געווען שותפים און גע־האָלפען איינער דעם אַנדערען.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך די לאַגע אינגאַנצען געענדערט. דער לינקער סאָציאַליזם איז פּאַקטיש פאַרשוואונדען. אין די לענדער, וואו עס זיינען נאָך פאַראַן אַזוינע פּאַרטייען (אי־טאַליע, למשל), דינען זיי ווי אַ נעץ צו פאַנגען ערליכע סאָציאַ־ליסטען פאַר'ן קאָמוניזם. אין ענגלאַנד איז דער לינקער פליגעל

פון דער לעיבאָר־פּאַרטיי ניט פּראָ־קאָמוניסטיש, אָבער ער איז אויך ניט געגנוג אַנטי־קאָמוניסטיש, און דערמיט אַליין איז ער אַ געווינס פאַר דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

דער געדאַנק פון מאַכען איצט אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע אין דעמאָקראַטישע לענדער, איז אינגאַנצען פאַרשוואונדען. כל זמן קאָמוניזם לויערט אויף אונז פון איין זייט און פאַשיזם פון דער צווייטער זייט, מוז די פאַרטיידיגונג פון דעמאָקראַטיע זיין אונזער העכסטע און הייליגסטע אויפגאַבע און פליכט. מיר זיינען סאָציאַליסטען, אָבער „דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטען" און דער וואָרט „דעמאָקראַטישע" פאַרנעמט דעם ערשטען אָרט.

אין אָט דעם זיינען מיר היינט אַלע איינִיג. אין דעם איז דער אַבראַמאָוויטש פון היינט אַזוי שטאַרק איבערצייגט, ווי עס איז געוועזן אַב. קאַהאַן פון אַמאָל. און דערפאַר קען היינט געזאָגט ווערען, אַז אַבראַמאָוויטש פאַרטרעט אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט די שטעלונג פון „פאָרווערטס" אין די פּרינציפּען און פּאַליסיס בנוגע וועלט־פּאָליטיק.

קאַפּיטעל דרייסיק

ב. וולאַדעק

אַ פולשטענדיגער מיטגליד פון דער רעדאַקציע איז ב. וולאַדעק געווען ניט מעהר ווי צוויי יאָהר, פון 1916 ביז 1918. אין דער פאַרהעלטניסמעסיג קורצער צייט האָט ער פאַרנומען דעם פּאָסטען פון „סיטי עדיטאָר" (נייעס רעדאַקטאָר). פריהער האָט ער עטליכע יאָהר געדינט אַלס פאַרוואלטער פון „פאָרווערטס" אָפיס אין פילאַדעלפיע און פון 1928 ביז זיין פריהצייטיגען טויט אין 1938 איז ער געווען דער „גענעראַל מענעדזשער" פון „פאָרווערטס" אין ניו יאָרק, דאָס הייסט, דער ביזנעס פאַרוואַלטער פון דער צייטונג איבער'ן גאַנצען לאַנד.

אָבער וולאַדעק איז געווען אַ שרייבער, מעהר שרייבער ווי ביזנעסמאַן. ער איז אויך געווען מיט לייב און לעבען אריינגעטאָן אין די באַוועגונגען און אָרגאַניזאַציעס וועלכע דער „פאָרווערטס" האָט געדינט און צוליב וועמען דער „פאָרווערטס" האָט עקזיסטירט — די סאָציאַליסטישע פאַרטיי, די אידישע יוניאָנס, דער אַרבייטער רינג, די פּראָגרעסיווע, סאָציאַלע און קולטורעלע אינסטיטוציעס אויף דער אידישער גאַס. ער איז געווען טיף פאַראינטערעסירט אין דער אידישער ליטעראַטור, אידישער דערציהונג אידישער פילאַנטראָפּיע און אַלץ וואָס איז נאָר אידיש. די אַלע זאַכען האָבען געהערט מעהר צו דעם רעדאַקציאָנעלען טייל פון דער צייטונג ווי צו דער ביזנעס פאַרוואַלטונג. און דערפאַר איז איהם טאַקע אויסגעקומען זיך אָפּצורופען מיט אַרטיקלען איבער פראַגען וואָס האָבען געהאַט אַ שייכות מיט די אַלע באַוועגונגען און טעטיגקייטען. גאַנץ אָפט פלעגט דער „פאָרווערטס" אויך דרוקען באַ־

ריכטען וועגען זיינע רעדעס אויף פאַרזאַמלונגען און קאָנווענשאָנס. וולאַדעק איז אויף אַזאַ אופן געוועזן „אַריינגעוועבט" אין דער רע־דאַקציע. ביי די לעזער איז ער געווען אידענטיפיצירט מיט אַלע טיילען און צווייגען פון דער צייטונג אויף דעם זעלבען אופן, אויב ניט אין דער זעלבער מאָס, ווי אַב. קאַהאַן.

אין דער געשיכטע פון „פאָרווערטס" זיינען די צוויי נעמען, אַב. קאַהאַן און ב. וולאַדעק, וואַרשיינליך געווען די פּאָפּולערסטע. איך מיין דערמיט צו זאָגען, אַז די צוויי נעמען זיינען געווען באַ־וואוסט צו מעהר מענשען, אידען און ניט־אידען, אין אַמעריקע און אין אויסלאַנד, ווי אַלע אַנדערע וואָס זיינען געווען פאַרבונדען מיט דער געשיכטע פון דער צייטונג אין די 56 יאָהר פון איהר עקזיסטענץ. עס איז אָבער, גלויב איך, איצט מעהר קיין סוד ניט, אַז צווישען זיי איז קיין שלום בית ניט געווען. אין דעם לעצטען צעהנדליג יאָהר פון וולאַדעק׳ס לעבען זיינען צווישען זיי פאָרגעקו־מען ביטערע קאָנפליקטען, וועלכע האָבען בייביידען איבערגעלאָזט וואונדען, וואָס האָבען זיך קיינמאָל ניט פאַרהיילט. אויב די עפענט־ליכקייט האָט פון דעם וועניג געהערט, איז דאָס צו פאַרדאַנקען די פיהרער פון „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאָן, וועלכע האָבען ניט דער־לאָזען, אַז די מחלוקה זאָל דערפיהרט ווערען ביז צו אַ פולשטענ־דיגען איבעררייס צווישען די צוויי מענשען וואָס האָבען ביי איהר פאַרנומען דעם אויבען־אָן. עס זיינען געווען וואָכען און מאָנאַטען ווען עס האָט אויסגעוויזען, אַז די צייטונג וועט זיך מוזען זעגענען מיט איינעם פון זיי. די קריזיסען זיינען אָבער אַריבער בשלום, טאַקע דערפאַר ווייל די אַסאָסיאיישאָן איז געווען אַנטשלאָסען אַז דאָס זאָל ניט געשעהן.

אין קריגערייען צווישען פראָמינענטע מענשען זוכט מען גע־וועהנליך „פּערזענליכע" מאָטיווען. דאָס איז דער גרינגסטער וועג — מען שרייבט־צו די קריגעריי צו קנאה, פאַרדאַכט, מורא, אַמביציעס און אַנדערע שוואַכקייטען פון דער מענשליכער נאַטור. אויך אין דעם פאַל זיינען מאַנכע פון די אויסגערעכענטע מאָטיווען דערמאָנט געוואָרען פון שרייבער וואָס האָבען געשילדערט די דראַמאַטישע עפּאָכע אין דער „פאָרווערטס"־געשיכטע. אפשר איז עפּעס פון דעם

יע אַריינגעמישט געווען און האָט געהאָלפען פאַרגרעסערען די ליידענשאַפטען פון דעם קאַמף. אָבער עס איז אַבסאָלוט פאַלש צו זאָגען, אַז פערזענליכע מאָטיוועז זיינען געווען דער וואָרצעל פון וועלכען די ביטערע פרוכט איז אַרויסגעוואַקסען. די פון אונז וואָס זיינען געווען אין „פאָרווערטס" אין יענע שטורעמדיגע טעג און וואָס האָבען נאָכגעפאָלגט יעדען צוג אויף דעם שאַך־ברעט פון דעם קאַמף, ווייסען, אַז עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען פרינציפיעלע איינשטעלונגען אין באַצוג צו וועלט־געשעהענישען, צו די סאָציאַליסטישע און יוניאָן באַוועגונגען, און צו אידישע פּראָבלעמען.

אין איין פּרט זיינען קאַהאַן און ולאַדעק געווען ענליך. ביידע זיינען געווען מעהר געניינט דורכצופירען פּראַקטישע אַרבייט ווי צו פּרעדיגען אַבסטראַקטע טעאָריעס. אונטער אב. קאַהאַן האָט דער „פאָרווערטס" געשטיצט יענע פיהרער און גרופּעס אין די אידישע יוניאָנס און אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי וועלכע האָבען גע־לעגט דעם טראָפּ אויף באַלדיגע פאַרבעסערונגען פון דעם אַרביי־טער׳ס לאַגע, אויף באַלדיגע רעפאָרמען אין דער פּאָליטיק. ולאַ־דעק האָט געטאָן ענליכעס אויף זיין שטייגער. ער האָט געהאָלפען אָרגאַניזירען יוניאָנס און פיהרען סטרייקס; ער האָט געגרינדעט אַרבייטער קאָמיטעס פאַר רעליף פון מלחמה־קרבנות און פאַר׳ן אויפבוי פון צעשטערטע אידישע עקאָנאָמישע און קולטורעלע פּאָ־זיציעס. זיין גרעסטע אַרבייט אין פּאָליטיק איז געווען אין פאַר־בינדונג מיט די „האַוזינג פּראָיעקטען" פון ניו יאָרק, אין וועלכע ער איז געווען איינער פון די פּיאָנערען און טיכטיגע טוער. ניט אַב. קאַהאַן און ניט ב. ולאַדעק׳ס נאָמען איז פאַרבונדען מיט טעאָ־רעטישער פיהרערשאַפט אין דער אַרבייטער באַוועגונג.

ביידע האָבען זיי געהאַט די זעלבע נייגונגען, די זעלבע אינ־סטינקטען פאַר פּראַקטישקייט. אָבער ביים נאָכגעבען די נייגונגען איז ולאַדעק ניט געווען אַזוי פריי ווי קאַהאַן. ולאַדעק איז גע־שטערט געוואָרען פון זיין בונדישער דערציהונג און לאָיאַליטעט. אַב. קאַהאַן האָט די שטערונגען ניט געהאַט.

און פון דעם זיינען אַרויסגעקומען די אַלע צרות. אין די

לעצטע צוואַנציגער יאָהרען און אין די ערשטע דרייסיגער יאָהרען איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אויפגעטרייסעלט געוואָרען פון אינערליכע קאָנפליקטען צווישען „רעכטע" און „מיליטאַנטען". עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דער באַציהונג צו סאָוועט רוסלאַנד, וועגען פאַרבינדונגען מיט די קאָמוניסטען, וועגען דער שטעלונג צו דער רוזוועלט אַדמיניסטראַציע און צום „ניו דיעל". די „רעכטע" האָבען ניט געוואָלט האָבען די מינדסטע פאַרבינדונג מיט די קאָמוניסטען און האָבען באַקעמפט אירגענד וועלכע קאָאָפּעראַציע מיט פּראָ־סאָוועטישע טעטיגקייטען. זיי האָבען אָבער געשטיצט רוזוועלט'ן און זיינע גרויסע רעפאָרמען, וואָס האָבען געטראָגען אַ סאָציאַליסטישען כאַראַקטער. די „מיליטאַנטען", פאַרקערט, זיינען געווען מעהר פריינדליך און מעהר טאָלעראַנט צו די קאָמוניסטען און צו די סאָוועטען ווי צו רוזוועלט'ס אַדמיניסטראַציע און דעם ניו דיעל.

אב. קאַהאַן איז געווען איינער פון די הויפּט־פּאַרטיידיגער פון דער רעכטער פּאָזיציע אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אין די אידישע יוניאָנס, אין אַרבייטער רינג און אין אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס וואָס זיינען געווען אַ טייל פון דער „פאָרווערטס" משפחה. די מיליטאַנטישע פּאָזיציע אין די אַלע אָרגאַניזאַציעס האָט געהאַט די שטיצע פון די בונדישע גרופּעס און פון די פיהרער וועלכע זיינען דערצויגען געוואָרען אין דער בונדישער פילאָזאָפיע. עס זיינען, פאַרשטעהט זיך, געווען אויסנאַמען: בונדיסטען, וועלכע זיינען געשטאַנען מיט די רעכטע, און אַנטי־בונדיסטען, וועלכע האָבען געהאָלפען די מיליטאַנטען. אָבער זייער צאָל איז געווען אַזוי קליין אַז זיי האָבען זיך כמעט ניט אָנגעזעהן.

וולאַדעק האָט זיך געפונען צווישען צוויי פייערען. זיין פּראַקטישער שכל, זיינע פּראַקטישע נייגונגען האָבען איהם געצויגען צו די רעכטע. צו דעם איז צוגעקומען נאָך אַ כוח — זיין אַמעריקאַנישקייט. וולאַדעק איז געווען פאַרליבט אין אַמעריקע, אין איהרע טראַדיציעס און אינסטיטוציעס. ער האָט זיך אָפּגעגעבען צו שטודירען אַמעריקאַנער געשיכטע און ער האָט איינגעזאַפּט דעם אַמע־

ריקאַנער גייסט פון „פּראַקטישען אידעאַליזם", פון „אידעאַליסטי־שער פּראַקטישקייט", וואָס האָבען געמאַכט אַמעריקע גרויס. ווי איך האָב שוין אָנגעוויזען, האָט ער די אידעאַליסטישע פּראַקטישקייט אַרויסגעוויזען אין זיין אייגענער אַרבייט אויף דעם געביט פון פּאָליטיק, ווען ער איז געווען פריהער אַן אַלדערמאַן און שפּע־טער אַ קאָונסילמאַן אין ניו יאָרקער סיטי האָל.

אָבער אינגאַנצען באַפרייען זיך פון זיין בונדישער דערציהונג האָט וולאַדעק ניט געקענט. און אַזוי איז עס געשעהן, אַז אין די אינערליכע קאַמפען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און אין די פראַגען וואָס האָבען געהאַט אַ שייכות מיט רוזוועלט׳ס אַדמי־ניסטראַציע און ניו דיעל האָט וולאַדעק זיך איינינגע מאָל געפונען אין דעם מיליטאַנטישען לאַגער. און דאָס האָט געשאַפען הייס בלוט צווישען איהם און אַב. קאַהאַן.

אין די פיר יאָהר פון דעם קאַמף אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פון 1932, ווען די מיליטאַנטען האָבען געמאַכט אַ פּאַרזוך אַרויסצושטויסען הילקוויט׳ן פון זיין אַמט אַלס טשערמאַן פון דער עקזעקוטיווע פון דער פּאַרטיי, ביז 1936, ווען די פּאַרטיי איז ענד־ליך צעשפּאָלטען געוואָרען און די רעכטע האָבען די פּאַרטיי פאַר־לאָזען — אין די פיר יאָהר האָבען פּאַסירט זאַכען אויסער די ראַמען פון דעם פּאַרטיי־קאַמף, אין וועלכע קאַהאַן און וולאַדעק זיינען געקומען אין קאָנפליקט. יענע קאָנפליקטען זיינען אָבער אויך געווען אומדירעקט פאַרבונדען מיט די אישוס פון דעם אַלגע־מיינעם קאַמף אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

איך האָב אויבען באַמערקט, אַז די עפענטליכקייט האָט ווייניג געהערט פון די ביטערע קאָנפליקטען צווישען די צוויי וויכטיגסטע פּערזענליכקייטען אין „פאָרווערטס". עס איז געלונגען דער פיהרער־שאַפט פון „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאָן אייינצוהאַלטען די צוויי שטרייטענדע צדדים ניט צו דערפירען די מחלוקה צום ביטערען סוף פון אַ פולשטענדיגען איבעררייס. דער לויף פון דער צייט, די פּאַסירונגען פון דער צייט זיינען אין דעם אויך געווען באַ־הילפיג. דער אויפשוואונג פון דער טרעיד יוניאָן באַוועגונג אונטער דעם ניו דיעל, און איבערהויפּט די געוואַלדיגע געווינסען וואָס דער

ניו דיעל האָט געבראַכט די אידישע יוניאָנס האָבען געעפענט די אויגען פון אַ סך אידישע מיליטאַנטען זיי זאָלען איינזעהן זייערע טעות׳ן, זייערע פאַלשע אויפפאַסונגען פון דעם ניו דיעל. די מאַנעוורעס פון די מיליטאַנטען אין דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי אין באַצוג צו די קאָמוניסטען האָט אויך זיי פאַרמיאוס׳ט אין די אויגען פון אַ סך פון זייערע אָנהענגער. ב. וולאַדעק האָט זיך פון זיי אָפּגעקערט אַלץ מעהר און מעהר. מאַנכע פון די בונ־דיסטען האָבען עס איהם קיינמאָל ניט מוחל געווען.

איך בין זיכער, אַז אויב וולאַדעק וואָלט געלעבט, וואָלט די צייט פאַרהיילט די וואונדען פון דער ביטערער קריגעריי צווישען איהם און אב. קאַהאַן. עס וואָלט צווישען זיי צוריק איינגעשטעלט געוואָרען פריינטליכע אָדער צום ווענינגסטענס פרידליכע באַ־ציהונגען. זיי זיינען ביידע געווען קלוגע און פראַקטישע מענשען און געוואוסט ווען צו פאַרבויגען און פאַרגעסען פערזענליכע קריוו־דעס אין די אינטערעסען פון העכערע זאַכען. און דער „פאָרווערטס״ איז ביי זיי ביידען געווען גענוג טייער, אַז זיי זאָלען צוליב איהם ברענגען דעם קרבן.

קאַפּיטעל איין־און־דרייסיג

דוד איינהאָרן

אַנומעלט איז אין דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס״ אָנגעקומען אַ בריף פון אַ לעזער מיט אַ ווענדונג צו אונזער מיטאַרבייטער, דוד איינהאָרן. דער בריף־שרייבער האָט אָנגעוויזען אויף דעם, אַז אין די יאָהרען זייט דער אַנטשטעהונג פון דער אידישער מדינה האָט דוד איינהאָרן ניט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג וועגען דער היסטאָרישער געשעהעניש, און ער וואָלט זעהר געוואָלט, אַז איינהאָרן זאָל עס טאָן.

מיר האָבען דעם בריף ניט געדרוקט, מיר האַלטען, אַז אַ שרייבער איז ניט מחויב צו זאָגען זיין וואָרט וועגען יעדער פּאַסירונג און אין יעדער פראַגע. אויב ער פאַרשוויגט אַ געוויסע טעמע, איז עס ענטווידער דערפאַר וואָס ער האָט ניט וואָס צו זאָגען וועגען איהר, אָדער ווייל צוליב געוויסע אורזאַכען וויל ער זיין מיינונג ניט פאַרעפענטליכען. איןביידע פאַלען קען מען צו איהם קיין טענות ניט האָבען.

מיר פאַרשטעהען אָבער וואָס עס האָט באַוואויגען אונזער לעזער צו שרייבען דעם בריף. דוד איינהאָרנ׳ס אַרטיקלען צייכענען זיך אויס מעהר ווי אַלץ מיט זייער „אידישקייט״ — אידיש ווּיסען, אידישע געפיהלען. איינהאָרן שרייבט מיט שטאָלץ און ליבע פאַר דער אידישער פאַרגאַנגענהייט און מיט גלויבען אין דער אידישער צוקונפט, אין אידישען קיום. דער בריף־שרייבער, וועלכער, ווייזט אויס, איז אַליין באַגייסטערט פאַר ישראל, האָט דערוואַרט, אַז די אַנשטעהונג פון דער אידישער מדינה און די ווייטערדיגע געשעהענישען אין ישראל וועלען באַצויבערען איינ־

הארנ׳ען מעהר ווי אַ סך אַנדערע שרייבער, און אַז ער וועט מיט זיינע אַרטיקלען העלפען שטאַרקען דעם גלויבען און אויפקלערען די באַדייטונג פון דער היסטאָרישער געשעהעניש.

דוד איינהאָרן האָט שוין אַזאַ מזל. ער האָט מיט זיין פעדער געדינט דירעקט אָדער אומדירעקט די וויכטיגסטע און פאָרגע־שריטענסטע טעטיגקייטען אויף דער אידישער גאַס. ער איז געווען איינער פון די טאַלאַנטפולע שריפטשטעלער וואָס האָבען געלעגט דעם פונדאַמענט פון דער מאָדערנער אידישער פּאָעזיע, אידישע־עסעי און אידישער פּובליציסטיק. אַנדערע אידישע שרייבער, וואָס האָבען געאַרבייט אויף די זעלבע געביטען ווי ער, געמאַכט ענליכעביישטייערונגען צו אידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען און צו אידישער קולטור, האָבען זיך אידענטיפיצירט מיט געוויסע פּאַר־טייען, ליטעראַרישע שולען, קולטורעלע גרופּען. איינהאָרן איז געבליבען אַליין, אָפּגעזונדערט, אַ וועלט פאַר זיך.

אין זיינע יונגע יאָהרען איז דוד איינהאָרן געשטאַנען נאָהענט צום בונד. ער האָט מיטגעאַרבייט אין דער בונדישער פּרעסע. אין איהרע גלאַנץ־יאָהרען, איז ער געווען איינער פון איהרע שטערען. דאָ אין אַמעריקע זיינען מיר געווען אונטער דעם איינדרוק, אַז איינהאָרן איז דאַמאָלסט געווען אַ הונדערט פּראָצענטיגער בונדיסט. שפּעטער, ווען מיר האָבען זיך מיט איהם נעהענטער באַקענט, האָבען מיר אויסגעפונען, אַז דאָס איז געווען ניט ריכטיג. ער איז געווען אַ סאָציאַליסט. דער בונדיזם איז איהם געווען נאָענט צוליב דעם סאָציאַליסטישער טייל פון זיין פּראָגראַם, אויך צוליב דעם וואָס ער איז געווען אידישיסטיש. אָבער איינהאָרנ׳ען איז ניט געווען צום האַרצען די באַציהונג פון בונד צו „אידישקייט״, צום אידישען אַלטערטום, אידישער רעליגיע, אידישע טראַדיציעס. אין דעם פּרט איז דאָ אַן ענליכקייט צווישען דוד איינהאָרן און אברהם ליעסין. ליעסינ׳ען האָט מען אויך געהאַלטען פאַר אַ בונ־דיסט, און ער איז ווירקליך געווען נאָהענט אין זיינע סימפּאַטיעס צו דער בונדישער באַוועגונג. אָבער זיין „אידישקייט״ איז געווען צו „קאָנסערוואַטיוו״, צו „אַלט־מאָדיש״ פאַר די בונדיסטען; און זייער אידישקייט איז געווען צו „גוי׳איש״ פאַר ליעסינ׳ען.

מיט דוד איינהאָרנ׳ס באַציהונג צו ארץ ישראל און צום ציוניזם איז געווען פאַרקערט. דער אַלגעמיינער איינדרוק איז געווען, אַז איינהאָרן האָט די זעלבע באַציהונג, די זעלבע געגנע־רישע שטעלונג צום ציוניזם און דער גאַנצער ארץ ישראל באַוועגונג ווי די בונדיסטען. אַנדערש אָבער האָבען וועגען איהם געפיהלט די ציוניסטען אַליין, איבערהויפּט די „קולטור־ציוניסטען“. זיי האָבען איהם באַטראַכט פאַר אַ נאָענטען. דוד איינהאָרנ׳ס אַר־טיקלען וועגען אידישע פראַגען און וועגען אידישקייט אין אַל־געמיין פלעגען איבערגעדרוקט ווערען אין ציוניסטישע צייטונגען און זשורנאַלען; דאָס זעלבע מיט זיינע פּאָעמען און לידער. עס פאַרשטעהט זיך, אַז דאָ רעדט זיך ניט וועגען אַרטיקלען איבער פּראַקטישע ציוניסטישע פראַגען, אָדער וועגען דער ציוניסטישער באַוועגונג. איינהאָרן איז קיינמאָל ניט געווען קיין ציוניסט. עס האַנדעלט זיך וועגען מעהר עיקר׳דיגע ענינים, ענינים וואָס האָבען צו טאָן מיט „פונדאַמענטאַלער אידישקייט“, אויף וועלכער אַלע נאַציאָנאַלע אידישע באַוועגונגען זיינען באַזירט און פון וועלכע אַלע אידישע באַוועגונגען ציהען זייער גייסטיגע נאַהרונג. אַזוינע אַרטיקלען, אַזוינע ליטעראַרישע און פּובליציסטישע שאַפונגען האָ־בען די ציוניסטען אָפט געפונען ביי איינהאָרנ׳ען און זיי באַנוצט פאַר זייערע צוועקען.

דוד איינהאָרן האָט ליב צו שרייבען וועגען די אידישע נביאים, וועגען זייערע פערזענליכקייטען און וועגען די געדאַנקען און דער עטיק וואָס זיי האָבען געפּרעדיגט. ער האָט אַ גרויסען טייל פון תהילים און פון די נביאישע ספרים איבערגעזעצט אויף אידיש, און ער באַטראַכט די איבערזעצונגען פאַר זיינע ליבסטע קינסט־לערישע שאַפונגען. אין אָט דער „פאַרליבטקייט“ אין די נביאים ליגט דער שליסעל צו איינהאָרנ׳ס גאַנצען גייסטיגען וועזען. פון די נביאים שעפּט ער זיינע באַגריפען וועגען „אידישקייט“; פון שטאַנדפּונקט פון דער נביאישער עטיק קוקט ער אויף דער געשיכטע, וועלט־געשעהענישען און אויף די פּראָגראַמען און האַנדלונגען פון פּאַרטייען און באַוועגונגען.

די נביאים האָבען געשטעלט די מאָראַל העכער איבער אַלץ,

העכער אָפּילו איבער די פּראַקטישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון זייער לאַנד. ביי די נביאים איז אידישקייט געווען אַן עטישער באַגריף — דער באַגריף פון דער העכסטער אַלמענשליכער גע־רעכטיגקייט. די נביאים האָבן באַטראַכט דאָס אידיש פאָלק אַלס באַשטימט פון גאָט צו טראָגן און פאַרשפּרייטען אָט די הויכע, געטליכע מאָראַל; די נביאים האָבן זיי געליבט און געטרייסט ניט ווייל די אידען זיינען זיי געווען טייערער, נאָר ווייל די אידען האָבן געהאַט די מיסיע צו דינען אַלס מוסטער פאַר דער גאַנצער מענש־הייט און זיי האָבן געמוזט טראָגן אַ גרעסערע פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט. דאָס איז געווען זייער שיקזאַל — אַזוי האָט גאָט געוואָלט.

דוד איינהאָרן מעסט אַלץ מיט דער מאָס פון עטיק, פון מאָראַל. זיין אידישקייט איז אַן עטישע, זיין רעליגיע איז אַן עטישע, זיין סאָציאַליזם איז אַן עטישער. ער זוכט אַן עטישע אויסטייטשונג פון געשעהענישען און שטרעמונגען אין דער גע־שיכטע. ער איז טיף איבערצייגט, אַז אַן עטישע קראַפט באַהערשט דעם אוניווערזוס, אַז פעלקער באַצאָהלען פריהער אָדער שפּעטער פאַר אַלע זייערע מעשים, אַז זיי שניידען די פרוכט פון זייער מאָראַל.

און מיט אָט דער מאָס פון עטיק מעסט איינהאָרן פעלקער באַוועגונגען און פּאַרטייען. ער איז זעלטען צופרידען מיט זייערע פּראַקטישע האַנדלונגען, ווייל דער פּראַקטישער לעבען קומט זעל־טען נאָך די פאָדערונגען פון דער עטיק.

דוד איינהאָרן איז געשטאַנען נאָהענט צו די פּאָליטישע און סאָציאַלע געשעהענישען אין אייראָפּע וואָס האָבן געבראַכט די בלוטיגע שטורעמס פון די צוויי וועלט־מלחמות, פון די טאָטאַ־ליטאַרע רעוואָלוציעס און דעם אידישען חורבן. ער האָט געזעהן וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין רוסלאַנד ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך אין די יאָהרען פון דעם אויפשטייג פון נאַציזם און אַנטיסעמיטיזם. ווען פראַנקרייך איז צוזאַמענגעבראָכען אין אָנהויב פון צווייטען וועלט־קריג האָט ער זיך קוים געראַטעוועט מיט זיין לעבען קיין אַמעריקע.

די אַלע איבערלעבונגען און באַאָבאַכטונגען האָבען אין איהם נאָך מעהר באַפעסטיגט דעם גלויבען אין עטיק און זיין מיסטרוי צו פּראַקטישקייט. ווי שוין געזאָגט, האָט ער שטענדיג געהאַלטען מעהר פון עטישען סאָציאַליזם, עטישער אידישקייט, ווי פון די מאַטעריאַליסטישע טעאָריעס פון סאָציאַליזם און פון פּראַקטישער אָדער פּאָליטישער אידישקייט. איצט איז עס ביי איהם געוואָרען אַ „פאַנאַטישער גלויבען". מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק פלעגט ער אין זיינע אַרטיקלען אין „פאָרווערטס" אַטאַקירען באַוועגונגען און פּאַרטייען בלויז דערפאַר וואָס זיי גיבען זיך אָפּ מיט פּראַקטישע טעטיגקייטען. אַלץ וואָס איז פּראַקטיש איז ביי איהם געשטאַנען אונטער פאַרדאַכט.

דוד איינהאָרן איז אַ פּאָעט, איינער פון די טאַלאַנטפולסטע דיכטער אין דער אידישער ליטעראַטור. זיין הויכער דיכטערישער טאַלאַנט פיהלט זיך אין אַלץ וואָס ער שרייבט, אין זיין פּראָזע. אויך זיין שפּראַך איז שעהן, זיין סטיל איז וואַרים, פול מיט פאַרב און בילדער. ווען ער וואָלט אַפילו געווען אָרים אין געדאַנקען, וואָלט מען איהם געלייענט מיט גרויס גענוס צוליב דער רייכקייט פון זיין שפּראַך.

ער איז אָבער אויך רייך אין געדאַנקען. דוד איינהאָרן באַזיצט גרויס וויסען ניט בלויז אין אידישע געגענשטאַנדען נאָר אויך אין וועלטליכע. איך בין זיכער, אַז אַ סך פון „פאָרווערטס" לעזער האָבען, אַזוי ווי איך, אָפט באַוואונדערט איינהאָרנ׳ס אַרטיקלען, אין וועלכע ער כאַראַקטעריזירט גאַנצע עפּאָכעס פון דער מענשליכער געשיכטע, אידישער געשיכטע, די געשיכטע פון דעם איירּאָפּעאישען קאָנטינענט אָדער פון באַזונדערע איירּאָפּעאישע לענדער. דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערען וועגען די אַרטיקלען אין וועלכע ער באַהאַנדעלט די כאַראַקטעריסטישע שטריכען פון דער היינטיגער ציוויליזאַציע אָדער אין וועלכע ער מאַכט פאַרגלייכונגען צווישען די ציוויליזאַציעס פון פאַרשיידענע צייטען און פאַרשיידענע לענדער. דאָס צו טאָן איז ניט גענוג צו וויסען די פאַקטען פון געשיכטע; מען מוז אויך קענען פאַרטייטשען די פאַקטען אין ליכט פון פילאָזאָפישע אָנשויאונגען.

עס איז דאָ אַ מיינונג ביי קריטיקער, אַז דיכטונג איז די שווערסטע פאָרם פון ליטעראַרישער שאַפונג. איינער פון די גרונדען פאַר דער מיינונג איז, וואָס דער דיכטער קען ניט מאַכען קיין איינדרוק, קען ניט היגרייסען דעם לעזער סיידען ער איז אַבסאָלוט אויפריכטיג. דעם דיכטער, צי ער שרייבט פּאָעזיע אָדער פּראָזע, קען מען לייכט דערקענען צי ער מיינט מיט'ן גאַנצען האַרצען אָדער ניט. דוד איינהאָרן האַלט אויס די פּראָבע אין אַלץ וואָס ער שרייבט. צי איהר זייט איינשטימיג מיט זיינער אַ מיינונג צי ניט, זייט איהר אַבסאָלוט זיכער אין זיין אויפריכטיג־קייט. בשעת איהר לייענט איהם ווערט איהר אַזוי באַצוואונגען פון זיינע ווערטער, אַז איהר פאַרגעסט צו טראַכטען צי איהר שטימט מיט איהם איין. אויפ'ן מאָמענט זייט איהר אינגאַנצען זיינער. ערשט שפּעטער, ווען איהר באַפרייט זיך פון דער שטימונג אין וועלכער זיינע ווערטער האָבען אייך אַריינגעוואָרפען, זייט איהר בכוח צו אַנאַליזירען די געדאַנקען און צו טראַכטען וועגען זיי מיט קאַלטער לאָגיק.

קאַפּיטעל צוויי־און־דרייסיק

בונדיסטישע שרייבער

צביון און אַלגין, מעדעם, ליטוואַק און ב. שעפנער

פון אַ זשורנאַליסטישען שטאַנדפּונקט איז דער סאָציאַליסטי־שער „פאָרווערטס" פון אַמעריקע אימער געווען גאַנץ פאַרשידען פון די בונדישע צייטונגען אין דער אַלטער רוסלאַנד און אין פּוילען. אונזער צייטונג האָט געהאַט אַן אַנדער פּנים ווי דער „וועקער" אָדער די „פאָלקסצייטונג" וואָס די בונדיסטען האָבען אַרויסגע־געבען פריהער אין ווילנע און דערנאָך אין וואַרשע. אב. קאַהאַן האָט געהאַלטען, אַז די בונדישע צייטונגען זיינען צו־טרוקען, צו־שווער און ניט צוגענגליך פאַר די ברייטע מאַסען. די אַרויסגעבער פון די בונדישע צייטונגען האָבען געהאַלטען, אַז דער ניו יאָרקער „פאָרווערטס" איז צו פּאָפּולער און צו „סענסאַציאָנעל". יעדעס מאָל וואָס אַ שליח פון „בונד" פלעגט קומען קיין אַמעריקע, פלעגען וועגען דעם פאָרקומען שמועסען אין דער רעדאַקציע פון „פאָר־ווערטס", איבערהויפּט איז דאָס געווען דער פאַל אויב דער שליח איז געווען אַ שרייבער אָדער אַ פאַרוואַלטער פון אַ צייטונג, וואָס דער בונד האָט אַרויסגעגעבען. עס פאַרשטעהט זיך, אַז די שמוע־סען האָבען זיך, ווי אימער אין אַזוינע פאַלען, פאַרענדיגט מיט גאָרניט. יעדער צד איז געבליבען ביי דאָס זייניגע. דער „פאָר־ווערטס" איז ווייטער געגאַנגען זיין וועג, און די בונדישע צייטונגען זיינען געגאַנגען זייער וועג.

איך רייד דאָ ניט וועגען פּאָליסיס אָדער פּרינציפּען, נאָר וועגען זשורנאַליזם. דער „פאָרווערטס" האָט אימער אָפּגעגעבען

אַ סך פּלאַץ פאַר „היומען אינטערעסט סטאָריס״, פאַר לייכטע אַרטיקלען, פאַר פּאָפּולערע ראָמאַנען און דערצעהלונגען. דער „פאָרווערטס״ האָט אויך געפאָדערט פון זיינע שרייבער, אַפילו פון די וואָס האָבען געשריבען וועגען ערנסטע פּראָבלעמען און וויסענ־שאַפטליכע טעאָריעס, אַז זיי זאָלען באַנוצען אַ פּשוט׳ע שפּראַך כדי יעדער לעזער, דער איינפאַכסטער, זאָל זיי קענען פאַרשטעהן. די בונדישע רעדאַקטאָרען און שרייבער האָבען געהאַלטען, אַז אָט־די זשורנאַליסטישע מעטאָדען „פאַרביליגען״ די צייטונג, אַז מיט אַזוינע מעטאָדען לאָזט זיך די צייטונג אַראָפּ צום לעזער, ווערענד איהר אויפגאַבע דאַרף זיין אַרויפצוהויבען דעם לעזער צו זיך.

אין די יאָהרען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען קיין אַמעריקע אָנגעקומען אַ גאָר גרויסע צאָל אימיגראַנטען, וועלכע זיינען דערצוויגען גע־וואָרען אין „בונד״ און וואָס זיינען אין זייער אַלטער היים געווען לייענער פון די בונדישע צייטונגען. די מעהרסטע פון זיי האָבען דאָ אָנגעהויבען צו לייענען דעם „פאָרווערטס״, און אויב מען זאָל אורטיילען פון רעזולטאַטען איז אונזער צייטונג זיי שטאַרק געפעלען געוואָרען. מיר צעהלען ביז היינטיגען טאָג אַ גאָר גרויסע צאָהל פון יענע בונדישע אימיגראַנטען צווישען אונזערע טרייעסטע לע־זער.

אין די יאָהרען, פון וועלכע איך רייד, זיינען דער „פאָרווערטס״ און דער „בונד״ געווען זעהר, זעהר נאָהענט אידעאיש. דאָס איז געווען נאָך איידער די אויפטרייסלונגען אין די סאָציאַליסטישע באַוועגונגען און פאַרטייען האָבען זיך אָנגעהויבען. דער „פאָר־ווערטס״ האָט דאַמאָלסט געשטיצט דעם „בונד״ מיט אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקענט; און ווען אַ בונדישער פאָרשטעהער איז געקומען קיין אַמעריקע, איז זיין היים געווען דער „פאָרווערטס״. דאָך האָבען אָט־די מיינונגס־פאַרשידענהייטען וועגען דער פּרעסע גע־האַט אַן עפעקט. מען האָט זיך וועגען דעם ניט געקריגט, נאָר בלויז „דורכגעשמועסט״, אָבער דאָס האָט געשאַפען אַ געוויסע אָנשטרענ־גונג פון געפיהלען, אַ געוויסע מאָס פון קאַלטקייט אין די באַ־ציהונגען.

ביי אַב. קאַהאַן איז געווען אָנגענומען, אַז אַ שרייבער וואָס איז דערצויגען געוואָרען אין אַ בונדישער רעדאַקציע קען ניט טויגען פאַר'ן „פאָרווערטס". און ווען מען האָט מיט איהם גערעדט וועגען אָנשטעלען אַזאַ שרייבער אָדער באַשטעלען ביי איהם אַר־טיקלען איז זיין ערשטע רעאַקציע געווען „ניין". ער האָט זיך פאַר אַזוינע שרייבער „געשראָקען".

פונדעסטוועגען זיינען די אמת־גוטע שרייבער פון בונדישען לאַגער, די אמת טאַלאַנטירטע, פריהער אָדער שפּעטער געוואָרען מיטאַרבייטער אין „פאָרווערטס". ווי איך האָב שוין אָנגעוויזען אין אַ פריהערדיגען קאַפּיטעל, האָט קאַהאַן ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון פון אַריינגעמען אַ גוטען שרייבער אַפילו אויב ער האָט געהאַט פאַראורטיילען אָדער קריוודעס געגען איהם. אויפ'ן צעטעל פון אָט־די טאַלאַנטפולע בונדיסטען, וואָס זיינען געוואָרען פּראָ־מינענטע מיטאַרבייטער פון „פאָרווערטס", געהערט דער ערשטער פּלאַץ צו צביון'ען און אָלגין'ען.ביידע האָבען געהאַט אין אַ גאַר גרויסער מאָס די ערשטע און וויכטיגסטע קוואַליפיקאַציע, וואָס קאַהאַן האָט געזוכט אין אַ מיטאַרבייטער פון זיין רעדאַקציע — די קוואַליפיקאַציע פון „קענען גוט שרייבען", פון קענען שרייבען קלאָר, איינפאַך און געשמאַק.

נאָך אַ באַרימטער בונדיסט וואָס איז געוואָרען אַ „סטאַר" אין דער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע (ליידער אויף אַ קורצער צייט) איז געווען וולאַדימיר מעדעם. מעדעם האָט זיך פאַרבונדען מיט אונזער צייטונג גלייך ווי ער איז געקומען אין אַמעריקע, עטליכע יאָהר נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. און ער האָט אין „פאָר־ווערטס" דאַמאָלסט אָפּגעדרוקט זיינע מעמוארען, וואָס איז אַ קלאַ־סיש ווערק אין דער אידישער מעמואַרען ליטעראַטור. זיין שווערע קראַנקהייט און זיין פריצייטיגער טויט האָבען איהם אַוועקגעריבעט פון אונז אין מיטען פון זיינע פּרוכטבאַרע יאָהרען.

עפּעס ענליכעס האָט פּאַסירט מיט א. ליטוואַק. ליטוואַק איז געווען אַ גלענצענדער פּובליציסט. זיין פּעדער איז געווען שאַרף און בליציג, באַלערענד און העכסט פאַראַנטוואָרטליך. נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, ווען ער האָט זיך באַזעצט אין אַמעריקע,

איז ער אין זיינע סאָציאַליסטישע אידעען און אין זיין וועלט פּאָליטיק געשטאַנען נאָהענט צום „פאָרווערטס״, און גאַנץ ווייט־ליך פון „בונד״. בלויז אין פראַגען פון ארץ־ישראל איז ער זיך מיט אונז פאַנאַנדערגעגאַנגען און זיך געהאַלטען פעסט ביי די אַלטע בונדישע אידעען.

אין יענע יאָהרען פלעגט ליטוואַק פון צייט צו צייט אָפּדרו־קען אַרטיקלען אין „פראָווערטס״ און ווען ער וואָלט זיך ניט „אונ־טערגעפוילט״ וואָלט ער געקענט ערשיינען אין „פאָרווערטס״ נאָך אָפטער. אמת, קאַהאַן איז נישט געווען אינגאַנצען צופרידען מיט זיין סטיל. ער האָט באַטראַכט ליטוואַק׳ס שפּראַך פאַר אַביסעל צו שווערליך. קאַהאַן האָט אויך געוואוסט, אַז מיט ליטוואַק׳ן אויס־צוקומען איז ניט אַזוי לייכט צוליב זיינע אַרבייטס געוואוינהייטען. דאָך איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אַז מיט דער צייט וואָלט ליטוואַק געוואָרען אַ שטענדיגער מיטגליד פון דער „פאָרווערטס״־רעדאַקציע, ווען מיט איהם וואָלט ניט פּאַסירט די זעלבע טראַ־געדיע ווי מיט זיין בונדישען חבר וו. מעדעם, — ווען דער טויט וואָלט איהם ניט פריהצייטיג אַוועקגעריסען פון דער וועלט.

אין אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז אין אַמע־ריקע אָנגעקומען ב. שעפנער, אַ לאַנג־יאָהריגער מיטאַרבייטער פון דער בונדישער וואַרשעווער „פאָלקסצייטונג״. ער האָט זיך גע־ראַטעוועט דורך רוסלאַנד, סיביר, יאַפּאַן און כינע. באַלד נאָך זיין אָנקומען אַהער האָט ער אָנגעהויבען צו שרייבען פאַר׳ן „פאָר־ווערטס״ און זייט דאַן איז ער פאַרבליבען איינער פון אונזערע חשוב׳סטע מיטאַרבייטער.

וועגען שעפנער׳ן האָבען מיר אין דער „פאָרווערטס״־רעדאַק־ציע געוואוסט אַ סך פריהער. מיטגלידער פון „פאָרווערטס״־אַסאָ־סיאיישאָן, געוועזענע בונדיסטען, וועלכע האָבען אויסגעשריבען די „פאָלקסצייטונג״, פלעגען אָפט ריידען מיט באַגייסטערונג וועגען זיינע פעליעטאָנען. אייניגע פון זיי האָבען גערעדט מיט קאַהאַנ׳ען וועגען דעם, אַז שעפנער זאָל איינגעלאַדען ווערען צו שיקען זיינע שאַפונגען פאַר דער צייטונג. ווען איך בין געווען אין וואַרשע, ענדע 1931, האָב איך זיך באַקענט מיט שעפנער׳ן אין דער רע־

דאַקציע פון דער „פאָלקסצייטונג". ווי עס שיינט האָט ער דאַמאָלסט געוואוסט, אַז מען שדכנ'ט איהם צום „פאָרווערטס". ער האָט, אָבער, ניט אַרויסגעוויזען דעם מינדעסטען אינטערעס אין דעם. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער איז גלייכגילטיג צום גאַנצען ענין. זייענדיג אין וואַרשע, האָב איך זיך נעהענטער באַקאַנט מיט שעפנער'ס שרייבען און האָב באַשלאָסען צו רעקאָמענדירען איהם צו קאַהאַנ'ען, ווען איך וועל צוריקקומען אין ניו יאָרק.

די צייט איז אָבער ניט געווען גינסטיג פאַר דעם. אין די נעקסטע יאָהרען האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט דער קאַמף צווישען די רעכטע און לינקע אין דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי אין אַמעריקע און צווישען די פאַרטייען אין סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל. די בונדיסטען דאָ און דער „בונד" אין וואַרשע זיינען געווען גענויגט מעהר צום לינקען פליגעל. ווען די היגע סאָציאַליסטישע פאַרטיי איז געשפאָלטען געוואָרען אין 1936, זיינען אַ באַדייטענדע צאָהל פון די פראָמינענטע בונדיסטען פאַרבליבען אין טאָמאַס'עס מיליטאַנטישער פאַרטיי. דער „פאָרווערטס" האָט זיינע באַציהונגען מיט'ן בונד נישט איבערגעריסען און די בונדישע שליחים, וואָס זיינען געקומען אַהער, האָבען באַקומען די פולע שטיצע און די נויטיגע הילף פון דער „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאָן און פון דער צייטונג. אָבער דאָס אַלץ איז געווען פאַרמעל. טיף אין האַרצען האָבען ביידע צדדים געטראָגען אַ פאַרביטערונג איינער געגען צווייטען, אַן אונצוטרוי. אין אַזאַ שטימונג איז ניט מעגליך געווען צו טראַכטען וועגען איינלאַדען אַ מיטגליד פון דער בונדישער צייטונג צו ווערען אַ מיטאַרבייטער פון „פאָרווערטס". מיר האָבען וועגען שעפנער'ן פאַרגעסען.

די לאַגע איז שוין געווען גאַנץ אַנדערש, ווען שעפנער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע אין 1940. אַלע אַלטע פאַראיבעלס, קריוודעס און פאַרדאַכטען זיינען דאַמאָלסט שוין געווען פאַרשוואונדען. ב. שעפנער איז פאַר אונז דאַן ניט געווען מעהר אַ „בונדישער" שרייבער, נאָר אַ סאָציאַליסטישער שרייבער. מיר האָבען איהם איינגעלאַדען צו שרייבען אַ סעריע אַרטיקלען וועגען זיין רייזע דורך רוסלאַנד און יאַפּאַן, און ווי אַזוי איהם איז געלונגען

אַרויסצוקומען פון דאָרטען אַ לעבעדיגער. אין די אַרטיקלען האָט זיך שעפנער אַנטפּלעקט אין זיין גאַנצען טאַלאַנט. די סעריע האָט זיך געצויגען מאָנאַטען לאַנג און האָט געמאַכט אַ טיפען רושם אויף אונזערע לעזער. און שעפנער איז פאַרבליבען אַ שטענדיגער מיט־אַרבייטער פון דער צייטונג.

שעפנער איז אַ פעליעטאָניסט פון העכסטען סאָרט. ער שרייבט לייכט, אָפט שפּילעוודיג, אָבער די טעמעס וואָס ער באַהאַנדעלט און די געדאַנקען וואָס ער אַנטוויקלע,ט זיינען ערנסטע. ער רופט זיך אָפּ אויף די וויכטיגסטע פּראָבלעמען פון טאָג, פּאָליטישע, סאָציאַלע און קולטורעלע. ער האָט זיין אייגענעם צוגאַנג צו פּראָבלעמען; דער קוק־ווינקעל, דורך וועלכען ער באַטראַכט און דיסקוטירט פראַגען און דערשיינונגען, איז ניט דער געוויינליכער נאָר אַן אייגענאַרטיגער. אין זיינע פעליעטאָנען פיהלט דער לעזער אַ פרישקייט, אַ נייקייט, אַפילו ווען די טעמע איז אַן אַלטע.

ביי אַ פעליעטאָניסט איז דער סטיל פון דער ערשטער וויכטיגקייט. ב. שעפנער איז אַ מייסטער פון שפּראַך. זיינע ווערטער זיינען געקליבענע און יעדעס וואָרט שטעהט אויפ׳ן ריכטיגן אָרט. פיל פון זיינע פעליעטאָנען זיינען שעהנע ליטעראַרישע שאַפונגען.

קאַפּיטעל דריי־און־דרייסיג

יצחק באַשעוויס

ווען איך בין געווען אין וואַרשע ענדע 1931, האָט י. י. זינגער מיר פאָרגעשטעלט זיין אינגערען ברודער יצחק באַשעוויס, וועלכער האָט דאַמאָלסט געאַרבייט אַלס קאָרעקטאָר אין די „ליטעראַרישע בלעטער״, אַ וואָכענשריפט אונטער דער רעדאַקציע פון נחמן מייזעל. זינגער האָט מיר דאַמאָלט דערקלעהרט, אַז באַשעוויס איז אַ סך מעהר ווי אַ קאָרעקטאָר, אַז ער איז אַ טאַלאַנטפולער שריפטשטעלער און פעהיגער זשורנאַליסט. מעהר האָב איך וועגען באַשעוויס׳ן ניט געהערט ביז זיין אָנקומען קיין אַמעריקע, מיט עטליכע יאָהר שפּע־טער.

דאָ האָט ער די ערשטע צייט ניט געקענט געפינען קיין אַר־בייט. זיין ברודער האָט איהם, פאַרשטעהט זיך, ניט געלאָזט פאַלען, אָבער ער האָט זיך געפיהלט דערדריקט. פון צייט צו צייט פלעגט ער פאַרקויפען אַרטיקלען פאַר׳ן זונטאָג „פאָרווערטס״. ביידע, זינ־גער און באַשעוויס, זיינען אידעלע, סענסיטיווע און שטאָלצע מענ־שען. כאָטש זינגער איז שוין דאַמאָלסט געווען איינער פון די חשוב׳סטע און געאַכטעטסטע מיטגלידער פון דער „פאָרווערטס״־רעדאַקציע און אַלע האָבען צו איהם געהאַט די פריינדליכסטע באַ־ציהונגען, האָט ער זיך צוריקגעהאַלטען פון אויסנוצען זיין איינ־פלוס פאַר זיין ברודער. איהם איז ניט אָנגעשטאַנען צו בעטען טובות. ער פלעגט אָבער פון צייט צו צייט אַרויסזאָגען די מיי־נונג, אַז „באַשעוויס וואָלט געווען אַן אוצר פאַר אַ צייטונג״.

שפּעטער, ווען באַשעוויס איז ענדליך אַריין אַלס מיטגליד פון דער „פאָרווערטס״־רעדאַקציע, האָבען מיר אויסגעפונען אַז זיין

ברודער האָט ניט איבערטריבען אויף אַ האָר. באַשעוויס איז ווירק־ליך אַן אוצר, ניט אָפּצושאַצען. ער איז אַלץ: אַן ערשט־ראַנגיגער שריפטשטעלער, אַ פעהיגער זשורנאַליסט און אַן אויסגעצייכענטער צייטונגסמאַן.

אין „פאָרווערטס" שרייבט באַשעוויס אונטער דריי נעמען. אַלע זיינע נעמען, באַשעוויס אַריינגערעכענט, זיינען „פּען נעמען", פאַר־שטעלטע נעמען. זיין אמת'ער נאָמען איז דער זעלבער ווי זיין ברו־דער'ס, זינגער. ווען ער האָט אָנגעהויבען זיין שרייבערישע קאַריע־רע, איז שוין זינגער געווען אַ באַוואוסטער שריפטשטעלער (באַ־שעוויס איז מיט עלף יאָהר אינגער). און כדי דער לעזער זאָל איהם ניט צונויפמישען מיט זיין עלטערען ברודער, האָט ער אָנגענומען דעם נאָמען באַשעוויס (זיין מוטער'ס נאָמען איז געווען בת שבע).

דער נאָמען באַשעוויס איז ביי איהם „הייליג". ער באַנוצט איהם בלויז אויף אונטערצושרייבען זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען: ראָמאַנען און דערצעהלונגען. פאַר אַנדערע אַרבייטען האָט ער נאָך צוויי נעמען: „י. וואַרשאַווסקי", פאַר ערנסטע פּובליציסטישע אַר־טיקלען, פאַר רעצענזיעס און קריטיקען פון שרייבער און ביכער און אויך פאַר אָפּהאַנדלונגען איבער ליטעראַרישע טעמעס. דער דריי־טער און פּאָפּולערסטער נאָמען זיינער איז „ד. סעגאַל", וועלכען ער באַנוצט פאַר זיינע לייכטערע אַרטיקלען און פעליעטאָנען.

אַ שרייבער, וואָס קען טאָן די אַלע פאַרשידענע סאָרטען אַרבייט — שאַפען אויף די אַלע געביטען פון שעהנער ליטעראַטור. ראָמאַנען און דערצעהלונגען, פּובליציסטיק, קריטיק, פעליעטאָנען, לייכטע „היומען אינטערעסט סטאָריס" — אַזאַ שרייבער איז זעל־טען צו געפינען, און דערמיט אַליין פאַרדינט ער די אויסצייכע־נונג וואָס זינגער האָט איהם צוגעשריבען: „אַן אוצר פאַר אַ צייַ־טונג". אָבער דאָס מערקווירדיגסטע אין דעם באַשעוויס פאַל איז. וואָס ניט נאָר באַזיצט ער די אַלע פאַרשידענאַרטיגע טאַלאַנטען און פעהיגקייטען, נאָר וואָס ער איז אין יעדער פון זיי אַ מייסטער פון העכסטען גראַד. אַלס ראָמאַניסט און דערצעהלער פאַרנעמט ער היינט דעם ערשטען אָרט אין דער אידישער ליטעראַטור און

געהערט צו די שטערען אין דער אידישער ליטעראַטור פון אַלע צייטען. זיינע אָפּהאַנדלונגען איבער ליטעראַרישע טעמעס זיינען אָנגעפּיקעוועט מיט טיפע אָריגינאַלע געדאַנקען, און זיינע לייכטע פעליעטאָנען און „היומען אינטערעסט סטאָריס" זיינען רייך אין אינהאַלט, אינפאָרמאַטיוו, אַמוזירענד און גרעניצען זיך מיט עכטער ליטעראַטור.

מיר, אין דער רעדאַקציע, קענען זיך ניט אָפּוואונדערען פון באַשעוויס'עס פּרוכטבאַרקייט. ער פּראָדוצירט מעהר ווי צוויי אַנדערע שרייבער, וועלכע אַרבייטען „פול טאַים" אין דער רעדאַקציע. זיינע וועכענטליכע „אינסטאַלמענטס„ פון דעם ראָמאַן, וועלכער ערשיינט יעדען שבת, איז כמעט אַ פולע וואָך אַרבייט, לויט דער אָנגענומענער מאָס אין אידישע צייטונגען. אויסער דעם דרוקט ער עטליכע סעגאַל־אַרטיקלען און אָפּט אויך אַ וואַרשאַווסקי־אַרטיקעל. און לאָמיר דאָ אַרויסגעעבן אַ סוד פון דער רעדאַקציע, אַז ווען דער רעדאַקטאָר וואָלט געהאַט די „העזה" צו בעטען, וואָלט ער געשריבען נאָך מעהר.

דער פּראָצעס פון שרייבען איז פאַרשידען ביי פאַרשידענע שרייבער. פון לייענער זייערע שאַפונגען איז ניט מעגליך צו דערקענען וועלכער שרייבער „האָרעוועט שווער" און ביי וועמען די אַרבייט קומט אַרויס גרינג. עס זיינען פאַראַן שרייבער, וואָס שוויצען איבער יעדען וואָרט; וואָס מעקען און קלעקען און מוטשען זיך, אָבער ווען מען לייענט זייערע אַרטיקלען דוכט זיך, אַז זיי האָבען זיך אָנגעשריבען פון זיך אַליין. און, פאַרקערט, אויך: מאַנכע שרייבער שאַפען גרינג, אָבער די לעזער מוזען שווער האָרעווען איידער זיי פאַרשטעהען דעם זין פון דער שרייבעכץ.

יצחק באַשעוויס נאַרט אייך ניט. זיינע לייכטע אַרטיקלען, די „סעגאַל"־אַרטיקלען, לייענען זיך גרינג און ער שרייבט זיי גרינג. עס פּאַסירט אָפּט, אַז באַשעוויס קומט אַריין אין דער רעדאַקציע און זאָגט צום רעדאַקטאָר: „איך וועל אייך באַלד געבען אַ סעגאַל־אַרטיקעל", און איידער איהר קוקט זיך אַרום איז דער אַרטיקעל פאַרטיג. אין דעם מאַנוסקריפּט געפינט מען זעלטען אַן אויסגעמעקטען וואָרט, אַ פאַרריכטען אָדער איבערגעשריבענעם זאַץ. עס

לייענט זיך ווי אַ מזמור און באַשעוויס'ן פעהלט קיינמאָל ניט קיין טעמע. עס זיינען געווען פאַלען, ווען ער איז אַריינגעקומען אין דער רעדאַקציע צופעליג, ניט אין זיין אַרבייטס־צייט, און דער רעדאַקטאָר האָט געפּרואווט מזל און איהם אַ פרעג געטאָן צי ער קען עפּעס אויפשרייבען. זיין ענטפער איז קיינמאָל ניט געווען „ניין". ער האָט זיך באַלד גענומען צו דער אַרבייט, אַזוי ווי ער וואָלט לכתחילה געקומען מיט אַ פאַרטיגער, דורכגעטראַכטער טעמע.

אַנדערש אָבער איז עס מיט זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען. זיי קומען איהם ניט אָן אַזוי לייכט. ער שרייבט זיי איבער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. ער וועגט און מעסט יעדעס וואָרט. אין אַ געוויסען זין, קען מען זאָגען, אַז ער ווערט מיט אַ ליטעראַרישער שאַפונג קיינמאָל ניט פאַרטיג. ער איז קיינמאָל ניט פולשטענדיג צופרידען; עס ווילט זיך נאָך מעהר אויסבעסערען, נאָך ווייטער פאַרפולקאָמען. דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדען אמת'ן קינסטלער, און באַשעוויס איז אַן אמת'ער קינסטלער.

טעמעס און פּלענער פאַר ראָמאַנען און דערצעהלונגען האָט באַשעוויס אָהן אַ שיעור. און אַלעמאָל קומען איהם צו נייע. איך געדענק, אַז נאָכדעם ווי ער האָט פאַרענדיגט זיין „פאַמיליע מוש־קאַט", האָט ער מיט מיר גערעדט עטליכע מאָל וועגען אַ נייעם ווערק. און אין יעדען געשפּרעך האָט ער געהאַט אַ נייעם פּלאַן; ניט בלויז אַ נייע טעמע, נאָר דעם גאַנצען „פּלאַט" פון אַ נייעם ראָמאַן. און ווען ער האָט זיך אַם ענדע אַוועקגעזעצט שרייבען זיין צווייטען ראָמאַן פאַר'ן „פאָרווערטס", „דער פעטער פון אַמע־ריקע", איז עס ניט געווען קיינע פון די טעמעס, וועגען וועלכע ער האָט מיט מיר גערעדט און וועגען וועלכע ער האָט שוין פריהער אַ סך געטראַכט און אַפילו געמאַכט צוגרייטונגען. איך בין זיכער, אַז יענע אַלע טעמעס וועלען ניט געהן פאַרלוירען. ווען די צייט וועט קומען, וועט ער זיך נעמען צו זיי.

וועגען דעם דריטען ראָמאַן איז ער געגאַנגען נאָך ווייטער. ניט נאָר האָט ער געטראַכט וועגען עטליכע פאַרשידענע טעמעס און פאַרשידענע „פּלאַטס". ער האָט געמאַכט אַן אָנהויב צו שריי־בען יעדע פון זיי. דער אָנהויב איז באַשטאַנען פון שעהנע עטליכע

קאַפּיטלען. איך האָב געהאַט דעם פאַרגעניגען זיי צו לייענען, און אויב איך וואָלט געדאַרפט באַשטימען וועלכע פון זיי איז בעסער, וואָלט איך ניט געקענט. יעדע טראָגט דעם שטעמפּעל פון באַשעווּיס׳עס מייסטערהאַפטער פעדער. אַם ענדע האָט ער אַליין באַשלאָסען די אַלע „אַנהויבס" אַוועקצולעגען אויף שפּעטער און זיך געזעצט שרייבען „דער הויף", אַ ראָמאַן, וואָס פאַרשפּרעכט זיך צו פאַרגלייכען מיט, און אפשר נאָך איבערשטייגען די „פאַמיליע מושקאַט", אַלס אַ קינסטלערישע שילדערונג און אויסטייטשונג פון אַ קאַפּיטעל אידיש לעבען אין דער נאָהענטער פאַרגאַנגענהייט.

אין זיינע ליטעראַרישע אַרטיקלען האָט באַשעוויס (אָדער, בעסער געזאָגט, י. וואַרשאַווסקי) פיל מאָל אָנגעוויזען אויף דעם, אַז דער קינסטלער, דער ראָמאַנען־שרייבער און דערצעהלער פון דער היינטיגער צייט, מוז אויסער „געבוירענעם טאַלאַנט", אויסער פאַנטאַזיע און פאַרשטעלונגס קראַפט און שפּראַך־קענטעניש, אויך באַזיצען וויסען, האָבען בילדונג; און צו דעם מוז דער אמת׳ער קינסטלער אויך האָבען אַ באַציהונג צום מענשען און צום לעבען, אַ מאָראַלע פילאָזאָפיע. אַ קינסטלעריש ווערק מוז, אין עצם, זיין אַן עטיש ווערק, און די עטיק מוז זיין באַזירט, אָדער מוז נעמען אין אַכט, די וויסענשאַפטליכע דערגרייכונגען פון דער צייט, די פּאָליטישע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פּרינציפּען, אויף וועלכע די סיסטעמען פון דער רעגירונג און פון די געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס זיינען באַזירט.

דאָס, וואָס וואַרשאַווסקי פאָדערט פון אַנדערע שעפער פון ראָמאַנען און דערצעהלונגען, פאָדערט פון זיך י. באַשעוויס. איך ווייס נישט צי באַשעוויס האָט געשטודירט אין אַ קאָלעדזש אָדער אין אַן אוניווערזיטעט. איך ווייס אָבער יאָ, אַז ער באַזיצט אַ טיפען און ברייטען וויסען אין אַלע געגענשטאַנדען וואָס ווערען געלערענט אין קאָלעדזשעס און אוניווערזיטעטען. ער קען געשיכטע, פילאָזאָפיע, נאַטור־וויסענשאַפט, פּאָליטישע און סאָציאַלע וויסענשאַפטען. און ער איז פון יענע געצעהלטע לערנער, וועלכע „לאָזען ניט אָפּ" אַ געגענשטאַנד ביז זיי קענען איהם פולשטענדיג, וועלכע גראָבען טיף און טיפער אין אַלץ וואָס זיי לערנען. עס פאַרשטעהט

זיך, אַז צו אַזאַ סאָרט לערנען פאָדערט זיך אַ „גוטער קאָפּ", און באַשעוויס האָט אַ זעהר, זעהר גוטען קאָפּ.

און צו זיין גוטען קאָפּ האָט ער אויך אַ גוטען זכרון. די צוויי זאַכען געהען ניט שטענדיג צוזאַמען. אין די מערסטע פאַלען איז אַ גוטער זכרון צונויפגעפּאָרט מיט אַ פלאַכען קאָפּ. דאָס ערקלעהרט זיך דערמיט, וואָס אַ מאַרך, וועלכער זאַפּט אַלעס אַריין און לאָזט גאָרניט אַרויס, ווערט אַזוי אָנגעפּאַקט מיט אומוויכטיגע זאַכען, אַז ער קען זיך ניט קאָנצענטרירען אויף וויכטיגע. די גרעסטע ברכה פון דער נאַטור איז אַ מאַרך וואָס איז אי אַ גוטער דענקונגס־אַפּאַראַט און אַ גוטע „שפּאַר־קאַסע".

איינמאָל, אין אַ שמועס מיט באַשעוויס'ן, האָט אימיצער אויס־געדריקט באַוואונדערונג איבער דער עכטקייט פון דעם דיאַלאָג אין זיינע ווערק. באַשעוויס'עס כאַראַקטערען ריידען מיט דער שפּראַך, באַנוצען די ווערטער און אידיאָמען וואָס זיינען צוגעפּאַסט פאַר זיי, וואָס אַזוינע מענשען ווי זיי באַנוצען איןווירקליכען לעבען. אויף דעם האָט באַשעוויס באַמערקט, אַז ער האָט עס צו פאַרדאַנקען זיין זכרון. און ער האָט אונז דערצעהלט, אַז ער געדענקט היינט „וואָרט־אין־וואָרט" געשפּרעכען וואָס ער האָט געהערט ביי זיין טאַטען אין הויז ווען ער איז אַלט געווען קנאַפּע דריי יאָהר!

ווי אַלע גרויסע שרייבער, האָט באַשעוויס געהאַט זיינע באַ־פּרידיגונגען און ענטוישונגען. זיין ערשטע גרויסע ווערק איז איבערזעצט געוואָרען אויף די צוויי שפּראַכען וואָס זיינען פאַר יעדען אידישען שרייבער אין אַמעריקע פון דער גרעסטער באַ־דייטונג: אין ענגליש און העברעאיש. אין ביידע פאַלען האָט ער זיך ניט געדאַרפט באַמיהען דערצו. דער אָנבאָט איז געמאַכט גע־וואָרען צו איהם. און אין ביידע פאַלען זיינען די אָנבאָטען גע־קומען פון פאַרלעגער, וועמעס נאָמען איז אַ שטעמפּעל פון דער־גרייכונג פאַר'ן שרייבער. אין אַמעריקע איז דער פאַרלעגער געווען דער „קנאָפּף פאַרלאַג", וועלכער האָט זייט עטליכע צענדליג יאָהר זיך ספּעציאַליזירט אין אַרויסגעבען ענגלישע איבערזעצונגען פון קלאַסישע ווערק אויף פאַרשידענע פרעמדע שפּראַכען. צו שטעהן אויפ'ן צעטעל פון איבערזעצונגען אין דעם „קנאָפּף קאַטאַלאָג" איז

דער וואונש פון יעדן שריפטשטעלער וואָס שרייבט אויף אַנדערע שפּראַכן. (אין דעם קאַטאַלאָג געפינען זיך אויך די וויכטיגסטע ווערק פון באַשעוויס׳עס ברודער, י. י. זינגער).

די העברעאישע איבערזעצונג איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דעם באַרימטען עם עובד פאַרלאַג אין תל־אביב, דער פאַרלאַג פון דער הסתדרות.

די ענטוישונגען וואָס באַשעוויס האָט געהאַט, זיינען כמעט ניט ווערט אַז מען זאָל זיי דערמאָנען. איך האָב אין זינען די אַטאַקעס וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אויף איהם; די מחלוקות׳ן, אין וועלכע באַשעוויס האָט זיך אַריינגעפּלאָנטערט עטליכע מאָל מיט אַנדערע שריפטשטעלער און מיט געזעלשאַפטליכע טוער, צוליב מיינונגען וואָס ער האָט אויסגעדריקט אין זיינע אַרטיקלען, און אויך די אָנ־פאַלען אויף איהם פון מאַנכע קריטיקער, וועלכע האָבען זיך פאַר־מאָסטען איהם צו פאַרניכטען. עס איז אפשר ניט כדאי צו רעדען וועגען די זאַכען, ווייל זיי זיינען שוין פאַרגעסען געוואָרען און האָבען ניט איבערגעלאָזען דעם מינדעסטען פלעק אויף באַשע־וויס׳עס נאָמען און אויף אַ האָר ניט געמינערט זיין אָרט אין דער ליטעראַטור. אָבער בשעת זיי האָבען פּאַסירט, האָבען זיי אָנגעמאַכט אַ היבשען טומעל און פאַרשאַפט באַשעוויס׳ן אַ סך צער. עס זיינען געווען וואָכען וואָס ער איז געווען אַזוי פאַרביטערט און זיך געפיהלט אַזוי געטראָפען, אַז ער האָט זיך כמעט ניט באַוויזען אין די שרייבערשע קרייזען.

דאָס איז, אָבער, דער פּרייז וואָס יעדער באַרימטער מענש מוז באַצאָלען.

קאַפּיטעל פיר־און־דרייסיג

רייזעס פון „פאָרווערטס״ מיטאַרבייטער אין סאָוועט רוסלאַנד

די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, וועלכע איז פאָרגעקומען אין הערבסט 1917, האָט אַוועקגעשטעלט פאַר דער „פאָרווערטס״־רעדאַקציע צוויי אויפגאַבען. די ערשטע אויפגאַבע איז געווען אויפצוקלערען די לעזער די באַדייטונג פון באָלשעוויזם, אָדער קאָמוניזם, און באַלייכטען די האַנדלונגען און פּראָגראַמען פון דער סאָוועטישער רעגירונג אין ליכט פון סאָציאַליזם; און די צווייטע אויפגאַבע איז געווען צו דערצעהלען די לעזער וועגען די נייע איינריכטונגען אין דעם לעבען פון די ברייטע מאַסען, וועגען דער איבערקערעניש וואָס די באָלשעוויסטישע סיסטעם האָט געמאַכט אין דעם לעבענס־שטייגער פון דעם איינצעלנעם, דער פאַמיליע און דער געזעלשאַפט.

די דאָפּעלטע אויפגאַבע וואָלט געווען שווער פאַר יעדער צייטונג; פאַר אַזאַ צייטונג ווי דער „פאָרווערטס״ איז זי געווען באַזונדערס שווער. אַ געוועהנליכע צייטונג האָט זיך געקענט באַנוגענען מיט איבערגעבען די טרוקענע באַריכטען פון נייעס־אַגענטורען און קאָרעספּאָנדענטען און איבערלאָזען צום לעזער ער זאָל זיי אַליין אויסטייטשן. פון „פאָרווערטס״ האָבען די לעזער דערוואַרט אַ סך מעהר. דער „פאָרווערטס״ איז אין אַלע יאָהרען געווען ענג פאַרבונדען מיט די רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע באַוועגונגען אין רוסלאַנד, האָט זיי געשטיצט און פאַר זיי אַגיטירט. איצטער, אַז עס איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין די רעוואָלוציאָ־

נערע און סאָציאַליסטישע רייען, האָט דער לעזער דערוואַרט אַז דער „פאָרווערטס" וועט איהם העלפען זיך פאַנאַנדערקלייבען אין די געשעהענישען, וועט איהם העלפען צו פאַרשטעהן די טעאָריעס און פראָגראַמען פון ביידע צדדים און איהם לערנען צו באַשליסען וועלכע פון זיי איז די ריכטיגע.

דאָס זעלבע מיט דער צווייטער אויפגאַבע. אַ געוועהנליכע צייטונג האָט זיך געקענט באַנוגענען מיט אַלגעמיינע, אויבערפלעכ־ליכע באַריכטען וועגען די ענדערונגען אין לעבען וואָס דער באָל־שעוויסטישער רעזשים האָט מיטגעבראַכט. די „פאָרווערטס" לע־זער האָבען געוואָלט וויסען אַ סך מעהר. זיי האָבען געוואָלט, אַז די צייטונג זאָל זיי געבען איינצעלהייטען וועגען אַלץ וואָס האָט זיך געביטען. זיי האָבען עס געפאָדערט, ערשטענס, צוליב דער זעלבער אורזאַך וואָס איך האָב פריהער איבערגעגעבען, ווייל זיי זיינען געווען יאָהרען־לאַנג פאַרבונדען מיט די האָפענונגען און שטרעבונגען פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, און אַלץ וואָס די רעוואָלוציע האָט אויפגעטאָן האָט ביי זיי געוועקט אַ טיפען אינטערעס; און צווייטענס, ווייל אַ סך פון די לעזער האָבען געהאַט משפחה אין רוסלאַנד, און אַפילו די וואָס האָבען דאָרט קיין אייגענע ניט געהאַט האָבען זיך געפיהלט פאַרבונדען מיט דער גרויסער אידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד, מיט איהר שיקזאַל אונטער דער נייער אָרדנונג. זיי האָבען געדורשט צו וויסען וועגען אַלץ וואָס האָט געקענט ווירקען אויף באַשטימען דעם שיקזאַל.

כאָטש די צוויי אויפגאַבען זיינען געווען אומגעהייער שווער, האָט זיך אויך דער „פאָרווערטס" מיט זיי גאַנץ גוט ספּראַוועט. די אויפקלערונגען וועגען די פראָגראַמען, פּרינציפּען און האַנדלונגען פון דעם סאָוועטישען רעזשים האָט די רעדאַקציע איבערגעגעבען צו די מיטאַרבייטער וואָס זיינען געווען קאָמפּעטענט צו באַהאַנד־לען די טעמע. אין די ערשטע יאָהרען פון דער סאָוועטישער רעוואָלוציע האָט די צייטונג ניט גענומען קיין פעסטע שטעלונג פאַר אָדער געגען דעם רעזשים פשוט דערפאַר, ווייל עס זיינען נאָך ניט געווען גענוג פאַקטישע באַווייזען אַרויסצוטראָגען אַן אורטייל. די פאַרשיידענע מיטאַרבייטער האָבען געהאַט פאַרשידענע מיינונגען

און די רעדאַקציע האָט זיי געגעבען אַ פרייע האַנט זייערע מיינונגען אויסצודריקען. אין 1919, ווען אַב. קאַהאַן איז געווען אין איראָפּע, האָב איך איינגעפיהרט אַ פּיטשור, וואָס האָט געטראָגען דעם כאַראַקטער פון אַ דעבאַטע איבער׳ן באָלשעוויזם. די צוויי דעבאַטאַנטען זיינען געווען העברי ל. סלאַבאַדין און דזשאָן ריעד. העברי סלאָבאָדין, אַ גוט־באַקאַנטער סאָציאַליסט, איז געווען געגען באָלשעוויזם, און דזשאָן ריעד, דער פאַרפאַסער פון דעם באַרימטען ווערק „טען דעיס טהעט שוק דהי וואָירלד״ (צען טעג וואָס האָבען אויפגעטרייסעלט די וועלט), איז געווען פאַר באָלשעוויזם. איך פלעג דרוקעןביידע אַרטיקלען איינעם לעבען דעם אַנדערען אויף דער זעלבער פּעידזש. דער עולם האָט פון זיי זעהר פיל געלערענט וועגען דער טעאָריע און פּראַקטיק פון סאָוועטיזם.

די דיסקוסיעס אין „פאָרווערטס״ האָבען געהאָלפען ניט נאָר די לעזער, נאָר אויך דער רעדאַקציע, און פאַסען איהר ענדליכען באַשלוס, דעם באַשלוס אַרויסצוטרעטען אין קאַמף געגען דעם באָלשעוויזם. אַ נאָך גרעסערע ראָלע אין איבערצייגען אונז וועגען דער געפאַהר פון באָלשעוויזם האָבען געשפּילט די האַנדלונגען פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג דאָ אין לאַנד און די פאַרהאַנדלונגען פון דריטען אינטערנאַציאָנאַל אין איראָפּע. אין מיטען פון די צוואַנציגער יאָהרען איז שוין פאַר אונז געווען קלאָר, וואָס דער באָלשעוויזם אין רוסלאַנד און דער קאָמוניזם אין דער גאַנצער וועלט שטעלען מיט זיך פאָר, און מיר האָבען דאָס אויך קלאָהר געמאַכט פאַר אונזערע לעזער.

מיט דער צווייטער אויפגאַבע האָט זיך די רעדאַקציע ספּראַוועט אויף אַ זשורנאַליסטישען שטייגער. איך מיין די אויפגאַבע פון באַקענען די לעזער מיט דעם נייעם לעבען, דער נייער אָרדנונג אין סאָוועטען־לאַנד, און ספּעציעל ווי אַזוי די נייע אָרדנונג ווירקט אויף דער אידישער באַפעלקערונג, אויף די אידען אין די שטעט און שטעטלעך. די זשורנאַליסטישע מעטאָדע פאַר אַזאַ אויפגאַבע איז צו „געהן און זעהן״, און שרייבען וואָס מ׳זעהט. און דאָס האָט דער „פאָרווערטס״ געטאָן. ער האָט עס געטאָן אַזוי לאַנג ווי

ער האָט געהאַט די מעגליכקייט, כל זמן די סאָוועטישע מאַכט האָט ערלויבט אויסלענדישע זשורנאַליסטען אַריינצופאָרען אין לאַנד, אַריינקוקען אין דעם לעבען און שרייבען וועגען דעם. אין די גאָר ערשטע יאָהרען פון סאָוועטישען רעזשים איז רוסלאַנד געווען כמעט פריי פאַר צייטונגסלייט. וואָס ווייטער זיינען די פרייהייטען און די מעגליכקייטען געוואָרען מעהר און מעהר באַגרעניצט, ביז זיי זיינען כמעט אינגאַנצען אָפּגעשטעלט געוואָרען. די סאָוועטישע מאַכט האָט ניט באַהאַנדעלט אַלע אויסלענדישע צייטונגען גלייך. אַם פיינטליכסטען האָט זי זיך באַצויגען צו סאָציאַליסטישע צייטונגען וואָס האָבען זי באַקעמפּט אויפ'ן גרונד פון סאָציאַליזם (מיט קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען איז זי געווען אַ סך ליבעראַלער). דער „פאָרווערטס" איז געווען אויפ'ן צעטעל פון די „אומגעווינשטע". און ווען סטאַלינ'ס דיקטאַטור האָט זיך באַפעסטיגט אין זאָטעל, נאָך די רייניגונגען פון די מיטעלע דרייסיגער יאָהרען, זיינען די טירען פאַר „פאָרווערטס"־קאָרעספּאָנדענטען פאַרשלאָסען געוואָרען אינגאַנצען.

אין די פריהערדיגע יאָהרען אָבער, פון 1917 ביז 1937, האָט דער „פאָרווערטס" געהאַט מעגליכקייטען צו שיקען זיינע שרייבער און זיינע פאָרשטייער אין סאָוועטען־לאַנד, זיי זאָלען באַשרייבען דאָס וואָס זיי האָבען אַליין געזעהן, און איבערגעבען זייערע פערזענליכע איינדרוקען. די רעדאַקציע האָט די מעגליכקייט אויסגענוצט אין פול. אין פאַרלויף פון די קנאַפּע צוואַנציג יאָהר האָט דער „פאָרווערסט" געשיקט קיין רוסלאַנד אויף לענגערע און קירצערע רייזעס אַ צענדליג פון זיינע מיטאַרבייטער. אויסער דעם האָט דער „פאָרווערטס" געהאַט זיינע שטענדיגע קאָרעספּאָנדענטען אין מאָסקווע, אין כאַרקאָוו און אין אַנדערע רוסישע שטעט. אָט איז אַ צעטעל פון די „פאָרווערטס"־מענשען, וואָס האָבען אין יענע יאָהרען באַזוכט רוסלאַנד און האָבען געשריבען וועגען זייערע רייזעס אין דער צייטונג:

אב. קאַהאַן, נאָמבערג, י. י. זינגער, נ. כאַנין, ב. וולאַדעק, א. העלד, מאַרק כינאָי, ב. לעוויטין, אָלגין, מ. אָשעראָוויטש, ה.

לאַנג. אונזער שטענדיגער קאָרעספּאָנדענט אין מאָסקווע איז גע־ווען ז. ווענדאָרף.

כמעט אַלע אויף דעם צעטעל זיינען געפאָרען אין דעם אייראָ־פּעאישען טייל פון סאָוועטען־לאַנד, אין גרויס רוסלאַנד, ווייס רוסלאַנד און אוקראַינע. זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט ספּעציעל אין די שטעט און שטעטלעך פון וועלכע זיי אַליין שטאַמען, אָדער וואו זיי האָבען איבערגעלאָזט פאַמיליע און פריינט. איין אויסנאַם איז אָבער געווען אַדאָלף העלד. ער איז געפאָרען אויף אַ ספּעציע־לער מיסיע פאַר׳ן „אָרט״. דער „אָרט״ האָט דאַמאָלט געפּלאַנט צו עפענען אַרבייטס שולעס אין בירא־בידזשאַן, וואו די סאָוועטען־מאַכט האָט „געבויט״ אַ אידישע רעפּובליק. איז העלד געשיקט געוואָרען צו זעהן וואָס אַזוינס בירא־בידזשאַן איז, וואָס פאַר אַ אידישער ישוב עס ווערט דאָרט אַנטוויקעלט, און וואָס זיינען די אויסזיכטען פאַר פאַרווירקליכען דעם פּלאַן וועגען אַ אידישער רע־פּובליק. דאָס איז געווען אין יאָהר 1936.

ווען העלד איז צוריקגעקומען פון דער רייזע האָט ער אָפּ־געגעבען זיין באַריכט צום „אָרט״ און דערנאָך אָנגעשריבען אַ צענדליג אַרטיקלען אין „פאָרווערטס״ — די מעהרסטע און די וויכטיגסטע אַרטיקלען פון דער סעריע זיינען טאַקע געווען וועגען בירא־בידזשאַן. דאָס וואָס העלד האָט דערצעהלט — זיינע באַ־אָבאַכטונגען און אָפּשאַצונגען — האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזען פאַר ריכטיג. ער האָט געפונען, אַז אויב אַפילו די סאָוועטען־מאַכט איז אויפריכטיג מיט איהר פּלאַן צו שאַפען אַ אידישע רעפּובליק וועט דער פּלאַן קיינמאָל ניט פאַרווירקליכט ווערען, ווייל אידען וועלען אַהין ניט פאָהרען. בירא־בידזשאַן איז אַ ווילדער, פאַר־וואָרפענער געגענט אין דער ווייטער סיביר, און עס וואָלט זיך געפאָדערט אַ דור פון „פּיאָנערען״, שטאַרקע, פאַרהאַרטעוועטע מענשען, וואָס זיינען גרייט זיך מקריב צו זיין כדי צוצוגרייטען דאָרט אַ באָדען פאַר אַ ציוויליזירטער געזעלשאַפט. העלד האָט פאָראויסגעזאָגט די מיינונג, אַז די אידען וואָס וואוינען אין אַלטען רוסלאַנד וועלען זיך אַנטזאגען צו פאָהרען קיין בירא־בידזשאַן און ברענגען אַזאַ קרבן. העלד׳ס נבואה איז מקוים געוואָרען.

צוויי פון די סעריעס רייזע־אַרטיקלען האָבן געמאַכט אַזאַ שטאַרקען איינדרוק אַז זיי זיינען שפּעטער אָפּגעדרוקט געוואָרען אין ביכער: נ. כאַנינ׳ס „סאָוועט רוסלאַנד" — ווי איך האָב איהר געזעהן", און מ. אַשעראָוויטש׳עס „ווי מענשען לעבען אין סאָוועט רוסלאַנד". כאַנין האָט זיין רייזע געמאַכט אין 1929, און אַשע־ראָוויטש — אין 1932.

איידער איך האָב זיך געזעצט שרייבען אָט־דאָס קאַפּיטעל, האָב איך דורכגעבלעטערט די צוויי ביכער און איך האָב געפונען, אַז נאָך איצטער קען מען זיי לייענען מיט גרויס אינטערעס. די לאַגע איז היינט אין רוסלאַנד אַ סך אַנדערש ווי זי איז געווען דאַמאָלסט, ווען כאַנין און אַשעראָוויטש האָבען געמאַכט זייערע רייזעס. די פּאָליטישע לאַגע האָט זיך געענדערט צום ערגערען. מענשען האָבען ווייניגער פרייהייט, ווייניגער רעכט, זיינען מעהר פאַרשקלאַפט גייסטיג. אָבער די עקאָנאָמישע לאַגע האָט זיך גע־ענדערט צום בעסערען. דער לעבענס־סטאַנדאַרד איז אין די צוואַנ־ציג יאָהר געשטיגען. די צוויי ביכער גיבען אונז אַ בילד פון דעם ווי אַזוי די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אומשטענדען זיינען געווען אַמאָל, מיט צוואַנציג יאָהר צוריק. זיי זיינען אַ קאַפּיטעל גע־שיכטע פון סאָוועטישער רוסלאַנד — אַ זעהר וויכטיגער קאַפּי־טעל — וויכטיג דערפאַר, ווייל דורך איהם קען מען בעסער פאַרשטעהן די היינטיגע ווירקליכקייט.

ווען די ביכער זיינען דערשינען, זיינען זיי רעצענזירט גע־וואָרען אין „פאָרווערטס". וועגען כאַנינ׳ס בוך האָב איך געשריבען, און וועגען אַשעראָוויטש׳עס האָט געשריבען קאָלעגע ל. פאָגעל־מאַן. לאָמיר דאָ איבערגעבען עטליכע ציטאַטען פון די צוויי רעצענזיעס.

אין מיין רעצענזיע וועגען כאַנינ׳ס בוך ווערט געזאָגט דאָס פאָלגענדע: „דאָס בוך איז פון אָנהויב ביז׳ן סוף אַ בילדליכע שיל־דערונג פון די שטעט און שטעטלעך, דורך וועלכע כאַנין איז דורכ־געפאָרען... כאַנין, וועלכער איז ניט קיין פּראָפעסיאָנעלער צייטונגס־מאַן, האָט אין זיינע אַרטיקלען זיך אַרויסגעוויזען פאַר אַן ערשט־

קלאַסיגען צייטונגס־קאָרעספּאָנדענט. אינ׳ם גאַנצען בוך איז ניטאָ דער נאָמען פון אַ פּראָמינענטער פּערזענליכקייט אין רוסלאַנד. דערפאַר זיינען אָבער יע פאַראַן די נעמען פון צענדליגער פּאָלקס־מענשען... כּאַנין האָט זיינע איינדרוקען און פאַקטען געזאַמעלט אין די גאַסען, אין די אַרבייטער־היימען, אין פויערישע כאַטעס, אויף די וואָקזאַלען, אין די באַנען... כאַנינ׳ס בוך וועט האָבען אַ פּערמאַנענטען ווערט... אפילו אויב די אָרדנונג און דאָס לעבען אין רוסלאַנד וועלען זיך בייטען, וועט דער בוך האָבען אַ ווערט אַלס געשיכטע, — אַט אַזוי האָט מען געלעבט אין רוסלאַנד אין דער צייט פון דער סאָוועטען־מאַכט״.

אַן ענגליכען אורטייל טראָגט פּאָגעלמאַן אַרויס וועגען אַשע־ראָוויטש׳עס בוך. אַט זיינען עטליכע שטעלען פון זיין רעצענזיע: „אין אַשעראָוויטש׳ן האָבען קענטיג געקעמפט צוויי מענשען: איי־נער — דער מענש וואָס האָט געוואָלט זעהן ליכט, פריידן און אַ נייע גליקליכע וועלט אין רוסלאַנד, און אַ צווייטער — דער שריי־בער, דער קינסטלער, וועלכער האָט געזעהן פאַר זיך דיווירק־ליכקייט אַזוי ווי זי איז, ניט באַפאַרבט און ניט באַפּוצט מיט קינסטלערישע פאַרבען. דיביידע מענשען האָבען אין איהם גע־קעמפט ביים שרייבען, און עס האָט אין איהם געזיגט אַשעראָוויטש דער שרייבער, וועלכער האָט זיך ניט געלאָזט פאַרפיהרען פון זיינע פאַרלאַנגען און חלומות... אַשעראָוויטש האָט זיך ניט גענומען פילאָזאָפירען וועגען רוסלאַנד... ער האָט זיך פאַרלאָזען בלויז אויף זיין אויג און האַרץ, און מעהר ניט פון צייט צו צייט האָט ער זיך ערלויבט דורכצולאָזען אַ געדאַנק אָדער אַ באַמערקונג, וועלכע פליסט אַרויס אויף אַ לאָגישען, נאַטירליכען אופן פון אַ סצענע אָדער אַ בילד... ס׳איז אַ מערקווירדיג לעבעדיג בוך. וואָס וועבט אין אונז געדאַנקען און רופט אַרויס אָפּטמאָל אַ ציטער אין האַרצען״.

ה. לאַנג איז געפאָרען קיין רוסלאַנד אַ יאָהר אָדער צוויי נאָך אַשעראָוויטש׳ן. זיינע אַרטיקלען האָבען געמאַכט אַ פּוראָר ניט נאָר אין דער אידישער, נאָר אויך אין דער אַמעריקאַנער וועלט.

ער איז, דאַכט מיר, געווען דער ערשטער, אָדער יעדנפאַלס איינער פון די גאָר ערשטע, וואָס האָבן אויפגעדעקט די שוידערליכע געשיכטע פון דעם גרויסן הונגער וואָס איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד אין די ערשטע דרייסיגער יאָהרן. דער הונגער איז פאַראורזאַכט געוואָרען פון סטאַלינ׳ס גרויזאַמען קאַמפּיין אַריינצוטרייבען די פּויערים מיט געוואַלד אין די קאָלכאָזען. מיליאָנען פּויערים זיינען אין דעם הונגער אומגעקומען. די אַמעריקאַנער ציטונגס־קאָרעספּאָנדענטען, וועלכע זיינען דאַמאָלסט געווען אין רוסלאַנד, האָבן געהערט קלאַנגען וועגען דעם, אָבער אויסגעפינען די פאַקטען האָבן זיי ניט געקענט, ווייל די גאַנצע מאַכט פון דער דיקטאַטור איז אָנגעשטרענגט געוואָרען ניט צו צולאָזען צו דעם. ה. לאַנג׳ן איז געלונגען צו קריגען אַ מאַסע מאַטעריאַל וועגען דער שוידערליכער טראַגעדיע, און ער האָט די אַלע פאַקטען דערצעהלט און געשילדערט אין זיינע אַרטיקלען אין „פאָרווערטס". ווי געזאָגט, האָבן די אַרטיקלען געמאַכט אַ פוראָר, און די הוירסט־ציטונגען האָבן זיך געווענדעט צו לאַנג׳ן ער זאָל זיי דערלויבען איבערצודרוקען די אַרטיקלען. און ער האָט זיי די ערלויבעניש געגעבען.

אין „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאָן איז דאַמאָלסט וועגען דעם פאָרגעקומען אַ שטורעם. די מיטגלידער זיינען געווען צעטיילט אין זייערע מיינונגען, צי לאַנג האָט גוט געטאָן וואָס ער האָט ערלויבט אַז די הוירסט ציטונגען זאָלען איבערזעצען זיינע אַרטיקלען. די הוירסט־פּרעסע איז דאַמאָלטס, אַזוי ווי היינט, געווען פאַרהאַסט ביי די ליבעראַלען און איבערהויפּט ביי סאָציאַליסטען פאַר איהר רעאַקציאָנערער שטעלונג אין פראַגען פון אינערליכער און אויסערליכער אַמעריקאַנער פּאָליטיק. האָבען אַ טייל מיטגלידער פון דער אַסאָסיאיישאָן גע׳טענה׳ט, אַז אַ „פאָרווערטס"־מיטאַרבייטער טאָר מיט אַזוינע ציטונגען ניט האָבען קיין מגע ומשא. אַנדערע מיטגלידער האָבען געהאַלטען, אַז דאָס אויפדעקען פאַר דעם אַמעריקאַנער עולם דעם אמת וועגען „סטאַלינ׳ס הונגער" איז פון אַזאַ קאָלאָסאַלער וויכטיגקייט, אַז מען האָט געמעגט אויף אַ ווײַלע פאַרקוקען דעם חרם אויף דער הוירסט־פּרעסע.

די מיטינגען און דעבאַטען אין „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאָן

איבער דער פראַגע געהערען צו די שטורעמדיגסטע און אינטערע־סאַנטסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון אונזער צייטונג. איך האָב אין אַ פריערדיגען קאַפּיטעל דערצעהלט וועגען דער אומ־גליקליכער מלחמה צווישען אַב. קאַהאַן און ב. וולאַדעק. איינע פון די פאַרצוויפּעלטע שלאַכטען אין דער מלחמה איז טאַקע פאָר־געקומען איבער דער פראַגע פון לאַנג׳ס אַרטיקלען אין דער הוירסט־פּרעסע. ב. וולאַדעק האָט געפיהרט די אַטאַקע געגען לאַנג׳ן, און אב. קאַהאַן האָט געפיהרט די פאַרטיידיגונג.

קאפיטעל פינף־און־דרייסיג

ז. שניאור

אין אויגוסט 1927, ווען אַב. קאַהאַן איז געווען אויף וואַקעישאַן אין אייראָפּע, האָב איך פון איהם באַקומען אַ בריף, אַז ער האָט אָפּגעמאַכט מיט ז. שניאור צו שרייבען דערצעהלונגען און שילדערונגען פון זיין היים־שטאָט שקלאָוו. קאַהאַן האָט מיר געבעטען, אַז איך זאָל דאָס אַנאָנסירען אין „פאָרווערטס" און אָנהויבען דרוקען די זאַכען גלייך ווי זיי וועלען אָנקומען. איך געדענק ניט פון וואַנען דער בריף איז געשיקט געוואָרען — פון פּאַריז אָדער בערלין (אָנהויב צוואַנציגער יאָהרען האָט שניאור געוואוינט אין בערלין. שפּעטער האָט ער זיך אַריבערגעקליבען קיין פּאַריז).

קורץ נאָך דעם האָבען שניאור'ס שאַפונגען אָנגעהויבען אָנצוקומען. זיי זיינען דערשינען אין „פאָרווערטס" איין מאָל אַ וואָך, און זיי האָבען גלייך געצויגען גרויס אויפמערקזאַמקייט. זיי האָבען אויסגענומען ביי אַלע קלאַסען לעזער, ביי פּשוט'ע און ביי פיינשמעקער. ווען קאַהאַן איז צוריקגעקומען אין דער רעדאַקציע, האָט מען איהם פון אַלע זייטען גראַטולירט און געדאַנקט פאַר דעם נייעם פיטשור און דעם נייעם שרייבער.

מיט די בילדער פון שקלאָוו האָט ז. שניאור אָנגעפאַנגען זיין מיטאַרבייטערשאַפט אין „פאָרווערטס", וועלכע האָט אָנגעהאַלטען עטליכע און צוואַנציג יאָהר. אין פאַרלויף פון דער צייט האָט ער אָפּגעדרוקט אין אונזער צייטונג זיינע באַרימטסטע ראָמאַנען און דערצעהלונגען, אַ היבשע צאָהל פון זיינע לידער און פּאָעמען, אַ סך פּובליציסטישע אַרטיקלען און רייזע־קאָרעספּאָנדענציעס. שניאור פאַרנעמט אַן אָרט ביי דער מזרח־וואַנט פון אונזערע ביידע

ליטעראַטורען: די אידישע און העברעאישע. אין דער העברעאי־שער ליטעראַטור איז שניאור אַנערקענט אַלס איינער פון די דריי גרעסטע דיכטער פון דער מאָדערנער צייט (ביאַליק, טשערניכאָוו־סקי און שניאור). פאַר דער אידישער ליטעראַטור האָט ער אויך געשאַפען ערשט־קלאַסיגע פּאָעזיע, אָבער וויכטיגער דאָרט זיינען די פּראָזע־שאַפונגען — די ראָמאַנען און עסייען. און די ווערק האָט ער אָפּגעדרוקט אַם מייסטען אין „פאָרווערטס".

די שקלאָווער בילדער, דערצעהלונגען און ראָמאַנען האָבען זיך געצויגען אין „פאָרווערטס" עטליכע יאָהר, און כל זמן זיי האָבען זיך געדרוקט איז שניאור'ס מערכה ביים רעדאַקטאָר אַב. קאַהאַן געווען זעהר אַ גוטע. קאַהאַן איז געווען באַגייסטערט פאַר די ווערק. ער האָט זיי געשעצט הויך אַלס ליטעראַטור, און איהם האָט אויך שטאַרק הנאה געטאָן וואָס זיי זיינען אַזוי פּאָפּולער ביי די לעזער.

אָנהויב פון די דרייסיגער יאָהרען, נאָך דעם ווי די שקלאָווער סעריע האָט זיך פאַרענדיגט, האָט שניאור זיך גענומען צו אַנדערע טעמעס. שפּעטער אַביסעל האָט ער אָנגעהויבען דרוקען זיין גרויסען היסטאָרישען ראָמאַן „נאַפּאָלעאָן און דער רבי", וועלכער האָט זיך געצויגען אין „פאָרווערטס" אַ פּאָר יאָהר. אָנהויב קריג איז שניאור געקומען קיין אַמעריקע. „נאַפּאָלעאָן און דער רבי" איז דאַן געווען פאַרענדיגט. ער האָט פאַרטגעזעצט צו שרייבען ראָמאַנען פון אַ גאַנץ אַנדער סאָרט. זיינע טעמעס האָט ער גענומען פון דעם קינסטלער־לעבען אין פּאַריז און פון עהנליכע קרייזען אין אַמעריקע.

אַלץ וואָס שניאור האָט געדרוקט נאָך דעם „שקלאָווער ציקל" איז פאַר אַב. קאַהאַנ'ען געווען אַן אַנטוישונג. דער ברייטער עולם האָט פון דעם ניט געוואוסט און איך גלויב, אַז אויך שניאור האָט ניט געהאַט קיין אַהנונג פון דעם, וואָס קאַהאַן טראַכט וועגען זיין אַרבייט. מיט אַ סך פון קאַהאַנ'ס מיינונגען האָב איך ניט איינגעשטימט, און קאַהאַן האָט מיר ניט געשטערט אויסצודריקען מיינע מיינונגען אין „פאָרווערטס". אָט איז אַ ביישפּיל. אין 1933 האָט שניאור געדרוקט אַ סעריע עראינערונגען „מיינע רעדאַק־טאָרען", וועלכע זיינען קאַהאַנ'ען גאָרניט געפעלען געוואָרען.

גראד זיינען אין יענער צייט געלאָפען אין „פאָרווערטס" נאָך צוויי סעריעס: י. י. זינגער׳ס „יאָשע קאַלב" און מ. אָשעראָוויטש׳עס שילדערונגען פון זיין רייזע אין סאָוועט־רוסלאַנד. האָב איך איינעם פון מיינע קאָלומס געווידמעט צו די דריי פיטשורס. איך האָב זיי אַלע שטאַרק געלויבט. קאַהאַן האָט געוואוסט פאַראויס, אַז איך קלייב זיך צו שרייבען וועגען זיי און האָט אויך געוואוסט וועגען מיין הויכער מיינונג פון שניאור׳ס פיטשור. מיין אַרטיקעל איז ערשינען אַזוי ווי איך האָב איהם אָנגעשריבען.

„נאַפּאָלעאָן און דער רבי" האָט אויך ניט אויסגענומען ביי אב. קאַהאַן. איבערהויפּט איז איהם ניט געפעלען געווען די „פּרוי־דישע" עלעמענטען אין דעם ראָמאַן, די אומנאַטירליכע געשלעכט־ליכע ליידענשאַפטען, וואָס ווערען דאָרטען געשילדערט. אויסער דעם האָט קאַהאַן בכלל געהאַט אַ פאָראורטייל געגען היסטאָרישע ראָמאַ־נען. ער האָט געגלויבט, אַז אַ היסטאָרישער ראָמאַן קען ניט זיין אַן עכט־ליטעראַריש ווערק. די לעזער פון „פאָרווערטס" האָבען אָבער ניט געהאַט דעם מינדעסטען פאַרדאכט פון אב. קאַהאַנ׳ס אָפּשאַצונג פון דעם ראָמאַן. די קאַפּיטלען זיינען דערשינען יעדע וואָך, געפּיטשורט איבער דער גאַנצער ברייט פון פּעידזש. ביי פאַרשידענע געלעגענהייטען האָט די רעדאַקציע געצויגען די אויס־מערקזאַמקייט פון די לעזער צו דעם ווערק און גערעדט וועגען איהם מיט ווערטער וואָס פּאַסען פאַר אַזאַ חשוב׳ען שרייבער ווי ז. שניאור.

דער וואָלקען האָט זיך אָנגעהויבען צו פאַרציהען ערשט נאָכ־דעם ווי שניאור איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע. ווי עס שיינט, האָט שניאור שוין געקומען מערקען אין זיינע געשפּרעכען מיט קאַהאַנ׳ען, אַז קאַהאַנ׳ס באַציהונג צו איהם איז אַנדערש ווי אַמאָל. די ווערק, וואָס שניאור האָט דאַמאָלסט געשריבען, זיינען אין קאַהאַנ׳ס אויגען געווען אָהן אַן ערך שוואַכער ווי די וואָס ער האָט געשיקט פון יענער זייט ים, און ער האָט עס איהם געלאָזט פיהלען. עס האָט זאָגאַר פּאַסירט אַ פאַל, ווען שניאור׳ס אַ סעריע פון לענגערע נאָוועלען איז אָפּגעשטעלט געוואָרען אין מיטען.

איך וויל דאָ ווידערהאָלען אַ באַמערקונג וואָס איך האָב שוין

פריהער געמאַכט, ריידענדיג וועגען קאַהאַנ׳ס קאָנפליקטען מיט מיט־אַרבייטער, ספּעציעל מיט אַזוינע מיטאַרבייטער, וועלכע האָבען געהאַט אַ נאָמען ביי דער עפענטליכקייט. איך בין איבערצייגט, אַז אין יעדען פאַל, ווען קאַהאַן האָט געביטען זיין מיינונג וועגען די שאַפונגען פון אַ שרייבער, איז ער געווען אַבסאָלוט אויפריכטיג. ער האָט דאָס געמיינט מיט׳ן גאַנצען האַרצען. איך גיב־צו, אַז ניט אַלע מאָל איז קאַהאַן געווען גערעכט, אָבער ער ביי זיך איז געווען איבערצייגט, אַז ער איז גערעכט. די וואָס זאָגען, אַז קאַהאַן האָט אין אַזוינע פאַלען געהאַט פּערזענליכע קריוודעס, אָדער אַז ער האָט דאָס געטאָן סתם אויס רשעות, מאַכען אויף איהם אַ בילבול. אין אָפּשאַצען טאַלאַנט פון שרייבער, אין אָפּשאַצען ליי־טעראַרישע ווערק אין אַלגעמיין, איז ער שטענדיג געווען עהרליך און אויפריכטיג.

ווען אַב. קאַהאַן האָט געפּאַסט אַ מיינונג וועגען אַ שרייבער׳ס טאַ־לאַנט, איז כמעט אוממעגליך געווען איהם צו איבערצייגען, אַז ער מאַכט אַ טעות. אין די לאַנגע יאָהרען, וואָס איך בין געווען צוזאַמען מיט קאַהאַנ׳ען אין דער רעדאַקציע, קען איך זיך ניט ערינערען אָן אַ פאַל, ווען ער האָט זיך געלאָזט „איבעררײדען״, ער זאָל בייטען זיינע אַ מיינונג וועגען אַ שרייבער אָדער אַ ווערק. און איך וויל נאָך אַמאָל אונטערשטרייכען, אַז דאָס איז ניט געווען פון עקשנות, נאָר פון פעסטע, ערליכע איבערצייגונגען.

טראָץ דעם וואָס קאַהאַן האָט געהאַט אָפטע קאָנפליקטען מיט שניאור׳ן, האָט שניאור פאָרטגעזעצט זיין מיטאַרבייטערשאַפט אין דער צייטונג. זיינען ראָמאַנען פלעגען זיך דרוקען כמעט שטענדיג אין די זונטאָג־נומערען. ער פלעגט אויך שרייבען אַרטיקלען און ביי געלעגענהייטען דרוקען לידער און פּאָעמען. אין די שפּעטערע פערציגער יאָהרען האָט זיך אַב. קאַהאַן ווייניג געמישט אין דער רעדאַקציע. איבערהויפּט האָט ער אויסגעמיטען סכסוכים און קאָנפליקטען. אויב שניאור האָט זיך פריהער געפיהלט אומ־אנגענעם צוליב קאַהאַנ׳ס באַציהונג צו איהם, איז דאָס דאַן מעהר ניט געווען דער פאַל. מיינע באַציהונגען צו שניאור׳ן זיינען

שטענדיג געווען פריינדליכע. ווי איך האָב פריהער אָנגעוויזן, האָב איך געהאַט אַ העכערע מיינונג וועגן שניאור׳ס ווערק, ווי קאַהאַן, און איך האָב די מיינונג אויסגעדריקט אין מיינע רעצענזיעס פון שניאור׳ס ראָמאַנען, ווען זיי זיינען אַרויס אין בוך־פאָרם אויף אידיש און אויף ענגליש.

און דאָך, אפילו נאָך דעם ווי די „שטרויכלונגען“ זיינען אָפּגעראַמט געוואָרען פון וועג, איז קיין דערנעהענטערונג צווישען שניאור׳ן און דעם „פאָרווערטס“ ניט פאָרגעקומען. פאַרקערט, ער האָט פאַר אונז געשריבען אַלץ ווייניגער און ווייניגער. וואָס די אורזאַכע איז געווען, קען איך ניט זאָגען אויף זיכער. אין פריוואַטע געשפרעכען און אין בריף צו מיר האָט ער שטענדיג באַטאָנט צוויי זאַכען: ערשטענס, זיין שלעכטען געזונט־צושטאַנד, און צווייטענס, זיינע אָנגעזאַמעלטע קריוודעס פון פאַרשידענע סאָרטען (פאַר מיר האָבען די קריוודעס געקלונגען אומבאַגרינדעט און איבערגעטריבען, און איך האָב דאָס שניאור׳ן געזאָגט).

ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז דער אָנהויב פון מיין באַקאַנטשאַפט און מיין לעצטע באַגעגעניש מיט שניאור׳ן איז פאָרגעקומען אין פאַריז. פאַר אונזער באַגעגעניש אין פאַריז אין 1932 האָב איך שניאור׳ן פערזענליך כמעט ניט געקענט. איך האָב איהם געהאַט געזעהן איין מאָל אין ניו יאָרק און אַ צווייטען מאָל אין בערלין (אין 1921), אָבער מיר האָבען זיך דאַן ניט מעהר ווי באַגריסט. אין פאַריז, אין 1932, האָבען מיר זיך באַגעגענט ווי קאָלעגען פון דער זעלבער רעדאַקציע. מיר האָבען פאַרבראַכט לאַנגע שטונדען צוזאַמען אין זיי שעהנער הויז הינטער דער שטאָט, אין מיין האָטעל, און שפּאַצירענדיג אין די גאַסען. שניאור איז אַן אינטערעסאַנטער מענש. ווען ער איז אין אַ גוטער שטימונג איז אַ פאַרגעניגען איהם צו הערען ריידען. ער איז אַ מייסטער אויף דערצעהלען אַנעקדאָטען און וויצען, און אויף כאַראַקטעריזירען מענשען. ער דערצעהלט ניט, נאָר ער שפּילט־אויס וואָס ער וויל זאָגען. דאַמאָלסט, אין 1932, איז ער געווען פול מיט פּלענער וועגען נייער ליטעראַרישער אַרבייט און ער האָט מיר אַ סך דערצעהלט וועגען דעם.

דאָס איז, ווי געזאָגט, געווען מיין ערשטע אמת'ע באַקאַנטשאַפט מיט שניאור'ן. די באַקאַנטשאַפט איז פאָרטגעזעצט געוואָרען שפּע־טער, ווען ער איז געקומען קיין ניו יאָרק. מיר פלעגען זיך אָפט זעהן אין דער רעדאַקציע און פלעגען באַזוכען איינע די אַנדערע אין אונזערע היימען. זיינע קאָנפליקטן מיט קאַהאַנ'ען האָבען אויף אונזער פריינדשאַפט ניט געווירקט.

די לעצטע אינטימע באַגעגעניש אונזערע איז אויך פאָרגעע־קומען אין פאַריז. דאָס איז געווען אין פריהלינג פון 1949, ווען איך בין געווען אויפ'ן וועג אַהיים פון מיין רייזע קיין ישראל. שניאור איז דאַן אויך געווען אין פאַריז. אויב איך מאַך ניט קיין טעות, איז ער געווען אויפ'ן וועג קיין ישראל. ער האָט מיך איינגעלאַדען אויף אַ מיטאָג אין אַ רעסטאָראַן, וואו מיר האָבען פאַרבראַכט אַ פּאָר שטונדען. צווישען אַנדערעס האָבען מיר גערעדט וועגען זיין וויטערדיגער אַרבייט אין „פאָרווערטס". ער האָט גע־האַט פּלענער וועגען בעלעטריסטישע און פּובליציסטישע ווערק.

מעהר האָב איך שניאור'ן דאַכט זיך ניט געזעהן. געהערט האָב איך אויך פון איהם זעהר זעלטען. פאַר'ן „פאָרווערטס" האָט ער געשריבען ווייניגער און ווייניגער, ביז ער האָט פּאַקטיש אינגאַנצען אויפגעהערט.

ווי געזאָגט, ווייס איך ניט וואָס די אמת'ע אורזאַכע איז געווען. די ערשטע צייט האָט ער זיך באַקלאָגט אויף זיין געזונט און איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס איז די הויפּט־שטערונג פאַר זיין מיטאַרבייטערשאַפט אין „פאָרווערטס". עס האָבען זיך אַרומ־געטראָגען קלאַנגען, אַז ער פּלאַנעוועט זיך צו באַזעצען אין ישראל און אַז ער וויל זיך אָפּגעבען אינגאַנצען מיט העברעאיש. דער איינציגער אָרט, וואו מען באַגעגענט איצט שניאור'ס נאָמען אין אַמעריקע, איז אין דער העברעאישער וואָכענשריפט „הדואר". ער דרוקט דאָרט לידער און איבערזעצונגען פון זיינע אידישע ווערק. ניט לאַנג צוריק האָט ער דאָרט געהאַט אַ סעריע פון זעהר אינטערעסאַנטע עראינערונגען וועגען דעם באַרימטען העברעאישען שריפטשטעלער דוד פרישמאַן.

קאַפּיטעל זעקס־און־דרייסיג

דוד ליבערזאָן און ס. רעגענסבערג

מיט די צייטונגען אין אַמעריקע איז פאָרגעקומען דאָס זעלבע וואָס מיט די דראָג סטאָרס. פון אָנהויב איז די אויפגאַבע פון דער דראָג סטאָר געווען בלויז צו מאַכען רעצעפּטען פאַר קראַנקע מענשען. ביסלעכווייז האָט זיך אָבער די ביזנעס אויסגעשפּרייט און פאַנאַנדערגעצווייגט. די דראָג סטאָר האָט אַריינגענומען פּעטענט־מעדיצינס, טואַלעט־אַרטיקלען, סטעישאָנערי, דאַן האָט זי אָנגעהויבען צו סערווירען אייז־קרים, צו פאַרקויפען סענדוויטשעס און קאַווע, און אַפילו גאַנצע מאָלצייטען. אַ גרויסע דראָג סטאָר איז היינט אַ קאָמבינאַציע פון אַ קענדי סטאָר, אַ סיגאַר סטענד, בוך־געשעפט און רעסטאָראַן. דער רעצעפּטן־דעפּאַרטמענט זעהט זיך כמעט ניט אָן.

עפּעס ענליכעס האָט פּאַסירט מיט דער צייטונג. לכתחילה האָט זיך די צייטונג געגרינדעט צו פאַרקויפען דעם עולם „נייעס", באַריכטען וועגען די וויכטיגסטע פּאַסירונגען און געשעהענישען. צוזאַמען מיט די נייעס האָט די בעסערע צייטונג געגעבען עדיטאָריעלע ערקלעהרונגען און אויסטייטשונגען. די מעהרסטע צייטונגען האָבען זיך אַפילו מיט דעם ניט „געבאַדערט". זיי האָבען זיך באַנוגענט מיט נייעס־באַריכטען.

ביסלעכווייז אָבער האָבען זיך די צייטונגען אויסגעברייטערט. זיי האָבען גענומען דרוקען פאַרשידענע סאָרטען אינפאָרמאַציע, וואָס האָבען ניט געהאַט קיין שייכות צו נייעס. זיי האָבען אָפּגעגעבען פּלאַץ פאַר ראָמאַנען און דערצעהלונגען, פאַר הומאָר און „קאָמיקס", פאַר בריף פון לעזער און עצות צו לעזער. די צייטונג

האָט געגומען לערנען די לעזער ווי אָפּצוהיטען דעם געזונט, ווי צו האָדעווען קינדער, ווי צו פיהרען די באַלעבאָטישקייט פון דער שטוב, ווי צו פאַרריכטען צעבראָכענע פוירניטשור אָדער צעריי־סענע און פאַרפלעקטע קליידער, ווי צו פלאַנצען בלומען און פאַר־זייען וועדזשעטעיבלס. אַ גרויסע צייטונג היינט האָט דעם כאַ־ראַקטער פון אַן ענציקלאָפּעדיע — איר קענט אין איהר געפינען אַרטיקלען וועגען אַלץ אין דער וועלט. צווישען די לעזער זיינען פאַראַן אַזוינע, וואָס היפּען איבער די נייעס־קאָלומס און לייענען בלויז אָט די זייטיגע זאַכען, וואָס האָבען אין גרונט גאָרניט קיין שייכות צו אַ צייטונג.

* * *

דאָך, טראָץ דעם, וואָס די דראָג סטאָר האָט זיך אַזוי פאַנאַנ־דערגעוואקסען, איז די נשמה פון דער ביזנעס נאָך אַלץ דער „רעצעפּט", די מעדיצין. מעג זי אָפּשאָפען אירגענד וועלכע אַנדער אָפּטיילונג, וועט זי אַלץ בלייבען אַ דראָג סטאָר. אויב נאָר מען קען דאָרט באַשטעלען אַ רעצעפּט. פון דעם מאָמענט אָבער וואָס מען קען דאָרט ניט קריגען געמאַכט קיין רעצעפּט, הערט זי אויף צו זיין אַ דראָגסטאָר.

דאָס זעלבע איז מיט אַ צייטונג. די נשמה איהרע איז נייעס און די אויסטייטשונג פון די נייעס. אָהן דעם הערט זי אויף צו זיין אַ צייטונג, מעגען די אַלע אַנדערע אָפּטיילונגען זיין די בעסטע און אינטערעסאַנטסטע.

די רעדאַקציע־מיטגלידער, וואָס זיינען באַשעפטיגט ביים שרייבען נייעס און ביים פאַרטייטשען נייעס, זיינען „רעפּאָרטערס". אַמאָל־גע יאָהרען זיינען מיט דעם וואָרט „רעפּאָרטער" באַצייכענט געוואָרען בלויז יענע צייטונגס־לייט, וועלכע זיינען געשיקט גע־וואָרען צו זאַמלען נייעס, צו באַריכטען וועגען די רעדעס פון פּראָמינענטע פערזאָנען, אָדער צו „דעקען" מיטינגען און קאָנ־ווענשאָנס און אַזוי ווייטער. עס איז געוועזען אָנגענומען, אַז די רעפּאָרטערס האָבען אַלס זייער אויפגאַבע איבערצוגעבען טרוקענע פאַקטען, זיך האַלטען אַזוי שטרענג ווי מעגליך ביי דעם וואָס

זיי זעהען און הערען. דאָס איבעריגע: די אויפקלערונגען און אויסטייטשונגען, האָט דער רעפּאָרטער געמוזט איבערלאָזען צו די דעסק־מענשען אין דער רעדאַקציע, די שרייבער פון די אַרטיקלען און עדיטאָריעלס.

היינט איז עס ניט אַזוי. די מחיצה צווישען דעם רעפּאָרטער און דעם אַרטיקעל־שרייבער איז אין פאַרלויף פון יאָהרען געוואָרען אַלץ שמאָלער און שמאָלער. ביז זי איז כמעט אינגאַנצען פאַרשוואונדען געוואָרען. אין אַ גוטער צייטונג, ווי, צום ביישפּיל, די „ניו יאָרק טאַימס" אָדער „העראָלד טריביון" איז יעדער נייעס־באַריכט אַ קאָמבינאַציע פון פאַקטען און די פאַרטייטשונג פון די פאַקטען. מר. סולצבערגער, דער פּאָבלישער פון „טאַימס" האָט וועגען דעם ענין געהאַלטען אַ פאָרטראַג מיט איניגע מאָנאַטען צוריק. ער האָט אָנגעוויזען, אַז די אַזוי גערופענע „אומפּאַרטייאישקייט" פון נייעס־שרייבער פאַרשווינדט. אין אַ גוטער מאָדערנער צייטונג איז עס ניט מעגליך מעהר.

דער אַרטיקעל־שרייבער מוז זיינע מיינונגען באַגרינדען אויף פאַקטען, אויף נייעס; דער נייעס־שרייבער מוז זיינע פאַקטען באַלייכטען און ערקלערען.ביידע זיינען זיי אין טיפערען זין פון וואָרט — „רעפּאָרטערס".

* * *

די ערשטע און וויכטיגסטע קוואַליפיקאַציע פון אַ גוטען רעפּאָרטער איז די פעהיגקייט צו קריגען די ריכטיגע פאַקטען וועגען אַ געשעהעניש אָדער פּאַסירונג. די פעהיגקייט פון קריגען די ריכטיגע פאַקטען, איז וויכטיגער ווי די פעהיגקייט צו שרייבען. עס זיינען געווען פאַלען פון באַרימטע רעפּאָרטערס, וואָס האָבען אַליין קיינמאָל ניט געשריבען. זיי פלעגען זאַמלען די פאַקטען, ברענגען די פאַקטען, אָדער זיי טעלעפאָנירען צו אַ שרייבער אין דער רעאַקציע און יענער פלעגט זיי אָנשרייבען. עס פאַרשטעהט זיך, אַז בעסער איז, ווען דער דזשאָב ווערט געמאַכט אינגאַנצען פון איין מענש. און אין די מעהרסטע פאַלען איז עס טאַקע אַזוי.

וואָס הייסט קריגען די ריכטיגע פאַקטען? ווי אַזוי קריגט

מען די אמת'ע איינצעלהייטען פון אַ „סטאָרי"? עס איז דאָ איין וועג: צו געהן צום קוואַל, זעהן זיך אַליין מיט די העלדען פון דער „סטאָרי", ריידען מיט זיי, קוקען זיי אין די אויגען אַריין, באַזוכען דעם פּלאַץ, וואו די געשעהעניש איז פאָרגעקומען, אויפזוכען די בעסטע עדות פון די פּאַסירונגען און הערען, וואָס זיי האָבען צו זאָגען און אַזוי ווייטער און ווייטער. אַ גוטער רעפּאָרטער מוז שווער אַרבייטען.

צו דעם קלאַס פון די מאָדערנע גוטע רעפּאָרטערס געהערען אַ היפּשע צאָהל פון די מיטאַרבייטער פון „פאָרווערטס" (אויך, פאַרשטעהט זיך, אַלע אונזערע קאָרעספּאָנדענטען אין אויסלאַנד). איך וויל דאָ רעדען אַביסעל גענויער וועגען צוויי פון זיי: דוד ליבערזאָן און ס. רעגענסבערג.

דוד ליבערזאָן טוט אַ גרויסען טייל פון זיין אַרבייט אויף דעם וויסענשאַפטליכען געביט — ער קען באַצייכענט ווערען אַלס „סאַיענס רעפּאָרטער", ווי דער באַרימטער לאורענס פון די „טאַימס" און אַניעל פון „העראַלד טריביון". עס פאַרשטעהט זיך, אַז איידער איינער קען אונטערנעמען דעם סאָרט רעפּאָרטאַזש, מוז ער אַליין זיין באַהאַוועגט אין די פאַרשידענע וויסענשאַפטען: אין פאַרשידענע צווייגען פון דער נאַטור־וויסענשאַפט און פון סאָציאַלער וויסענשאַפט. די מאָדערנע פיזיקס און כעמיע זיינען אַזוי שווער, אַז אַפילו אויסגעשטודירטע פון קאָלעדזשעס און אוניווערזיטעטען דאַרפען זיך שטאַרק מאַטערען איידער זיי קענען זיך פאַנאַנדער־קלייבען אין די נייעס, וואָס ווערט וועגען דעם פאַרעפענטליכט פון צייט צו צייט. דער „פאָרווערטס" האָט דעם גליק צו האָבען אין דער רעדאַקציע אַ שרייבער, וועלכער באַזיצט דעם וויסענשאַפט־ליכען באַגאַזש צו קענען דינען אַלס „סאַיענס רעפּאָרטער".

די לעזער פון „פאָרווערטס" וואָס אינטערעסירען זיך מיט די געשעהענישען און פּאַסירונגען אין דער וועלט פון וויסענשאַפט, האָבען זיכער געלייענט די פילע איינצעלנע און סעריעס אַרטיקלען פון דוד ליבערזאָן איבער די טעמעס. איך האָף, אַז לייענענדיג די אַרטיקלען, האָבען זיי אויך באַמערקט די מעטאָדען וועלכע לי־בערזאָן ווענדעט אָן, די צוגרייטונגען, וואָס ער מאַכט צו שרייבען

זיינע אַרטיקלען. ער טוט דאָס, וואָס יעדער גוטער רעפּאָרטער דאַרף טאָן. ער גערט צו די ערשטע קוואַלען. ער האָט אינטערוויוס ענט־ווערער מיט די מענשען, וואָס האָבען געשאַפען די באַטרעפענדע נייעס, אָדער וואָס שטעהען נאָהענט צו זיי אין וויסען און פאַר־שטענדעניש. ביים שרייבען זיינע אַרטיקלען קומט ליבערזאָנ׳ען צוניץ זיין וויסען און קענטעניש פון דער טעמע. דאָס גיט איהם די מעגליכקייט צו מאַכען די טעמע מעהר פּאָפּולער און צוגעגנגליך צו לעזער, וואָס זיינען מיט די שווערע ענינים ווייניג באַקאַנט.

* * *

ס. רעגענסבערג׳ס געביט איז אַן אַנדערער ווי ליבערזאָנ׳ס. זיין געביט איז „היומען אינטערעסט סטאָריס“, דראַמאַטישע, טראַ־גישע, רירענדע, קאָמישע פּאַסירונגען און געשעהענישען אין דעם לעבען פון איינצעלנע מענשען, פאַמיליעס אָדער גאַנצע גרופּען. ער שרייבט אויך וועגען פּראָמינענטע פּערזענליכקייטען און וויכ־טיגע אינסטיטוציעס. און ער באַנוצט די מעטאָדע פון די גוטע רעפּאָרטערס. ער שרייבט ניט פון דעם וואָס ער לייענט ערגעץ, אָדער וואָס ער הערט דערצעהלען. ער געהט צום קוואַל. ער זאַמעלט זיין מאַטעריאַל פון דער „ערשטער האַנט“. אין דער רעדאַקציע קומט אונז אויס אָפט צו פאַרגלייכען זיינעם אַ רעפּאָרט וועגען אַ דראַ־מאַטישער אָדער שפּאַנענדער געשעהעניש מיט די רעפּאָרטס אין אַנדערע צייטונגען. און אין יעדען פאַל געפינט מען ביי איהם איינצעלהייטען, וואָס די אַנדערע האָבען ניט, און אָפט זיינען גראַד די איינצעלהייטען די שלאָגענדיגסטע און די איינדרוקפולסטע.

כאָטש ליבערזאָן און רעגענסבערג אַרבייטען אויף פאַרשיידענע געביטען, איז פאַראַן אַן ענליכקייט צווישען זיי.ביידע טוען זיי זייער אַרבייט מיט ענטוזיאַזם. אין ליבערזאָנ׳ס פאַל שטאַמט די באַגייסטערונג פון זיין ליבע און פון זיין טיפען באַגער אַליין צו לערנען און צו מאַכען מעגליך פאַר אַנדערע צו לערנען. און דער דאָזיגער באַגער פיהלט זיך אין זיין שרייבען. ווי קאַלט און טרוקען די טעמע זאָל ניט זיין, טראָגט ער אַריין אין זיין אַרטיקעל אַ לעבע־דיגקייט און פרישקייט.

ס. רעגענבערסג וואַרפט זיך אַריין אין זיין יעדער „סטאָרי״ מיט האַרץ און נשמה. ווען ער שרייבט וועגען אַ טראַגישער גע־שעהעניש, שפירט איהר, אַז ער האָט אַליין דורכגעפיהלט די אַלע ליידען און וועהטאָגען פון זיינע העלדען. ווען ער באַשרייבט אַ פּראָמינענטען מענש, שלאָגען אַרויס פון זיינע ווערטער זיינע פער־זענליכע געפיהלען צו דעם דאָזיגען מענש.

דערפאַר איז קיין וואונדער ניט, וואָס רעגענסבערג׳ס אַרטיק־לען מאַכען אַזאַ טיפען איינדרוק אויף די לעזער. דער פאַקט איז, אַז יעדעס מאָל ווען ער דרוקט אָפּ אַן אַרטיקעל וועגען אַ טראַגישער פּאַסירונג מיט אַן איינצעלנעם אָדער אַ פאַמיליע, ווערט די רע־דאַקציע פאַרשאָטען מיט בריף פון לעזער, וועלכע באָטען באַלד אָן הילף. אינ׳ם פאַל פון דער מאַכנאָווסקי־פאַמיליע (דער די־פּי, וואָס איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד און איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט אַ בעיבי) זיינען אָנגעקומען קנאַפּע פינף טויזענט דאלער; אין דעם פאַל פון יאָסעל סיגעל (דער קראַנקער די־פּי, וועמען די רעגירונג האָט געוואָלט אַרויסשיקען פון לאַנד) זיינען אָנגעקומען עלף טוי־זענט דאלער. איןביידע פאַלען זיינען די אומגליקליכע געראַטע־וועט געוואָרען אַ דאַנק דעם, וואָס רעגענסבערג האָט וועגען זיי געשריבען אין „פאָרווערטס״.

קאַפּיטעל זיבעו־און־דרייסיג

ב. קאָוונער, חנא גאָטעספעלד, דער טונקעלער, י. מאַרשעליק, י. גאָלדשטיין, לאָלאַ

די אידישע פּרעסע אין אַמעריקע האָט געהאַט איהר „גאָלדענע עפּאָכע”, וואָס האָט אָנגעהאַלטען עטליכע און צוואַנציג יאָהר, פון 1907, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען די מאַסען־אימיגראַציע נאָכ'ן דורכפאַל פון דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905, ביז ענדע פון די צוואַנציגער יאָהרען, ווען דער נייער אַנטי־אימיגרעישאָן געזעץ האָט אָפּגעשטעלט דעם גרויסען אימיגראַנטען־שטראָם.

אין דער „גאָלדענער עפּאָכע” איז אַלץ געגאַנגען באַרג אַרויף: דער לעזער־קרייז איז כסדר געוואַקסען, אין די רעדאַקציעס זיינען אַריינגעקומען נייע זשורנאַליסטען און נייע שריפטשטעלער. די רע־דאַקטאָרען זיינען ניט געווען באַגרעניצט אין פּלאַץ און האָבען געקענט איינפיהרען נייע פיטשורס, ווייל מיט דעם וואוקס פון אַדווערטאַיזמענטס זיינען צוגעקומען נאָך און נאָך פּעידזשעס.

אין דער „גאָלדענער עפּאָכע” איז אויפגעקומען אַ נייער סאָרט צייטשריפט, די הומאָריסטישע בלעטער. וועגען דעם ליטעראַרישען און קינסטלערישען ווערט פון די בלעטער איז דאָ ניט דער אָרט צו ריידען. איז אָבער באַשטימט, אַז די הומאָריסטישע צייט־שריפטען האָבען אויפגעטאָן צוויי זאַכען: ערשטענס, האָבען זיי אַרויסגעפירט אַ צאָהל טאַלאַנטפולע הומאָריסטען און קאַרטוניסטען, און צווייטענס, האָבען זיי פּאָפּולער געמאַכט דעם ענין פון הומאָר און מיטגעבראַכט, אַז די טעגליכע צייטונגען זאָלען גיבען מעהר פּלאַץ פאַר הומאָריסטישען שטאָף. אין יענער צייט האָט זיך דער הומאָריסט און קאַרטוניסט איינגעבירגערט אין די אידישע צייטונגען.

דער „פאָרווערטס" האָט אויך אין די פריהערדיגע יאָהרען גע־האָט מיטאַרבייטער וועלכע קענען קלאַסיפיצירט ווערען אַלס הו־מאָריסטען. איך האָב אין זינען הויפּטזעכליך אַזוינע שרייבער ווי מ. באַראַנאָוו און ז. ליבין. מ. באַראַנאָוו איז געווען איינער פון די טאַלאַנטפולסטע פעליעטאָניסטען אין דער אידישער פּרעסע. ז. ליבינ'ס סקיצען און דערצעהלונגען האָבען זיך אויסגעצייכענט אַממייסטענס מיט שפּאַסיגע בילדער און טיפּען. אין „פאָרווערטס" האָט דאַמאָלסט מאָריס ראָזענפעלד געדרוקט זיינע הומאָריסטישע פעליעטאָנען.

דער הומאָר פון די דערמאָנטע שרייבער איז אָבער ניט געווען „לשם הומאָר". זיי האָבען געהאַט אַ העכערען ציל ווי בלויז צו מאַכען דעם לעזער לאַכען. זיי האָבען געצילט צו ציען די אויפ־מערקזאַמקייט צו געוויסע פעלערען, אָדער עוולות, אָדער לעכער־ליכקייטען אין פּאָליטיק, אין דער געזעלשאַפט, אין שאָפּ, אין דער היים, אין אינסטיטוציעס. זיי האָבען געוואָלט די פעלערען אויס־בעסערען מיט דעם כוח פון חוזק און סאַטירע.

דער נייער סאָרט הומאָר, וואָס איז אויפגעקומען מיט דער הומאָריסטישער צייטשריפט, האָט ניט געהאַט אַזוינע „הויכע צילען" אָדער רעפאָרמיסטישע מאָטיוען. דער שרייבער האָט געוואָלט אַליין אַ שטיף־טאָן און אַמוזירען דעם לעזער.

דער סאָרט הומאָר איז אייגענטליך קאַריקאַטור ; ער באַשטעהט פון איבערטרייבען, פון מגזם זיין געוויסע שטריכען אין אַ מענ־שענ'ס אויסזעהן, אין זיין כאַראַקטער אָדער אין זיינע פיהרונגען. ניט צו יעדען אַפּעלירט דער סאָרט שפּאַס. ער אַפּעלירט מעהר צו יונגע מענשען ווי צו עלטערע, צו לייכטזיניגע ווי צו ערנסטע.

אַ היפשע צאָל פון די לעזער אין יענער „גאָלדענער עפּאָכע" איז געווען אין דער פּאַסיגער שטימונג פאַר דעם לייכטען, שטי־פערישען סאָרט הומאָר. און די אידישע פּרעסע האָט דעם פאַרלאַנג באַפרידיגט. די טעגליכע צייטונגען האָבען אַריינגענומען אין זייערע רעדאַקציעס די בעסטע טאַלאַנטען וואָס די הומאָריסטישע צייט־

שריפֿטען האָבען אַרויסגעבראַכט און אויך די בעסטע קאַרטוני־סטען.

* * *

דעם גרעסטען ערפֿאָלג אין דעם פֿרט האָט געמאַכט דער „פֿאָר־ווערטס". ער האָט אַריינגענומען דעם הומאָריסט י. אַדלער, וועל־כער האָט אין די הומאָריסטישע בלעטער פֿאַרנומען אַן אָרט אויבען־אָן אַלס רעדאַקטאָר און אַלס שרייבער. י. אַדלער איז געווען אי' פֿון די גרינדער פֿון דעם ערשטען הומאָריסטישען זשורנאַל „דער קיבעצער". שפּעטער איז ער געווען איינער פֿון די הויפּט מיטאַרבייטער פֿון „גרויסער קונדס". ער האָט אַרויסגעגעבען און רעדאַקטירט אַנדערע הומאָריסטישע זשורנאַלען, און האָט פֿאַר זיי געשריבען אונטער אַ צענדליג פֿאַרשידענע נעמען.

די געשיכטע ווי אַזוי אַדלער איז אָנגעקומען אין „פֿאָרווערטס", איז שוין פֿיל מאָל דערצעהלט געוואָרען פֿון איהם אַליין, פֿון אב. קאַהאַן און פֿון אַנדערע „פֿאָרווערטס" מיטאַרבייטער. אַדלער האָט זיך ניט גערעכט, אַז אַזוינס וועט קענען געשעהן, ווייל די זשורנאַ־לען וואָס ער האָט רעדאַקטירט און ער אַליין פּערזענליך פֿלעגען אָפֿט קיבעצען און חוזק מאַכען פֿון „פֿאָרווערטס" און פֿון אב. קאַהאַן. (דער „פֿאָרווערטס" איז געווען די הויפּט־טעמע פֿון אַלע הומאָ־ריסטישע זשורנאַלען. פּשוט דערפֿאַר, ווייל דער „פֿאָרווערטס" איז געווען די גרעסטע, פּאָפּולערסטע צייטונג, און וואָס מעהר אַ פּערזאָן אָדער אינסטיטוציע איז באַוואוסט צום ברייטען עולם, אַלץ מעהר רייצט זי דעם אַפּעטיט פֿון דעם הומאָריסט אָדער סאַטי־ריקער).

נו, האָט פּאַסירט, אַז אב. קאַהאַן איז איינגעלאַדען געוואָרען צו אַ באַנקעט פֿון אַן אָרגאַניזאַציע, ביי וועלכער אַדלער איז אויפֿגע־טראָטען אַלס פֿאָרלעזער. אב. קאַהאַן האָט זיך וועניג אינטערעסירט מיט די הומאָריסטישע זשורנאַלען און האָט ניט געוואוסט ניט וועגען זייערע שרייבער און ניט וועגען זייער אינהאַלט. אַדלער'ס אַרויסטריט ביים באַנקעט איז פֿאַר איהם געווען אַן איבערראַשונג. דער עולם האָט געשמאַק געלאַכט און אב. קאַהאַן איז אויך מיט־

גרויסען געוואָרען פון דעם געלעכטער. און קורץ נאָכדעם האָט ער איינגעלאַדען אַדלער'ן צו ווערען אַ מיטאַרבייטער אין „פאָר־ווערטס".

די ערשטע זאַך האָט קאַהאַן געגעבען אַדלער'ן אַ נייעם נאָמען. אַזוי ווי אַדלער איז אַ גאַליציאַנער, האָט קאַהאַן געזוכט פאַר איהם אַ נאָמען וואָס זאָל איהם פאַרמאַסקירען פאַר אַ ליטוואַק. איז פון י. אַדלער געוואָרען ב. קאָוונער (קאָוונע איז די הויפּט־שטאָט פון ליטע).

ב. קאָוונער איז אַריינגעטראָטען אין „פאָרווערטס" אין יאָהר 1911, און ער איז גלייך געוואָרען די סענסאַציע פון דער אידישער פרעסע. זיינע טיפּען „יענטע און מענדעל טעלעבענדע", „מוישע קאַפּויר", „פּיישע דער פאַרמער" און אַנדערע, זיינען אַריין אין דער אידישער שפּראַך און זיינען ביז היינטיגען טאָג פאַרבליבען אין דעם וואָקאַבולאַר פון דעם „אַמעריקאַנער אידיש". קאָוונער'ס וויצען, אַנעקדאָטען און ווערטלעך זיינען איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל אין די שעפּער, אין די היימען, איבעראַל וואו אידען האָבען זיך באַגעגענט און פאַרזאַמעלט. די אידישע טעאַטערס האָבען אויפגעפיהרט פּיעסען מיט די קאָוונער טיפּען אַלס העלדען. אין די אידישע מוזיק האָלס האָט מען געזונגען לידלעך וועגען זיי. קאָוונער אַליין איז איינגעלאַדען געוואָרען פון אָרגאַניזאַציעס פאַרצולעזען זיינע פעליעטאָנען ביי זייערע אונטערנעמונגען און מאַסען מענשען זיינען געלאָפען איהם הערען און איהם אָנצוקוקען.

ווי פּאָפּולער און באַליבט קאָוונער איז אין יענע יאָהרען געווען ביי די „פאָרווערטס" לעזער קען דינען די פאָלגענדע פּאַסירונג: אב. קאַהאַן האָט געדאַרפט אָפּפאָרען קיין איראָפּע אויף אַ לענגערער רייזע און האָט איבערגעגעבען די פאַרוואַלטונג פון דער רעדאַקציע צו ב. פייגענבוים. מיר זיינען אַלע געשטאַנען אין דעם גרויסען צימער און זיך צוגעהערט ווי אַב. קאַהאַן גיט פייגענבוים'ען אינסטרוקציעס וועגען די פאַרשידענע אָפּטיילונגען און פיטשורס אין דער צייטונג. און ריידענדיג איז ער צוגעקומען צו קאָוונער'ס פעליעטאָנען און צום „בינטעל בריף". אויף קאַהאַנ'ס פּנים האָט זיך מיטאַמאָל פאַרשפּרייט אַ ביטערער שמייכעל. ער

האָט אַ קוק־געטאָן אויף פייגענבוימ׳ען און געזאָגט: „אַלץ קענט איהר טאָן אין מיין אָפּוועזענהייט, אָבער די צוויי פיטשורס זאָלט איהר ניט טשעפּען; דאָס זיינען די דאַרדאַנעלען“. מיר האָבען זיך אַלע צולאַכט, פייגענבוים העכער ווי די אַנדערע. אין קאַהאַנ׳ס שפּאַסיגער באַמערקונג איז אָבער געווען אַ סך ערנסט. געגען דעם „בינטעל בריף“ און געגען קאָוונער׳ס הומאָרעסקעס איז דאַמאָלסט אָנגעפירט געוואָרען אַ „קרייצצוג“ כלומר׳שט אין נאָמען פון הע־כערען, בעסערען זשורנאַליזם. אין דער אמת׳ן איז דער „קרייצ־צוג“ אָנגעפירט געוואָרען פון די שונאים און קאָנקורענטען פון „פאָרווערטס“, וועלכע האָבען איהם ניט פאַרגונען די געוואַלדיגע פּאָפּולאַריטעט פון די צוויי פיטשורס. קאַהאַן האָט געוואָלט זיין זיכער, אַז פייגענבוים וועט זיך ניט לאָזען באַאיינפלוסען פון דעם קאַמפּעין געגען זיי.

אין יענע יאָהרען, ווען די הומאָריסטישע זשורנאַלען האָבען געבליהט אויף דער אידישער גאַס, האָט זיך אין ניו יאָרק געפונען דער באַוואוסטער הומאָריסט, יוסף טונקעל. ער איז טאַקע געווען איינער פון די גרינדער, אַרויסגעבער און רעדאַקטאָרען פון די ערשטע הומאָריסטישע זשורנאַלען. אין 1910 איז ער אָפּגעפאָרען צוריק קיין פּוילען און איז דאָרט אַריינגעטראָטען אין דער רע־דאַקציע פון איינער פון די גרויסע טאָג־צייטונגען. ער פלעגט אויך אַריינשיקען הומאָרעסקעס אין „פאָרווערטס“, וועלכע מיר פלעגען דרוקען אונטער זיין פּסעוודאָנים „דער טונקעלער“. טונ־קעל׳ס פאַרבינדונג מיט׳ן „פאָרווערטס“ האָט אָנגעהאַלטען אַזוי לאַנג ווי ער האָט געלעבט. צייטענווייז פלעגט ער צושיקען מעהר זאַכען און צייטענווייז ווייניגער. ער פלעגט קריגען באַצאָהלט פאַר יעדען אַרטיקעל. דער „פאָרווערטס“ האָט איהם ניט באַטראַכט ווי אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע און ער האָט זיך אויך ניט באַ־טראַכט אַלס אַזעלכער. ער האָט זיך געוואָלט דרוקען אין „פאָר־ווערטס“ ניט צוליב׳ן האָנאָראַר — ער האָט פאַרדינט גענוג אין פּוילען; ער האָט נאָר געוואָלט אַז מען זאָל איהם לייענען אויך אין אַמעריקע.

ווען דער היטלער אומגליק האָט געטראָפען אין דער אַלטער

וועלט, האָט זיך טונקעל געראַטעוועט אין אַמעריקע. דער „פאָר־וועדטס" האָט איהם אַריינגענומען אין דער רעדאַקציע. ער איז שוין דאַמאָלסט געווען אַ קראַנקער מענש און אַ צעבראָכענער גייסטיג. ער האָט ניט געקענט פיל שרייבען. וואָס ווייטער האָט ער זיך געדרוקט ווענינער און ווענינער. דער „פאָרווערטס" האָט איהם אָבער געצאָלט דעם פולען געהאַלט ביז'ן לעצטען טאָג פון זיין לעבען.

* * *

חנא גאָטעספעלד האָט אויך געמאַכט זיין דעביו אַלס אידישער שרייבער אין דער הומאָריסטישער פרעסע. אין „פאָרווערטס" איז ער אַריינגעקומען אויף דעם געוועהנליכען אופן — דורך „אָנקלאַפּען אין טיר". ער האָט אַריינגעשיקט אַ הומאָרעסקע אין דער רעדאַק־ציע. אב. קאַהאַן האָט איהם ערקלעהרט, אַז אַזוי ווי ער שרייבט אין אַנדערע צייטונגען, וועט ער אין „פאָרווערטס" מוזען באַנוצען אַ פסעוידאָנים. און קאַהאַן האָט איהם פאָרגעשלאָגען דעם נאָמען „טוביה שמייכעל", וועלכען גאָטעספעלד באַנוצט ביז'ן היינטיגען טאָג.

שפּעטער איז גאָטעספעלד געוואָרען אַ מיטגליד פון דער רע־דאַקציע און האָט געטאָן פאַרשידענע סאָרטען צייטונגס־אַרבייט. ער פלעגט אויך דרוקען רעגעלמעסיג אַ הומאָרעסקע יעדע וואָך. אַזוי האָט פּאַסירט, אַז פאַר די לעזער פון „פאָרווערטס" איז דער נאָמען „טוביה שמייכעל" געוואָרען מעהר באַוואוסט ווי דער נאָמען חנא גאָטעספעלד. אַנדערע אַרבייטען, וואָס גאָטעספעלד האָט דאַ־מאָלסט געטאָן פאַר דער צייטונג, זיינען ניט באַצייכענט געוואָרען מיט דעם נאָמען פון שרייבער.

דער נאָמען „חנא גאָטעספעלד" איז געוואָרען מעהר באַוואוסט ווי דער נאָמען „טוביה שמייכעל" ערשט דאַמאָלסט, ווען גאָטעספעלד האָט אָנגעהויבען צו שאַפען פאַר'ן אידישען טעאַטער. אין פאַרלויף פון עטליכע יאָהר איז חנא גאָטעספעלד באַרימט געוואָרען אַלס איינער פון די טאַלאַנטפולסטע שרייבער פון קאָמעדיעס אין דער געשיכטע פון אידישען טעאַטער.

אין „פאָרווערטס" באַנוצט איצט גאָטעספעלד ביידע נעמען:

„חנא גאָטעספעלד" פֿאַר פובליציסטיק (ווי, צום ביישפּיל, די סעריעס וואָס ער האָט געשריבען וועגען זיינע רייזעס אין ישראל) און „טוביה שמייכעל" פֿאַר פעליעטאָנען און הומאָרעסקעס. ער איז אויך דער רעדאַקטאָר פון דעם „שטיף־קינד", די הומאָריסטישע אָפּטיילונג אין זונטאָג־„פֿאָרווערטס".

* * *

ב. פינקעל, וועלכער שרייבט הומאָרעסקעס אין „פֿאָרווערטס" אונטער'ן נאָמען י. מאַרשעליק, האָט פיל בייגעשטייערט צו דער אַנטוויקלונג פון אידישען הומאָר אין אַמעריקע. איידער ער איז אָנגעקומען אין „פֿאָרווערטס", האָט ער געאַרבייט אַלס רעפּאָרטער אין פֿאַרשידענע צייטונגען. אין דער שרייבערישער וועלט קען מען איהם אַלס איינעם פון די טאַלאַנטפולסטע שרייבער פון הומאָר. אַלס הומאָריסט איז ער אָנגעקומען אין „פֿאָרווערטס" מיט אַ פּאָר צענדליק יאָהר צוריק. ער שרייבט פֿאַר אונז ביז'ן היינטיגען טאָג.

מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק איז די הומאָריסטישע אָפּטיילונג פון „פֿאָרווערטס" באַרייכערט געוואָרען מיט צוויי נייע פּיטשורס: „יאָסעל דער גרינער" און דער „לוסטיגער פּעסימיסט". י. גאָלד־שטיין, דער טאַלאַנטפולער שרייבער פון די צוויי פּיטשורס, איז טאַקע געווען אַ האַלבער גרינער, ווען ער איז אָנגעקומען אין „פֿאָר־ווערטס". זיין גרויסען נאָמען אַלס הומאָריסט האָט ער זיך ער־וואָרבען אין פּוילען, און שפּעטער אין רוסלאַנד און אין ישראל, וואו ער האָט געלעבט אין די מלחמה יאָהרען. ער האָט פיל גע־שריבען פֿאַר דעם אידישען טעאַטער; זיינע הומאָריסטישע סקע־טשעס זיינען אויפגעפירט געוואָרען מיט גרויס דערפאָלג פון די בעסטע אידישע וואָדעוויל אַקטיאָרען אין אַמאָליגען פּוילען און אויך אין רוסלאַנד און ישראל.

אויך אונזער קאַרטוניסט „לאָלאָ" ציהט זיין יחוס פון די הומאָ־ריסטישע בלעטער אין דער „גאָלדענער עפּאָכע", אין וועלכער ער האָט זיך אויסגעצייכענט ווען ער איז נאָך געווען אַ גאַר יונגער בחור'ל. שפּעטער האָט ער זיך געשאַפען אַ נאָמען אין דער קונסט פון „מיוראַל פּעינטינג". ער האָט אָבער אויך פֿאַרגעזעצט זיין אַר־בייט אַלס קאַרטוניסט פֿאַר דער אידישער פּרעסע.

קאַפּיטעל אַכט־און־דרייסיג

דריי יונגע מיטאַרבייטער אין אָנהויב פון די צוואַנציגער יאָהרען

לעאָן קרישטאָל, חיים עהרענרייך און מ. ווינאָגראַד

אָנהויב די צוואַנציגער יאָהרען, באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, זיינען אין דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס" אָנגעקומען דריי יונגעלייט וואָס האָבען גענומען שטעלען די ערשטע טריט אַלס צייטונגסלייט. אין אַ גאָר קורצער צייט האָט יעדערער פון זיי שוין פאַרנומען אַ פּאָסטען אַלס פאַרוואַלטער פון אַ וויכטיגער אָפּטיילונג אין דער צייטונג. אין לויף פון די פאַרגאַנגענע עטליכע צעהנדליג יאָהר האָבען זיי געמאַכט אַ בייטראַג צו דער ענטוויקלונג פון אידישען זשורנאַליזם אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

די דריי זיינען לעאָן קרישטאָל, חיים עהרענרייך און מ. ווינאָגראַד.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייער קאַפּיטעל אין דעם גייסטיגען לעבען פון די אַמעריקאַנער אידען. דער נאַציאָנאַליזם איז ביי זיי פיל פאַרשטאַרקט געוואָרען. ערשטענס, צוליב דער באַלפור דעקלאַראַציע און צווייטענס, צוליב דער קולטורעלער אויטאָנאָמיע וואָס די אידען האָבען באַקומען אין די נייע רעפּובליקען וועלכע האָבען זיך אָפּגעריסען פון דער אַלטער רוסלאַנד. דאָס האָט געפיהרט צו אַן אויפלעבונג ביי אונז פון דער אידישער ליטעראַטור, אידישען טעאַטער און אידישער קולטור אין אַלגעמיין. די נעקסטע פאָר צעהנדליג יאָהר האָבען פאַרציי־

כענט די העכסטע און שעהנסטע דערגרייכונגען פון אידישע קולטור אין אַמעריקע.

עס פאַרשטעהט זיך אַז דער נאַציאָנאַלער אויפשוואונג האָט זיך אָם שטאַרקסטען אָפּגעשפּיגעלט אין דער אידישער פרעסע. די אידישע פרעסע האָט אין יענע יאָהרען אויך דערגרייכט די העכסטע מאַטעריעלע שטופע. נאָך דער מלחמה האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייער גרויסער שטראָם פון אימיגראַציע וואָס האָט געגעבען די אידישע צייטונגען טויזענטער נייע לעזער. דער טיפער אינטערעס אין אידישער קולטור האָט אויך געהויבען דעם פרעסטיזש פון דער אידישער פרעסע, איבערהויפּט ביי דער אידישער אינטעליגענץ. עס איז דאַמאָלסט געווען גוט צו זיין אַ אידישער שרייבער, און אַ פאַרגעניגען צו זיין אַ באַרימטהייט אין דער ליטעראַטור, אין טעאַטער אָדער אַנדערע צווייגען פון אידישער קונסט.

די דריי דערמאָנטע נייע מיטאַרבייטער פון „פאָרווערטס" וואָלטען אפשר קיינמאָל ניט געוואָרען קיין אידישע שרייבער ווען ניט אָט דער גייסט פון יענער צייט. אַלע זיינען זיי געווען נאָך גאָר יונג, און מיט זייערע פעהיגקייטען וואָלטען זיי פריהער אָדער שפּעטער געקענט געפינען אָן אָרט אין „עכטע אַמעריקאַנער פּראָ־פעסיעס" זיי זיינען אָבער געווען געפאַנגען פון נאַציאָנאַלען גייסט אויף דער אידישער גאַס און זיי האָבען זיך געשעצט גליקליך ווען דער „פאָרווערטס" האָט זיי אָנגעבאָטען די מעגליכקייט זיך אויס־צולעבען אין דעם גייסט און צו העלפען איהם פאַרשטאַרקען און אַנטוויקלען.

דער ערשטער און עלטסטער פון דער גרופּע איז לעאָן קריי־שטאָל. ער איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1914, אין עלטער פון אַכצעהן יאָהר. זיין ערשטע אַמביציע איז געווען צו לערנען אַ פּראָפעסיע און ער האָט אויסגעקליבען סיוויל אינזשענירינג. ער האָט ביי טאָג געאַרבייט אין שאָפּ און ביינאַכט געשטודירט אין קופּער יוניאָן. אין דער זעלבער צייט האָט ער געפונען צייט אַריינצושי־קען פעליטאָנען אין „קונדס" און צו איבערזעצען פּיעסען פאַר'ן אידישען טעאַטער. אין 1920 האָט איהם מאָריס שווארץ אָנגע־באָטען אַ שטעלע אין זיין קונסט טעאַטער אַלס פרעסע־אַגענט, פאַר־

וואַלטער און איבערזעצער. ער האָט די שטעלע געהאַלטען צוויי יאָהר. און אויפ׳ן דריטען יאָהר, אין 1922, האָט איהם דער „פאָר־ווערטס״ אויסגעפּרובירט אַלס נייעס שרייבער אין די זומערדיגע וואַקאַציע מאָנאַטען. ער האָט די פּראָבע אַזוי גוט אויסגעהאַלטען אַז דער רעדאַקטאָר האָט איהם אָנגעבאָטען אַ שטענדיגע שטעלע.

אין די דריי צעהנדליג יאָהר וואָס לעאָן קרישטאַל איז פאַר־בונדען מיט׳ן „פאָרווערטס״ האָט ער דאָרט פאַרנומען דריי זעהר וויכטיגע אַמטען. אַן ערך פון צעהן יאָהר איז ער געווען דער סיטי עדיטאָר (נייעס רעדאַקטאָר), פינף יאָהר איז ער געווען דער רעדאַקטאָר פון זונטאָג־„פאָרווערטס״ און פאַר די לעצטע קנאַפּע צעהן יאָהר איז ער איינער פון די צוויי שטענדיגע קאָרעספּאָנדענטען וואָס דער „פאָרווערטס״ האָט אין יו. ען. (דער צווייטער איז שלמה איזראַעלי).

לעאָן קרישטאַל באַזיצט די פעהיגקייטען און אייגענשאַפטען פון אַ גוטען אַמעריקאַנער זשורנאַליסט. איידער ער שרייבט איבער אַ געגענשטאַנד, פאָרשט ער איהם אויס גרינדליך. דאָס איז ערש־טענס. צווייטענס, האָט ער שטענדיג אין זינען די לעזער פאַר וועלכע ער שרייבט. און ער ווייס ווי אַזוי צוצוקומען צום לעזער, ווי אַזוי איהם צו פאַראינטערעסירען אין דער טעמע און ווי אַזוי צו האַלטען זיין אינטערעס ביז׳ן סוף.

דעם „פאָרווערטס״ קומט אויס אָפט זיך צו באַריהמען מיט זיינע צוויי קאָרעספּאָנדענטען ביים יו ען. איבערהויפּט מיט דעם ווי אַזוי זיי „דעקען״ די פאַרהאַנדלונגען פון אידישע אנגעלעגענ־הייטען, ישראל אַנגעלעגענהייטען. אין אַ לייט אַרטיקעל וואָס דער „פאָרווערטס״ האָט געדרוקט נאָכדעם ווי די יו ען האָט אָפּ־געשטימט צו געבען די אידען אַן אייגענע מלוכה, האָט ער ער־קלערט אַז לעאָן קרישטאַל און שלמה איזראַעלי וואָלטען באַקומען דעם „פּוליצער פּרייז״ אויב די אַמעריקאַנער אידישע פּרעסע וואָלט אַזאַ פּרייז געהאַט. אונזערע צוויי קאָרעספּאָנדענטען האָבען נאָכ־געפאָלגט, באַשריבען און דערקלעהרט יעדען שריט, יעדע גע־שעהעניש אין יו ען אין יענע היסטאָרישע טעג מיט אַזאַ גרינד־ליכקייט, מיט אַזאַ אינטעליגענץ און מיט אַזאַ אויפריכטיגקייט

און ליבשאַפט, אַז עס האָט אַרויסגערופן באַוואונדערונג ביי די לעזער און שטאָלץ ביי די אַרויסגעבער און ביי דער רעדאַקציע פון דער צייטונג.

די זעלבע גרינדליכקייט, אויפריכטיקייט און ליבשאַפט פאַר דער אַרבייט האָט לעאָן קרישטאָל אַרויסגעוויזן אין זיינע צוויי אָריגינעלע ווערק וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין „פאָרווערטס" אין די פערציגער יאָהרען. די לעבענס געשיכטע פון פּרעזידענט רוז־וועלט אין 1942, און די ביאָגראַפיע פון לעוו טאָלסטאָי, אין 1948 און 1949 אונטער'ן נאָמען „טאָלסטאָי און זיין ווייב". עס דאַרף באַמערקט ווערען, אַז לעאָן קרישטאָל איז געווען דער ערשטער צו שרייבען אַ פולע לעבענס־געשיכטע פון פּרעזידענט רוזוועלט. היינט זיינען פאַראַן אָהן אַ שיער ביאָגראַפיעס פון רוזוועלט אויף ענגליש און אויף אַנדערע שפּראַכען. אָבער קרישטאָל איז געווען דער פּיאָנער אויף דעם געביט.

אויך פאַר זיין ווערק וועגען טאָלסטאָי'ען האָט ער באַנוצט קוואַלען וואָס זיינען ניט באַנוצט געוואָרען פון פריהערדיגע שריי־בער איבער דער טעמע.

עס איז צום באַדויערען וואָס די צוויי ווערק זיינען נאָך ביז איצט ניט אַרויסגעגעבען געוואָרען אין בוך פאָרם.

* * *

חיים עהרענרייך איז אייגענטליך אין גאַנצען אַן אַמעריקאַ־נער. זיינע עלטערען האָבען איהם געבראַכט אין אַמעריקע ווען ער איז אַלט געווען ניט מעהר ווי צעהן יאָהר. ער איז דאָ געגאַנ־גען אין סקוהל און האַי סקוהל און זיין העכערע בילדונג האָט ער באַקומען אין ניו־יאָרק יוניווערסיטי. ער האָט אָבער די אַלע יאָהרען פון שטודירען ניט פאַרנאַכלעסיגט זיין אידישע בילדונג. דאָס האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען הויפּטזאַכליך זיין היים, וועלכע איז געווען אַ פּועל־ציוניסטישע. ווען די ערשטע נאַציאָנאַלע ראַדיקאַלע שוהלע איז געגרינדעט געוואָרען איז ער אין איהר אַריינגעטראָטען אַלס ערשטער שילער.

אין „פאָרווערטס" איז עהרענרייך אָנגעקומען סוף יאָהר 1922, נאָך איידער ער האָט פאַרענדיגט זיין קורס אין אוניווערזיטעט. אב. קאַהאַן האָט דאַמאָלסט געזוכט פאַר דער רעדאַקציע אַן אַמע־ריקאַנער יונגענמאַן, מיט אַן אַמעריקאַנער אויסבילדונג, וועלכער זאָל קענען שרייבען גוט אידיש. און פון אַ גרויסע צאָהל קאַנ־דידאַטען וואָס האָבען זיך געמאָלדען האָט ער אויסגעקליבען חיים עהרענרייך.

די לעזער פון „פאָרווערטס" קענען חיים עהרענרייך הויפּט־זאַכליך אַלס רעדאַקטאָר פון דער טעאַטער אָפּטיילונג. ער האָט דעם אַמט פאַרנומען כמעט די גאַנצע צייט וואָס ער איז אַ מיט־גליד פון דער רעדאַקציע. דאָס איז דערפאַר ווייל ער איז שטענ־דיג געווען און איז ביז היינט פאַרבליבען אַ ליבהאָבער פון טעאַטער און פון אַלע צווייגען פון דער אונטערהאַלטונגס־קונסט, ווי די מואוויס, מוזיק, טאַנץ און אַזוי ווייטער. ער איז אינטים באַקענט מיט פילע פון די וויכטיגסטע קינסטלער און פערזענליכקייטען ניט בלויז אין דער אידישער אונטערהאַלטונגס־וועלט נאָר אויך אין דער אַמעריקאַנער. און אין אַלץ וואָס ער שרייבט שפּיגעלט זיך אָפּ זיין גרינדליכע באַקאַנטשאַפט מיט דער טעמע, און זיין פּער־זענליכע ליבשאַפט צו דער קונסט און די קינסטלער.

די טעאַטער אָפּטיילונג איז אָבער בלויז אַ טייל פון חיים עהרענרייכ׳ס אַרבייט אין „פאָרווערטס". ער פיהרט אָן מיט נאָך אַן אָפּטיילונג אונטער זיין פען־נאָמען סידני גאָרדאָן. די אָפּטיילונג וועט, האָפען מיר, ווען עס איז ריכטיג אָפּגעשאַצט ווערען און אויסגענוצט ווערען פון סאָציאָלאָגען און קולטור־היסטאָריקער פון דער אידישער אַמעריקע.

איך האָב אין זינען פאַרשטעהט זיך סידני גאָרדאָנ׳ס ווע־כענטליכען פיטשור, אין די שבת׳דיגע נומערען „פאָרווערטס". די מעהרסטע פון די מעשיות זיינען אמת׳ע פאַסירונגען באַזירט אויף קייסעס פון דער אידישער דיזוירשאָן ביוראָ. אַ סך אַנדערע זיינען מעשיות באַזירט אויף קייסעס אין אַנדערע פאַרשידענע אידישע אינסטיטוציעס אָדער אויף אמת׳ע פאַסירונגען גענומען פון אַנדערע

קוואַלען. די געשיכטעס זיינען געשריבען ווי „פיקשאָן" און לייענען זיך ווי ליטעראַרישע פאַרפאַסונגען. זיי זיינען אָבער אַלע גענומען פון לעבען, פון אידישען לעבען אין אַמעריקע. אין דעם באַשטעהט זייער הויפּט ווערט.

* * *

מ. ווינאָגראַד האָט אָנגעהויבען זיין קאַריערע אַלס דיכטער. ער האָט געהערט צו די גאַר „יונגע" וואָס האָבען אָנגעהויבען צו שאַפען נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה. צו צוואַנציג יאָהר האָט ער שוין אָפּגעדרוקט אַ צאָהל לידער אין צייטונגען און זשורנאַלען וועלכע האָבען אָנערקענונג פון די בעסערע גיוואונען פאַר איהם קריטיקער. זיינע לידער האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט פיינע געדאַנקען און אַ געשליפענער שפּראַך; מען האָט ערוואַרטעט אַז ער וועט געהן גאַר ווייט אַלס פּאָעט.

ליידער האָט ער פּלוצלינג אויפגעהערט צו שרייבען פּאָעזיע. וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט ווייס איך ניט. וואַרשיינליך האָבען געווירקט די שטורעמדיגע געשעהענישען פון דער צייט: דער היטלעריזם, די מלחמה, דער קאָמוניזם, וועלכע האָבען אָפּגעצויגען ווינאָגראַד׳ס גאַנצע אויפמערקזאַמקייט און ער האָט וועגען קיין אַנדער זאַך ניט געקענט טראַכטען אָדער שרייבען.

אין „פאָרווערטס" איז ווינאָגראַד אָנגעקומען אין יאָהר 1925 נאָכדעם ווי ער איז צוריקגעקומען פון אַ רייזע קיין ארץ ישראל אויף וועלכער אַב. קאַהאַן האָט איהם מיטגענומען אַלס זיין סעקרע־טאַר. אויף דער רייזע האָט קאַהאַן געהאַט אַ געלעגענהייט זיך צו באַקענען מיט ווינאָגראַד׳ס אויסערגעוועהנליכע טאַלאַנטען און פעהיגקייטען און ער האָט איהם אָנגעבאָטען אַ שטעלע אין דער רעדאַקציע.

דער נאָמען מ. ווינאָגראַד דערשיינט זעהר זעלטען אין „פאָר־ווערטס". ווינאָגראַד׳ס שטעמפּעל ליגט אָבער אויף יעדער זונטאָג־דיגער קונסט־ביילאַגע, וועלכע ער רעדאַקטירט שוין עטליכע און צוואַנציג יאָהר. די קונסט ביילאַגע ווערט געשעצט ניט בלויז פון

די אידישע „פאָרווערטס״ לעזער, נאָר אין פאַרשידענע אַמעריקאַנער קרייזען, אין רעגירונגס דעפּאַרטמענטס, קונסט און קולטור אינסטי־טוציעס, מוזעאומס און גאַלעריעס. זיי האַלטען עס פאַר אַ כבוד צו קריגען די אנערקענונג פון דער קונסט ביילאַגע, זיין דאָרט פאַרטראָטען דורך בילדער און קונסט ווערק.

דאָס איז דערפאַר, ווייל ווינאָגראַד האָט דערהויבען די קונסט ביילאַגע פון „פאָרווערטס״ צו אַ הויכען ניוואָ, דורך זיין אויסוואַהל פון בילדער און דורך זיינע טרעפליכע אונטערשריפטען. ווינאָ־גראַד איז אַ מייסטער פון שפּראַך, סאַי פון אידיש און סאַי פון ענגליש. זיין יעדע פראַזע איז געשליפען און רייך אין געדאַנקען.

קאַפּיטעל נײַן־און־דרײַסיק

די פיר מענעדזשערס פון „פאָרווערטס״

אַדאָלף העלד, ב. שלעזינגער, ב. װלאַדעק און אַלעקסאַנדער קאַהן

דער מענעדזשער, אָדער פאַרוואַלטער פון דער ביזנעס אָפּטיילונג אין אַ צײַטונג האָט געוויינלעך ווייניג פאַרבינדונג מיט דער רעדאַקציע. די ביזנעס־אָפּטיילונג זאָרגט פאַר דעם גוף פון דער צײַטונג, די רעדאַקציע זאָרגט פאַר איהר נשמה. און כאָטש עס איז פאַראַן אַן אַלטער שפּריכוואָרט, אַז אַ „געזונטע נשמה״ נויטיגט זיך אין אַ „געזונטען גוף״, איז דאָס ניט שטענדיג אמת אין באַצוג צו דער פּרעסע. דער פאַקט איז אַז אַ סך צײַטונגען, וואָס זיינען שוואַך און קראַנק אין אינהאַלט, מאַכען דעם גרעסטען ערפאָלג אַלס אַ ביזנעס.

דער „פאָרווערטס״ איז אין דעם פּרט אַ זעלטענער אויסנאַהם. זיינע ביזנעס־מענעדזשערס זיינען געווען אימער ענג פאַרבונדען מיט דער רעדאַקציע. זיי זיינען ניט בלויז געווען פאַראינטערעסירט אין די רעדאַקציאָנעלע אַנגעלעגענהייטען, נאָר האָבען אויסגעאיבט אַן איינפלוס אין שאַפען די פּאָליסיס פון דער צײַטונג און אין באַשטימען איהר שטעלונג צו פראַגען פון טאָג.

די פיר מענעדזשערס האָבען געפיהרט די געשעפטען פון דער צײַטונג אין די פאַרגאַנגענע 57 יאָהר. זיי האָבען זיך צייטענווייז אויך באַטייליגט אין דער רעדאַקציע אַלס שרייבער. די פיר זיינען אַדאָלף העלד, ב. שלעזינגער, ב. װלאַדעק און אַלעקסאַנדער קאַהן.

אַדאָלף העלד האָט פאַרנומען דעם וויכטיגען פּאָסטען פון נייעס־רעדאַקטאָר פיר יאָהר צייט, פון 1908 ביז 1912. דעם זעלבען רע־דאַקציאָנעלען אַמט פון נייעס־רעדאַקטאָר האָט אויך ב. וולאַדעק גע־האַלטען עטליכע יאָהר, פון 1915 ביז 1918.ביידע, העלד און וולאַ־דעק, זיינען פון דער רעדאַקציע אַריבער אין דער ביזנעס אָפּטיילונג און דאָרט איבערגענומען דעם העכסטען פּאָסטען. אַדאָלף העלד האָט געדינט אַלס גענעראַל מענעדזשער פון 1912 ביז 1918 און וולאַדעק פון 1918 ביז זיין פריהצייטיגען טויט אין 1938.

ב. שלעזינגער, וועלכער איז געווען ביזנעס־מענעדזשער פון 1907 ביז 1912, האָט ליב געהאַט צו שרייבען. שרייבען איז ביי איהם געווען אַ „האַבי" און ער האָט ענטוויקעלט אַ קלאָהרען, לייכטען סטיל. אין די יאָהרען וואָס ער איז געווען ביזנעס־מע־נעדזשער און אויך שפּעטער, ווען ער איז געוואָרען דער פּרעזי־דענט פון דער אינטערנעשאָנעל ליידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, האָט ער אָפּגעדרוקט אין „פאָרווערטס" אַ היפּשע צאָהל אַרטיקלען וועגען אַרבייטער און יוניאָן פּראָבלעמען און טעטיגקייטען. ב. שלעזינגער האָט קיין זאַך ניט גענומען לייכט. אַלץ וואָס ער האָט גע־טאָן, האָט ער געטאָן מיט זיין גאַנצער ענערגיע. באַזונדערס ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ זאַך, וואָס ער האָט ליב געהאַט. אַזוי ווי שרייבען איז ביי איהם געווען, ווי געזאָגט, אַ „האַבי", אַן „אַרבייט פון ליבע", פלעגט ער אין יעדען אַרטיקעל אַריינלייגען אַלע זיינע כוחות. ער פלעגט שרייבען און איבערשרייבען, און איז קיינמאָל ניט געווען אינגאַנצען צופרידען מיט דעם רעזולטאַט. אין זיין האַרץ האָט געגליהט אַ פונק פון אַ שריפטשטעלער.

אַלעקסאַנדער קאַהן, וועלכער איז ערוועהלט געוואָרען צום מענעדזשער אַמט אין 1938 און באַקליידעט דעם אַמט נאָך איצטער, שרייבט אַמאָל אויך אויף אידיש. אָבער מעהרסטענס זיינען זיינע אַרטיקלען און רעדעס איבער סאָציאַליסטישע און אידישע פּראָ־בלעמען און געשעהענישען אין דער סאָציאַליסטישער און אידישער וועלט איבערזעצט פון ענגליש פאַר'ן „פאָרווערטס". אין דעבאַטען איבער וויכטיגע פראַגען, וואָס קומען פאָר אויף די שפּאַלטען פון

אונזער צייטונג צווישען אונזערע מיטאַרבייטער, נעמט אַלעקסאַנדער קאַהן אַ וואָרט.

ניט אין דער אַקטיווער מיטאַרבייטערשאַפט אַלס שרייבער דאַרף מען זוכען די פאַרבינדונג פון אונזערע ביזנעס מענעדזשערס מיט דער רעדאַקציע. וויכטיגער איז, ווי געזאָגט, דער איינפלוס וואָס זיי איבען אויס דורך דער „פאָרווערטס״ אַסאָסיאיישאָן, וואו זיי פאַר־נעמען אַן אָרט צווישען די הויפט פיהרער אין אומדירעקט דורך זייערע אינטימע באַציהונגען מיט די רעדאַקטאָרען און די מיט־אַרבייטער. צו זייערע מיינונגען איבער רעדאַקציאָנעלע פּאָליסיס און אנגעלעגענהייטען הערען זיך אַלע צו מיט רעספּעקט, ניט ווייל זיי זיינען די ביזנעס־פאַרוואַלטער, נאָר ווייל זיי זיינען פיהרענדע פּערזענליכקייטען אין די אָרגאַניזאַציעס, באַוועגונגען, אינסטיטו־ציעס, וואָס דער „פאָרווערטס״ האַלט אַלס זיין אויפגאַבע צו דינען, און ווייל זיי פאַרנעמען אַן אָנגעזעהענעם פּלאַץ אין דער אידישער עפענטליכקייט אין אַלגעמיין.

אויף ווי ווייט דער איינפלוס פון די ביזנעס מענעדזשערס אויף רעדאַקציאָנעלע אנגעלעגענהייטען האָט דערגרייכט קען מען דרינ־גען פון דעם פאָלגענדען פאַקט: אין די שאַרפע קאָנפליקטען און דעבאַטען ביי דער „פאָרווערטס״ אַסאָסיאיישאָן איבער שרייבער און רעדאַקציאָנעלע פּאָליסיס האָט פּאַסירט אַ סך מאָל אַז די אָפּאָזיציע צום רעדאַקטאָר׳ס שטאַנדפּונקט איז געפיהרט געוואָרען פון דעם ביזנעס מענעדזשער. וועגען אייניגע פון די קאָנפליקטען ווערען דערצעהלט אין פאַרשידענע קאַפּיטלען פון דעם בוך.

צו ווערען אַ ביזנעס מענעדזשער אין „פאָרווערטס״ האָט דער קאַנדידאַט געדאַרפט האָבען אַ סך מעהר קוואַליפיקאַציעס ווי בלויז קענטעניס און פעהיגקייטען. ער האָט פריהער ווי אַלץ געמוזט האָבען געדינט די באַוועגונגען און אינסטיטוציעס וואָס זיינען דעם „פאָרווערטס״ טייער און הייליג. ער האָט אויך געמוזט שטעהן אויף אַ מאָראַלישער הויך אין די אויגען פון דער אידישער עפענט־ליכקייט. אָט די קוואַליפיקאַציעס האָבען געהאַט די פיר דער־מאָנטע ביזנעס מענעדזשערס, וועלכע האָבען פאַרנומען דעם אַמט אין די פאַרגאַנגענע יאָהרען.

אַדאָלף העלד און אַלעקסאַנדער קאַהן זיינען געקומען קיין אַמעריקע אַלס יונגע קינדער. זיי האָבען גלעערענט אין די היגע סקוהלס און קאָלעדזשעס. אַדאָלף העלד איז געווען אַמעריקאַניזירט אויף אַזוי ווייט אַז זיין קלאַס אין סיטי קאָלעדזש האָט איהם ער־וועהלט אַלס פּרעזידענט און אויך אַלס מענעדזשער פון דעם „בעיז באָל טיעם". דאָך האָט ער פון קינדווייז אָן פאַרבונדען זיין לעבען און זיין קאַריערע מיט דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג. אין 1906, דעם יאָהר וואָס ער האָט פאַרענדיגט קאָלעדזש (ער איז דאַמאָלסט אַלט געווען אַ יאָהר צוואַנציג) איז ער שוין געווען אַזוי באַוואוסט און אַזוי באַליבט און אנערקענט אין דער אידישער אַר־בייטער באַוועגונג, אַז די „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאָן האָט איהם ערוועהלט פאַר דעם דזשענעראַל מענעדזשער. ער האָט דעם אַמט געהאַלטען איין טערמין און איז אַריבער אין דער רעדאַקציע וואו ער האָט, ווי שוין געזאָגט, שנעל איבערגענומען דעם אַמט פון סיטי עדיטאָר. (צוריק אַלס ביזנעס מענעדזשער איז ער געקומען אין 1912).

אַלעקסאַנדער קאַהן איז געווען אַ יונגער אינגעל אין „ניו־פּענטס" ווען די באַוועגונג צו גרינדען דעם „פאָרווערטס" האָט זיך אָנגעהויבען. די באַוועגונג איז געפיהרט געוואָרען דורך אַ „פּרעסע־קלוב" וועלכער האָט געזאַמעלט געלד און געמאַכט פּראָפּאַ־גאַנדע פאַר דער גרינדונג פון אַ אידישער סאָציאַליסטישער און אַרבייטער־צייטונג. דער יונגער אַלעקסאַנדער קאַהן איז געווען אַ מיטגליד פון דעם „פּרעסע־קלוב".

אַדאָלף העלד איז פאַרבליבען אַלס אָנגעשטעלטער אין „פאָר־ווערטס" (ענטוועדער אין דער רעדאַקציע אָדער אַלס דער ביזנעס פאַרוואַלטער) ביז נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה אין 1918. אין פאַרלויף פון די זעלבע יאָהרען האָט אַלעקסאַנדער קאַהן ענטוויי־קעלט זיין טעטיגקייט אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכע ער האָט געהאָלפען גרינדען און וואו ער איז אייניגע טערמינען גע־ווען אין דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע. ער איז אויך געווען איינער פון די אַקטיווסטע מיטגלידער פון דער „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאָן.

אַדאָלף העלד

ב. וולאַדעק

אַלעקסאַנדער קאַהן

ביז דעם שלוס פון דער ערשטער וועלט מלחמה איז די טעטיגקייט פון דער אידישער אַרבייטערשאַפט געווען קאָנצענטרירט הויפּטזעכליך אויף אָרגאַניזירען יוניאָנס און אויף העלפען דעם אויפבוי פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. און עס פאַרשטעהט זיך, אַז דער „פאָרווערטס“ אַלס דער אָרגאַן פון דער אידישער אַרבייטערשאַפט האָט זיך אויך אָפּגעגעבען אַמייסטענס מיט די צוויי אויפגאַבעס. אין אַ טייל פון די יאָהרען צווישען 1912 און 1918 האָט דעם אַמט פון ביזנעס מענעדזשער פאַרנומען ב. שלעזינגער. שלעזינגער איז צום „פאָרווערטס“ געקומען ניט דורך דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, נאָר דורך דער טרייד יוניאָן באַוועגונג. אָנגעהויבען זיין יוניאָן טעטיגקייט האָט ער נאָך אַלס אינגעל אין שיקאַגאָ, וואו ער האָט געאַרבייט אין אַ קלאָוקס שאַפּ. ווען ער איז געקומען אין ניו יאָרק, האָט ער שוין געהאַט אַ רעפּוטאַציע פון אַ פעהיגען, ענערגישען יוניאָן טוער און ער האָט גלייך פאַרנומען אַן אָרט צווישען דער פיהרערשאַפט פון דער היגער קלאָוקמאַכער יוניאָן. אין 1907 האָט ער געפיהרט דעם ריפּערמאַכער־סטרייק, וואָס האָט אויפגערודערט די גאַנצע אידישע אַרבייטער־באַוועגונג. ער איז דאַמאָלסט געווען אַן אָפטער אַריינגעהער אין דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס“ מיט באַריכטען און מיט אַגיטאַציע פאַר דעם סטרייק.

ב. שלעזינגער איז פאַרשטעהט זיך געווען אַ מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. און אַלס באַאַמטער פון דער „אינטערנעשאָנעל“ איידער ער איז געוואָרען מענעדזשער פון „פאָרווערטס“ און אויך נאָכדעם ווי ער איז פון מענעדזשער־אַמט אַרויס, האָט ער אַוועקגעגעבען אַ סך צייט און ענערגיע צו העלפען די סאָציאַליסטישע קאַמפּעינס אין די אידישע קוואַרטאַלען. אָבער דאָס איז ביי איהם געווען אַ ביי־זאַך. ווי איך האָב אָנגעוויזען פריהער איז ב. שלעזינגער געווען פון נאַטור אַ מענש וואָס האָט ניט געקענט צעשפּאַלטען זיינע כוחות אויף פאַרשידענע געביטען. ווען ער האָט עפּעס אונטערגענומען, האָט ער זיך אויף דעם קאָנצענטרירט אויף די פולע הונדערט פּראָצענט. אין די יאָהרען וואָס ער איז געווען דער ביזנעס מענעדזשער פון „פאָרווערטס“ האָט ער געגעבען דעם

„פאָרווערטס" זיין גאַנצע ענערגיע, און אין די יאָהרען וואָס ער איז געווען דער פיהרער פון דער „אינטערנעשאָנעל" האָט ער זי גע־דינט אויף דעם זעלבען שטייגער. און די אַבסאָלוטע קאָנצענטרירונג פון כוחות האָבען געבראַכט רעזולטאַטען. ער איז געווען ערפאָלג־רייך אין „פאָרווערטס" און אין דער יוניאָן.

נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה זיינען די אידישע מאַסען אין אַמעריקע פאַרכאַפּט געוואָרען פון נייע אינטערעסען און נייע פּראָבלעמען. עס איז אויפגעקומען די דרינגענדע נויטווענדיקייט צו העלפען די אידישע מלחמה קרבנות אין אייראָפּע, העלפען זיי אויפבויען זייער צובראָכענעם לעבען און העלפען זיי אימיגרירען קיין אַמעריקע. עס איז אויפגעקומען דער אינטערעס אין ארץ ישראל, וואָס איז אין 1917 פּראָקלאַמירט געוואָרען אַלס אַ אידיש היימלאַנד דורך די באַלפור דעקלאַראַציע, און עס איז אויפגעקומען די פּראָבלעם פון קאָמוניזם — קאָמוניזם אין סאָוועטען לאַנד און קאָמוניזם אין דער היגער אַרבייטער באַוועגונג, איבערהויפּט אויף דער אידישער גאַס.

אין די צוואַנציגער און אָנפאַנג דרייסיגער יאָהרען האָט גע־שטורעמט און געקאָכט אויף דער אידישער גאַס מיט טעטיגקייטען אויף די אַלע געביטען. און יעדערער פון די פיר „פאָרווערטס"־מענעדזשערס האָט געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע און געמאַכט אַ וויכטי־גען בייטראַג צו אָט־די טעטיגקייטען. שלעזינגער איז דאַמאָלסט כמעט ווי די גאַנצע צייט געווען דער פיהרער פון דער „אינטערנעשאָנעל" און ער האָט געשטעלט די גרויסע אַרבייטער אָרגאַניזאַציע צום דינסט פון אידישען רעליף און זי מאָביליזירט אין קאַמף געגען קאָמוניזם. אַדאָלף העלד איז די פינף יאָהר פון 1920 ביז 1925 געווען דער הויפּט־דירעקטאָר פון דער האַיאַס אין אייראָפּע און האָט דאָרט אָנגעפיהרט מיט דער עמיגראַציע פון די אידען קיין אַמעריקע.

ב. וולאַדעק איז אין יענע יאָהרען געווען פאַרנומען אויף עטליכע געביטען מיט אַמאָל, יעדע פון זיי איבערגעענוג פאַר די כוחות פון איין מענש. ער איז ערשטענס געווען דער מענעדזשער פון „פאָר־ווערטס". צווייטענס, איז ער געווען פאַרטאָן אין פּאָליטישע עפּענט־

ליבע און סאָציאַלע אַרבייט פאַר דער שטאָט ניו יאָרק, פריהער אַלס מיטגליד פון דעם סיטי קאונסיל און שפּעטער אַלס איינער פון די הויפּט פאַרוואַלטער פון „פּאָבליק האוזינג״ (ביים בויען פון וואוינונגען פאַר אָרימע פאַמיליעס). ער האָט אויך אין יענע יאָהרען געגרינדעט און געפיהרט דעם אידישען אַרבייטער קאָמיטעט, אין וועלכען ער האָט פאַראייניגט אַלע אידישע יוניאָנס און אַנדערע אַר־בייטער אָרגאַניזאַציעס אין אַ קערפּערשאַפט, וואָס האָט זיך גע־שטעלט די אויפגאַבע צו פאַרטיידיגען אידישע אינטערעסען איז אַמעריקע און אין אויסלאַנד און אויך צו שטיצען סאָציאַליסטישע און פּראָגרעסיווע אונטערנעמונגען, ספּעציעל אַזוינע וואָס זיינען פון באַזונדער אינטערעס פאַר די אידישע אַרבייטער מאַסען.

אַלעקסאַנדער קאַהן האָט זיך אין די ערשטע נאָך־מלחמה־יאָהרען אַריינגעוואָרפען אין דער אַרבייט פון רעליף פאַר די אידען אין די מלחמה־לענדער. עס פאַרשטעהט זיך אַז ער איז אין די רעליף אָרגאַניזאַציעס געקומען אַלס פאַרשטעהער פון דער אידי־שער אַרבייטערשאַפט. ער איז ערוועהלט געוואָרען אַלס טשערמאַן פון דער „פיפעלס רעליף קאָמיטע״ וועלכע איז געווען צונויפגע־שטעלט פון פאַרשטעהער פון אַלע צווייגען פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג. ער האָט דעם אַמט געהאַלטען אַזוי לאַנג ווי דער פיפעלס רעליף האָט עקזיסטירט. שפּעטער ווען די אַלע רעליף אָרגאַניזאַציעס האָבען זיך פאַראייניגט אין דער „דזשאָינט דיסטרי־ביושאָן קאָמיטע״ איז ער ערוועהלט געוואָרען אַלס וויס־פּרעזידענט פון דער קאָמיטע. ער איז אויך דער טשערמאַן פון דער „איסט יוראָ־פּיען רעליף״.

אין די פריהערדיגע קאַפּיטלען איז מיר אויסגעקומען צו שריי־בען וועגען די קאָנפליקטען אין דער „פאָרווערטס״־אַסאָסיאיישאָן אין דער פראַגע פון ארץ ישראל. איינער פון די הויפּט אָנפיהרער פון דער פּראָ־ארץ־ישראל פראַקציע אין דער אַסאָסיאיישאָן איז געווען אַלעקסאַנדער קאַהן. מיט איהם זיינען געשטאַנען אַזוינע איינפלוסרייכע און פּראָמינענטע מיטגלידער פון דער אַסאָסיאיישאָן און פיהרער פון די אידישע יוניאָנס ווי מאַקס פּיין און אייברעהעם

שיפלאַקאָף. ווען עס איז אָרגאַניזירט געוואָרען דער געווערקשאַפ־טען קאַמפּיין צו העלפען די הסתדרות אין ארץ ישראל איז אַלעק־סאַנדער קאַהן געווען צווישען די ערשטע מיטגלידער און פיהרער. ער איז נאָך היינט איינער פון די וויצע־טשערלייט פון דער אָר־גאַניזאַציע.

אויף ווי ווייט אַלעקסאַנדע קאַהנ׳ס אַרבייט אויף דעם געביט פון ארץ ישראל איז אָפּגעשאַצט געוואָרען, קען מען דרינגען פון דעם פאַקט וואָס ער איז ערוועהלט געוואָרען אין דער אַדמיניסטראַ־טיווער קאָמיטע פון דער אידישער אַגענטור אונטער דער „ליעג אָוו נעישאָנס״ און ער האָט דעם אַמט געהאַלטען אַזוי לאַנג ווי די קאָמיטע האָט עקזיסטירט.

אַ גרויסען בייטראַג האָט אַלעקסאַנדער קאַהן געמאַכט צום קאַמף געגען קאָמוניזם אויף דער אידישער גאַס. ער האָט די אַרבייט אָנגעהויבען גלייך ווי די פּראָבלעם איז אויפגעשוואומען אין די צוואַנציגער יאָהרען און האָט זי פאָרגעזעצט מיט פאַרשטאַרקטער ענערגיע נאָכדעם ווי ער איז געוואָרען דער מענעדזשער פון „פאָר־ווערטס״. ער האָט באַקעמפט דעם קאָמוניזם פריהער אין דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, שפּעטער אין דער אַמעריקאַן לעיבאָר פאַרטיי, וועלכע ער האָט געהאָלפען גרינדען און פון וועלכער ער איז געווען איינער פון די פיהרער אַזוי לאַנג ווי זי איז געווען געטריי צום דעמאָקראַטישען סאָציאַליזם. שפּעטער ווען די לעיבאָר פאַרטיי איז פאַרכאַפּט געוואָרען פון די קאָמוניסטען האָט אַלעקסאַנדער קאַהן זי פאַרלאָזט צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע דעמאָקראַטישע סאָ־ציאַליסטען און ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער ליבעראַל פאַרטיי.

פון די פיר „פאָרווערטס״ מענעדזשערס״ זיינען היינט בלויז צוויי צווישען די לעבעדיגע. אַדאָלף העלד און אַלעקסאַנדער קאַהן. אַלעקסאַנדער קאהן איז דער מענעדזשער פון אונזער צייטונג, און אַדאָלף העלד איז דער פּרעזיענט פון דער „פאָרווערטס״ אַסאָסיאיי־שאָן. אַדאָלף העלד האָט אויך איבערגענומען די פיהרערשאַפט פון

דעם אידישען אַרבייטער קאָמיטעט נאָך וולאַדעק'ס טויט אין 1938. אין די יאָהרען פון העלד'ס פיהרערשאַפט האָט דער אַרביי־טער קאָמיטעט אַריינגעשריבען די גלענצענדסטע קאַפּיטלען פון זיין געשיכטע — די קאַפּיטלען וואָס באַציהען זיך אויף רעטונגס אַרבייט פון היטלער קרבנות, אויף קאַמף געגען אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע און אויף פאַרשידענע הילפס־טעטיגקייטען אין פאַר־בינדונג מיט דער אַרבייטערשאַפט אין ישראל און אין אַנדערע לענדער.

קאַפּיטעל פערציג

די „פאָרווערטס״ אַסאָסיאיישאָן

דער באַלעבאָס פון „פאָרווערטס״ איז די „פאָרווערטס אַסאָסיאיישאָן״. די אַסאָסיאיישאָן באַשטעהט פון אַרום 150 מיטגלידער. קיינער פון די מיטגלידער האָט ניט געמאַכט קיין שום געלט־אינ־ וועסטמענט אין די ביזנעס און ציהט ניט פון איהר קיין שום פּראָ־ פיטען. די אַסאָסיאיישאָן איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין 1897 פון אַ גרופּע סאָציאַליסטען מיט דעם צוועק אַרויסצוגעבען דעם „פאָר־ ווערטס״. די גרופּע האָט זיך געווענדעט צום פאָלק, ספּעציעל צו די אַרבייטער, זיי זאָלען ביישטייערען וויפיל זיי קענען פאַר דער גרינדונג פון אַ אידישער סאָציאַליסטישער צייטונג. אָפּגערופען האָבען זיך, פאַרשטעהט זיך, יענע אַרבייטער וואָס האָבען געגלויבט אין די פּרינציפּען פון סאָציאַליזם און אין דער נויטווענדיקייט פון אַ צייטונג צו פאַרשפּרייטען די אידעען פון סאָציאַליזם צווישען די אידישע מאַסען. די סומען וואָס זיינען געזאַמעלט געוואָרען זיינען געווען ווייט ניט גענוג פאַר דער אונטערנעמונג, און די מיטגלידער פון דער אַסאָסיאיישאָן האָבען יאָהרען־לאַנג געאַרבייט שווער צו געפינען מיטלען אויף דעקען די דעפיציטען. זייער איינ־ ציגע באַלוינונג פאַר דער מיה איז געווען וואָס די צייטונג האָט געקראָגען כסדר אַ שטאַרקערען און גרעסערען אָנהאַלט אויף די אידישע מאַסען, און וואָס זי איז כסדר געוואַקסען אין פּרעס־ טיזש און איינפלוס. און די ברייטע אַרבייטער מאַסען, וואָס האָבען די צייטונג געשטיצט מיט זייערע ביישטייערונגען און זייער אַגיטאַציע, האָבען אַלס זייער באַלוינונג געהאַט דאָס וואָס דער „פאָרווערטס״ האָט זיי געלערענט און זיי געהאָלפען אויפצובויען זייערע באַוועגונגען און אינסטיטוציעס — די אידישע סאָציאַליסטי־

שע פּאַרטיי, די אידישע יוניאָנס, דעם אַרבייטער רינג און די אידישע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטליכע און קולטור־אָרגאַניזאַציעס.

די מיטגלידערשאַפט פון דער „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאָן איז געוואקסען לאַנגזאַם. צו ווערען אַ מיטגליד איז נויטיג געווען בלויז, אַז דער קאַנדידאַט זאָל זיין באַוואוסט אַלס גוטער סאָציאַליסט און אַז אַ מאַיאָריטעט פון די מיטגלידער פון דער אַסאָסיאיישאָן זאָלען שטימען איהם אַריינצונעמען. איידער די אַסאָסיאיישאָן האָט גע־שטימט פאַר אַ נייעם מיטגליד האָט זי אויסגעהערט דעם רעפּאָרט און רעקאָמענדאַציע פון אַ ספּעציעלער קאָמיטע, וועלכע האָט פריהער געמאַכט אַ גענויע אויספאָרשונג וועגען איהם און זיך גוט ערקונדיגט צי ער איז פּאַסיג צו ווערען אַ מיטגליד.

אַזוי האָט עס פּאַסירט אַז די מיטגלידער פון דער אַסאָסיאיישאָן זיינען געווען געקליבענע מענשען: סאָציאַליסטישע שרייבער און טוער, יוניאָן פיהרער און טוער, פּראָמינענטע טוער אין אַרבייטער רינג און אַזוי ווייטער. צו ווערען אַ מיטגליד פון „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאָן איז באַטראַכט געווען פאַר אַ כבוד אין די סאָציאַ־ליסטישע און אַרבייטער קרייזען.

* * *

די אַסאָסיאיישאָן איז ביז היינטיגען טאָג פאַרבליבען די זעלבע ווי ביי איהר גרינדונג מיט קנאַפּע זעכציג יאָהר צוריק. דער כאַראַקטער פון דער מיטגלידערשאַפט איז דער זעלבער, די פליכ־טען און אויפגאַבען איהרע זיינען די זעלבע. אין לויף פון דער צייט איז דער „פאָרווערטס" אַלס אַ ביזנעס געווען אַן ערפאָלג. עס זיינען געווען אַ פּאָר צענדליג יאָהר ווען די ביזנעס האָט אַריינ־געטראָגען גרויסע פּראָפיטען. די מיטגלידער פון דער אַסאָסיאיי־שאָן האָבען פון דעם געהאַט בלויז אַ מאָראַלע באַפרידיגונג — די באַפרידיגונג וואָס זיי האָבען געקענט באַשטימען וועלכע באַ־וועגונג, וועלכע יוניאָן, וועלכע קולטור־ אָדער הילפס־אָרגאַניזאַציע זאָל געשטיצט ווערען מיט די געלט פון די פּראָפיטען און ווי גרויס די שטיצע זאָל זיין. אָבער פאַר זיך אַליין האָבען די מיטגלידער ניט געקענט אָנריהרען אַ סענט פון די פּראָפיטען.

אין דער קאָנסטיטוציע פון דער „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאָן
איז דאָ אַ פונקט, אַז יענע מיטגלידער פון דער אַסאָסיאיישאָן וועל־
כע אַרבייטען פאַר דער צייטונג טאָרען ניט ערוועהלט ווערען צום
פאַרוואַלטונגס־ראַט. דער געזעץ איז געמאַכט געוואָרען כדי אויס־
צומיידען דעם מינדסטען פאַרדאַכט, אַז די אָנגעשטעלטע נוצען־
אויס דעם פאַרוואַלטונגס־ראַט צו קריגען פאַר זיך טובות, פּרי־
ווילעגיעס. אמת, דער פאַרוואַלטונגס־ראַט קען אַליין גאָרניט טאָן.
ער מוז אַלע זיינע באַשלוסען באַריכטען צום אַלגעמיינעם מיטינג
פון דער אַסאָסיאיישאָן און קריגען איהר גוטהייסונג. דאָך האָט די
אַסאָסיאיישאָן געהאַלטען אַז עס וועט זיין גלייכער אַז די מיטגלי־
דער, וואָס פאַרדינען געלט אין „פאָרווערטס", זאָלען האָבען וואָס
ווייניגער דעה אין דער פאַרוואַלטונג און שטעהן וואָס ווייטער פון
דער פאַרוואַלטונג וואָס גיט זיך אָפּ מיט דער אויפזיכט איבער די
ביזנעס.

* * *

די אַסאָסיאיישאָן איז, ווי געזאָגט, דער באַלעבאָס פון דער
צייטונג. זי האָט די גאַנצע דעה, די אַבסאָלוטע מאַכט איבער אַלע
צווייגען פון דער צייטונג — איבער דער רעדאַקציע אַזוי גוט ווי
איבער די ביזנעס. דער רעדאַקטאָר קען ניט אַרייננעמען אַ נייעם
שרייבער אָהן דער צושטימונג פון דער אַסאָסיאיישאָן. ווען עס
האַנדעלט זיך וועגען באַשטימען אַ פּאליסי אין באַצוג צו פּאָליטיק,
צו נייע ערשיינונגען אין דער אַרבייטער באַוועגונג, אָדער צו פּראָ־
בלעמען אין אידישען לעבען, מוז דער רעדאַקטאָר קומען צו דער
אַסאָסיאיישאָן, זי זאָל באַשליסען וואָס צו טאָן. געוועהנליך פּאַ־
סירט אין אַזאַ פאַל, אַז דער רעדאַקטאָר רעקאָמענדירט צו דער
אַסאָסיאיישאָן וואָס די פּאליסי דאַרף זיין. דאַן פאַררופט די אַסאָ־
סיאיישאָן אַ ספּעציעלען מיטינג אויסצוהערען דעם רעדאַקטאָר'ס
פאָרשלאַג און צו באַשליסען צי ער זאָל גוטגעהייסען ווערען, מאָ־
דיפיצירט ווערען אָדער פאַרביטען ווערען אויף אַן אַנדערען. דער
באַשלוס פון דער אַסאָסיאיישאָן מוז אויסגעפאָלגט ווערען פון דער
רעדאַקציע.

דעם רעדאַקטאָר׳ס שיקזאַל אין דער רעדאַקציע איז אינגאַנצען אָפּהענגיג אָן דער אַסאָסיאיישאָן. ער ווערט ערוועהלט פון דער אַסאָסיאיישאָן דורך אַ געהיימען באַלאָט אויף אַ טערמין בלויז פון איין יאָהר. אין פאַרלויף פון דעם יאָהר גיט איהם די קאָנסטיטוציע געוויסע רעכט, אַ באַשטימטע מאָס מאַכט אין דער אָנפיהרונג פון דער רעדאַקציע. ער קען רעאָרגאַניזירען די אָפּטיילונגען אין דער רעדאַקציע, אַריבערפיהרען שרייבער פון איין אָפּטיילונג אין אַ צווייטער, קויפען אַרטיקלען פון דרויסענדיגע שרייבער און אַזוי ווייטער. אָבער יעדע זאַך וואָס דער רעדאַקטאָר טוט און יעדע זאַך וואָס אַלע מיטגלידער פון דער רעדאַקציע טוען קענען קריטיקירט ווערען ביי די מיטינגען פון דער אַסאָסיאיישאָן. און דער מיטינג קען באַשליסען צו רופען דעם רעדאַקטאָר צו ענטפערען אויף דער קריטיק. דאָס מאַכט מעגליך פאַר דער אַסאָסיאיישאָן צו באַטראַכטען און דיסקוטירען די פיהרערשאַפט פון דער רעדאַקציע ניט בלויז אין די וואָכען, ווען עס דאַרפען פאָרקומען נייע וואַלען פאַר אַ רעדאַקטאָר און ניט בלויז ווען עס שווימט אַרויף די פּראָבלעם פון אַ נייער פּאָליסי, נאָר צו יעדער צייט דורכ׳ן גאַנצען יאָהר.

* * *

עס וועט זיין פיליכט אָן איבעראַשונג פאַר פיל לעזער צו וויסען, אַז די רעדאַקציע איז ווייניג פאַרטראָטען אין דער אַסאָ־ציאיישאָן. צווישען די 150 מיטגלידער פון דער אַסאָסיאיישאָן זיינען פאַראַן ניט מעהר ווי אַ צענדליג שרייבער פון דער צייטונג. דאָס נעמט זיך וואַרשיינליך פון דעם, וואָס די מעהרסטע שרייבער זיינען ניט קיין אָרגאַניזאַציאָנס־מענשען, האָבען ניט דעם חשק און די געדולד צו געהן צו מיטינגען און צו טאָן די אַרבייט, וואָס אָרגאַ־ניזאַציעס פאָדערען פון זייערע מיטגלידער. אומדירעקט איז דאָס אויך אַ באַווייז, אַז אַן אָנגעשטעלטער אין „פאָרווערטס" קען ניט ערוואַרטען עפּעס צו געווינען דורכדעם, וואָס ער וועט זיין אַ מיטגליד אין דער אַסאָסיאיישאָן. אַלע ווייסען, אַז די באַהאַנדלונג פון אָנגעשטעלטע אין דער רעדאַקציע אָדער אין אַנדערע טיילען פון דער צייטונג איז דיזעלבע פאַר אַסאָסיאיישאָן מיטגלידער ווי פאַר ניט־מיטגלידער.

אַב. קאַהאַן איז געווען איינער פון די עטליכע צענדליג מענ־שען וואָס האָבען געגרינדעט די „פאָרווערטס״ אַסאָסיאיישאָן און די צייטונג. ער איז פאַרבליבען אַ מיטגליד פון דער אַסאָסיאיישאָן דעם גאַנצען לעבען. איך פאַרשפּאָר צו זאָגען, אַז ער איז באַטראַכט געוואָרען פאַר דעם אָנגעזעהענסטען, חשוב׳סטען מיטגליד. די אַסאָ־סיאיישאָן האָט אויסגענוצט יעדע געלעגענהייט צו דעמאָנסטרירען איהר אַנערקענונג, איהר רעספּעקט און איהר דאַנקבאַרקייט צו איהם. זי האָט דורכגעפיהרט פייערונגען פון זיין געבורטסטאָג יעדע פינף אָדער צעהן יאָהר. ביי די יום־טובים פון די „פאָרווערטס״ געבורטסטעג איז אַב קאַהאַן פּראָקלאַמירט געוואָרען פאַר דעם הויפּט־מחותן, אָדער „חתן״ פון דער פייערונג. די אַסאָסיאיישאָן האָט זיך מיט אַב. קאַהאַן געגרויסט און געריהמט פאַר דער גאַנצער וועלט.

און דאָך האָט דיזעלבע אַסאָסיאיישאָן איהם פאַרשאַפט צענדלי־גער ביטערע נעכט און טעג. איך האָב איין זינען די לאַנגע שטורמישע מיטינגען, ביי וועלכע ער איז קריטיקירט געוואָרען און אַטאַקירט געוואָרען פאַר געוויסע אַרטיקלען אין דער צייטונג און ביי וועלכע מעמבערס זיינען אַרויסגעטראָטען מיט אַטאַקעס געגען די רעדאַק־ציאָנעלע פּאָליסיס, וואָס ער האָט פאָרגעשלאָגען. אַב. קאַהאַן איז געווען אַ „פאַיטער״. פאַר זיינער אַ מיינונג, אַ שטאַנדפּונקט, אַן איבערצייגונג איז ער גרייט געווען צו קעמפען מיט אַלע כוחות, זאָגאַר ווען ער האָט געוואוסט פאָראויס, אַז ער האָט ווייניג שאַנסען צו געווינען. אַפילו ווען ער איז שוין געווען גאָר אַלט, אין די טיפע זיבעציגער, פלעגט ער אַלס לעצטער רעדנער אין אַ דיסקוי־סיע ביי אַ מיטינג רעדען שטונדען נאָכאַנאַנד, ביז נאָך האַלבע נאַכט. דעם קאַמף געגען שלום אַש׳ן איבער זיינע יעזוס־ווערק האָט אַב. קאַהאַן אונטערגענומען, ווען ער איז שוין געווען אַכציג יאָהר אַלט. די רעדעס וואָס ער האָט דאַמאָלסט געהאַלטען ביי די אַסאָסיאיישאָן מיטינגען האָט ער פריהער אויפגעשריבען כדי צו זיין זיכער, אַז ער וועט ניט פאַרפעלען קיין איין אַרגומענט. אָבער גערעדט האָט ער צוויי מאָל אַזויפיל ווי עס איז געווען אויפ׳ן פּאַפּיר ער האָט זיך אַלע ווייל דערמאָנט עפּעס צוצוגעבען.

אַב קאַהאַן האָט ביי אַזוינע מיטינגען געמוזט שאַרף און שווער קעמפּען, ווייל ער האָט געהאַט אַ שאַרפע און שווערע אָפּאָזיציע. טראָץ דעם הויכען רעספּעקט וואָס די מיטגלידער האָבען געהאַט פאַר קאַהאַנ׳ען, האָבען זיי איהם ניט געשאַנעוועט, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען פּאָליסיס. די וואָס האָבען מיט איהם ניט איינגעשטימט האָבען עס געזאָגט אָפען. עס האָט אָפט פּאַסירט, אַז מאַנכע מיטגלידער פלעגען זיך אַרויסכאַפּען מיט ווערטער וואָס האָט זיי שפּעטער פאַרדראָסען. אין די צוזאַמענשטויסען איז זעלטען געווען פאַרמישט אַ פּערזענליכער עלעמענט. עס האָט זיך גע־האַנדעלט וועגען פּרינציפּען און איבערצייגונגען פוןביידע זייטען. דערפאַר האָבען זיי אַרויסגערופען אַזוינע ביטערע ליידענשאַפטען.

די מעהרסטע שרייבער, וואָס האָבען אין יענע יאָהרען באַלאַנגט צו דער אַסאָסיאיישאַן, האָבען געשטיצט אַב. קאַהאַנ׳ען. אָבער ניט אַלע. אין פראַגען וועגען סאָציאַליסטישע פּאָליסיס פלעגט צביון כמעט שטענדיג אַרויסטרעטען געגען קאַהאַנ׳ען.

דאַמאָלסט, ווען די קאַמפּען זיינען פאָרגעקומען, איז מען געווען צעהיצט און אויפגערעגט. איצט, ווען מען דערמאָנט זיך אין דעם אין אַ רוהיגען געמיט, קען מען אָפּשאַצען די גרויסע באַדייטונג דערפון. די אַסאָסיאיישאָן איז קיינמאָל ניט געווען פּאַסיוו, האָט זיך קיינמאָל ניט געלאָזען פירען פון איין מענש, ווי גרויס און וויכטיג ער איז ניט געווען. זי האָט אימער געהאַט אַ באַדייטענדע צאָהל מיטגלידער, וואָס האָבען געהאַט אייגענע פעסטע מיינונגען און זיי פאַרטיידיגט — אָפּגעזעהן פון דער גרויס פון דער אָפּאָזיציע.

פון די ערשטע וואָס האָבען געגרינדעט די „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאָן זיינען איצט פאַרבליבען בלויז איינער אָדער צוויי. ווי געזאָגט פריהער, האָט זיך אָבער דער כאַראַקטער פון דער אָרגאַ־ניזאַציע ניט געענדערט. די אַלטע טראַדיציעס ווערען אָפּגעהיט, די אַלטע מעטאָדען ווערען באַנוצט. און אַזוי ווי אַמאָל, אַזוי אויך איצטער, האָט דעם לעצטען און אַנטשיידענעם וואָרט אין דער רעדאַקציע די „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאָן.

אינהאַלט:

זייט

פאָררעדע — 7
דער גייסט פון „פאָרווערטס" — 9
ווי איך בין אַריין אין „פאָרווערטס" — 23
אַב. קאַהאַן, רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" — 29
מיינע ערשטשע קאָלעגען אין דער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע — 35
מ. באַראַנאָוו (בילד פון מ. באַראַנאָוו) — 41
דער לאַנגער ברוגז צווישען אַב. קאַהאַן און א. ליעסין — 47
ב. פייגענבוים (בילד פון ב. פייגענבוים) — 54
בעלעטריסטען, מיטגלידער פון דער רעדאַקציע — 61
(קאָברין, ליבין און מאָריס ראָזענפעלד)
קאָנפליקטען מיט בעלעטריסטען — 68
דער סטאַנדאַרט פון מאָראַל אין „פאָרווערטס" — 76
דער „פאָרווערטס" און דער „בונד" — 84
די שטעלונג פון „פאָרווערטס" צום ציוניזם — 92
דער „פאָרווערטס" און דער אידישער טעאַטער — 100
דר. איסר גינזבורג — 107
רעדאַקטאָרען פון פאַרשיידענע אָפטיילונגען — 115
אידיש און אידישקייט — 121
אברהם רייזען — 127
דער „פאָרווערטס" און די אידישע יוניאָנס — 132
די משפחה פון ראַדיקאַלע באַוועגונגען — 139
בן־ציון מיימאָן — 145
די סאָציאַליסטישע קאַמפּעינס אין די אידישע קוואַרטאַלען — 151
מ. אָשעראָוויטש, שלמה בן ישראל און דזשעי גרעיסאָן — 157
דר. ל. פאָגעלמאַן און יעקב רייך — 163
חיים ליבערמאַן און נ. זאַלאָוויץ — 170

זייט

די לייט־אַרטיקלען — ווער שרייבט זיי? — — — — — — — — — — — — 176
י. י. זינגער — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 182
ד. שוב און ל. הענדין — — — — — — — — — — — — — — — 188
בריף אין פאַרשיידענע אָפּטיילונגען פון דער רעדאַקציע — — — — — — — 195
ר. אַבראַמאָוויטש — — — — — — — — — — — — — — — — — 202
ב. וולאַדעק — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 209
דוד איינהאָרן — — — — — — — — — — — — — — — — — — 215
בונדיסטישע שרייבער — — — — — — — — — — — — — — — — 221
(צביון און אַלגין, מעדעם, ליטוואַק און ב. שעפנער)
יצחק באַשעוויס — — — — — — — — — — — — — — — — — — 227
רייזעס פון „פאָרווערטס"־מיטאַרבייטער אין סאָוועט־רוסלאַנד — — — — — 234
ז. שניאור — 243
דוד ליבערזאָן און ס. רעגענסבערג — — — — — — — — — — — — 249
הומאָריסטען אין „פאָרווערטס" — — — — — — — — — — — — — — 255
(ב. קאָוונער, חנא גאָטעספעלד, דער טונקעלער, י. מאַרשעליק,
י. גאָלדשטיין, לאָלאַ)
לעאָן קרישטאַל, חיים עהרענרייך און מ. ווינאָגראַד — — — — — — — — 262
די פיר מעענדזשערס פון „פאָרווערטס" — — — — — — — — — — — 269
(אַדאָלף העלד, ב. שלעזינגער, ב. וולאַדעק און אַלעקסאַנדער קאַהן)
„פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאָן — — — — — — — — — — — — — — — 278